אונזערע אויפגאבען

אין

ארץ־ישראל

א זאמעלבוך.

HARVARD
UNIVERSITY
LIBRARY

453

אדעססא, תרס"ח.

דרוק פון ח. נ. ביאליק–ש. ב. בורישקין.

צְווייַ פְּרַאגֶען.

פון מ. אוסישקין.

דאָס איז געווען פריהלינגס־צייט אין'ם יאָהר 1891. איך האָב מיר שפּאַציערט אונטער'ן בּארג כרמל. א זעלטען שעהן פלאץ; דער שמאָלער טהאָל, וואָס צווישען בּארג און דעם ברעג פונ'ם מיטלענדישען ים, איז בעדעקט מיט רייכע געוויכּסע. אויפ'ן רוקען פון כרמל ציהען זיך טעראַסענווייז וויינגערטנער. דער שפּיץ בּארג קוקט שטרענג; ער דערמאָהנט דעם שטרענגען נביא אליהו, וועלכען דער אייגענער כרמל האָט געדיענט אלס בימה פאר זיינע דרשות און מוסר־רעדעס. בּיים סאַמע גרונד בּארג געפינט זיך א דייטשע קאָלאָניע. גרויסע שעהנע צוויינגאָרענדיגע הייזער בעהאלטען זיך אין גרינס; פרוכט־גערטנער. אַלע בעקוועמליכקייטען פון היינטיגער קולטור געפינט מען אין דער קאָלאָניע: גוטע געברוקירטע גאַסען, א וואַסער־לייטונג, א מוסטער שול, א שעהנער האָטעל. די קאָלאָניסטען לעבען ווי פּ'ערמעגליכע, נאָר, ניט רעשי'ג. די קאָלאָניע געפינט זיך האַרט בּיי חיפה—א שטאָדט נעבען ים וואָס איז א רעכט גרויסער האַנדעלס־צענטער מיט א ים־בּוכטע. אויף דער צווייטער זייט פון חיפה ציהט זיך א פערלאָזטער נעבען־ים־פּאס זשידרא—א בלאָטיג און א פיבעריג פלאַץ. אין דער צייט ווען איך בין דאָרט געווען איז געווען גאָר די גרויסע בהלה פון ערד־קויפען; ס'איז אָנגעפאָהרען א סך דעלעגאַטען, עס האָבען זיך צעלאָזט ספּעקולאַנטען, וועלכע האָבען, צווישען אַנדערע, אויך בעטראַכט די ערד זשידראָ און זיך געקליבען זי אָפּצוקויפען . . .

איך בין אַרומגעגאַנגען צווישען די דייטשע וויינגערטנער אויפ'ן כרמל, כ'האָב זיך אַריבערגעטראָגען אין יענע אַלטע צייטען, ווען מיר זענען דאָ געווען די בעלי־בתים און האָב פאַנטאַזירט וועגען דעם עתיד, וואָס שטעהט־פאָר דעם לאַנד.

איך האָב שוין געוואָלט אַוועקגעהן, נאָר איך האָב בעמערקט א דייטשען קאָלאָניסט, וועלכער האָט געאַרבּייט בּיי א ווייַנשטאָק. אָנגעטהון אין א פּראָסטען לייווענדען קאָסטיום אין גראָבּע שיך און אין א ברייטקאַנטיגען הוט, איז דער דיקער דייטש זעהר פערטיעפט געווען אין זיין אַרבּייט. איך האָב איהם א רוף־געטאָן, איהם בעגריסט און האָבּ געוואָלט זיך אַרייַנלאָזען מיט איהם אין א שמועס מכח זיין לעבען; דער דייטש איז אָבער געוועזן ניט רעדיוודיג און

אויף אַלע מײַנע שאלות האָט ער געענטפערט קורץ און אָהן חשק. איך האָב איהם געזאָגט: אַדיע — און געוואָלט אַוועקגעהן. „נו, וואָס איז מיט זשידראָ״? — האָט ער מיך אָבגעשטעלט: „געקויפט? אײַערע זענען דאָך עפּיס אַרומגעלאָפען, בעטראַכט״ — „ניין, האָב איך געענטפערט, דאָס אָרט איז ניט קיין געזונדס, אַפּיבעריגס״. — „נו, צו וואָס טויג אײַך קויפען? איהר וואַרט דאָך אויף אײַער מאָשלאָך (משיח), ער וועט אײַך ברײַנגען אַהער און איהר וועט בעקומען אַלעס גרייט. מיר וועלען דערווײַל פאַר אײַך אָנגרייטען, מיר וועלען קויפען ערד, אויסטריקענען די בלאָטעס, געזונד מאַכען דאָס קלימאַט, פערפלאַנצען וועלדער פלאַנטאַציעס, ווײַנגערטענער, אויסבויען הײַזער, און אַלץ פאַרטיג מאַכען פאַר אײַך; וואַרט וואַרט אויף אײַער מאָשלאָך״...

איך האָב איהם ניט געהאַט וואָס צו ענטפערן און איך בין אַוועק פון איהם געשווינד ווי אַ אויסגעפּאַטשטער.

דאָס איז געווען זומער אינ׳ם יאָהר 1903. איך בין מיר אַרומגעגאַנגען איבער די גאַסען פון דער דײַטשער קאָלאָניע ווילהעלמאַ. די געשיכטע פון דער דאָזיגער קאָלאָניע איז אַזוי: ניט ווײַט פון יפו געפינט זיך די יודישע קאָלאָניע פתח־תקוה מיט עטליכע יאָהר צוריק האָט אַנ׳אַראַבישער עפענדי, צו וועמען ס׳האָט געהערט די ערד, וואָס נעבען דער קאָלאָניע, זעהר גענויטיגט זיך אין געלד, האָט בעשלאָסען צו פערקויפען די ערד, אַנ׳ערך 2000 דעסיאַטין. אַז די קאָלאָניסטען פון פתח־תקוה האָבען דאָס דערהערט זענען זיי געוואָרען אויפגערעגט; פאַר יודען איז נייטיג אָפּצוקויפען אָט די „שכנות׳דיגע״ ערד כדי צו פערברייטערען די קאָלאָניע, פערגרעסערן איהר בעפעלקערונג און אויף אַזאַ אופן פערשטאַרקערן זי מאַטעריעל און קולטורעל. וואו נעהמט מען אָבער געלד? האָבען זיי זיך געווענד צום אַדעסער פאַלעסטינער קאָמיטעט; נאָר בײַ איהם איז דאָך די קאַסע שטענדיג געווען לעדיג; האָבען זיי זיך געווענדט צו די ציוניסטען, נאָר יענע זענען דאָך דאַמאָלסט געווען פערנומען מיט „העברעע״ אינטערעסען און מיט אַזאַ „קלייניקייט״ האָט מען זיך ניט אָנגעהויבען צו אינטערעסירען, האָבען זיי זיך געווענדט צו פריוואַטע מענשען, נאָר דאָס איז נאָך געווען פאַר „קישינעוו״ און יודען האָבען „געלעבט מיט חשבון״, האָבען זיי זיך לסוף געווענדט צו דער אַדמיניסטראַציע פון „יקא״, וועלכע בעל־הבת׳עוועט מיט ערמונד ראָטהשילדס קאַפּיטאַל. דער פאַריזער ראַטה אַרבייט אָפּגעהיט, בעטראַהט, אויסגערעכענט, איז יעדער זאַך פריהער גוט חוקר־ודורש; ער קאָן זיך ניט פער־אָזען ניט אויף די קאָלאָניסטען, ניט אויף זײַן פאַר־

שטעהער, וועלכער וואוינט שטענדיג אין פּאַלעסטינאַ, נאָר ער שיקט אַ בעזונדערען ספּעציאַליסט, אַ פראַנצויז–אַ קאַטאָליק, וועלכער וואוינט שטענדיג אין אַלגיר. כּדי קיין פּניות זאָלען דערבּיי נישט זיין, איז אַ יוד, ווייזט אויס. טויג נישט... דער פראַנצויז איז געקומען, האָט בעקוקט און אָפּגעגיבען זיין בעריכט–די ערד איז זאַמדיג, טויג ניט און איז טייער. יק"א האָט אָבגעזאָגט! דעם אָרימען עפּענדי וואָלט אויסגעקומען ניט גוט. נאָר צו הילף זענען געקומען די דייטשען.

ס'זענען געקומען קיין פּאַלעסטינאַ צוויי דייטשען פון אַ דייטשער קאָלאָניע אין אַקערמאַנער אויעזד חערסאָנער גובערניע, אמת'ע מבינים אויף ערד. די דאָזי=גע ערד איז זיי זעהר געפעלען און–האָבען זי געקויפט צו 20 פראַנק אַ דונאַם *). זיי האָבען אַהער אַראָבגעבראַכט זייערע היימישע פון רוסלאַנד, עטליכע יונגע געזינדען פון דער נאָהענטער דייטשער קאָלאָניע סאַראָן און האָבען איינגעאָרדענט די זעלטענע ווילהעלמאַ, וועלכע האָט בעקומען דעם נאָמען לכבוד זייער קיסר. די פעלדער זענען בעאַרבייט, די וויינגערטנער און פלאַנטאַציעס פערפלאַנצט. און דאָס דאָרף גופא! גלייכע געפלאַנעוועטע גאַסען, וואַסער=לייטונג, שעהנע שטיי=נערנע הייזער, אַ שולע, אַ קירכע, אַ ביער=האַלע א. ז. וו. דאָס אַלץ האָט מיר דער שולץ (סטאַראָסטאַ) געוויזען און אויסרערצעהלט אַלע פּרטים פון דעם גיך עררייכטען רעזולטאַט.

פאַר'ן געזעגענען האָט ער מיר מכבּד געווען מיט ביער. און אַז איך האָב שוין געוואָלט אַוועקגעהן, האָט ער זיך פּלוצלים געווענדט צו מיר מיט אַ כלומר'שט נאַאיווער פראַגע: „און איהר, יודען, וועט נאָך אַלץ ריידען וועגען פּאַלעסטינאַ? נאָר, אמת, אייך געפעלען דאָך ניט די היגע אָרדנונגען, איהר ווילט דוקא נאָר אַ אַוטאָנאָמיע.–מ'האָט מיר דערצעהלט, אַז אייער פיהרער איז זיך משתדל מכח דעם דאָזיגען טשאַרטער, ער איז אפילו געקומען אַהער, אין פּאַלעס=טינאַ, צו אונזער קיסר צוליעב דעם דאָזיגען טשאַרטער. יאָ, יאָ, וואַרט, וואַרט אויף דעם טשאַרטער, און דערווייל וועלען מיר פאַר אייך אַלץ אָנגרייטען, איהר וועט שוין קומען אויף אַלעם גרייטען".

אויך איצט, ווי אינ'ם יאָהר 1891, האָב איך ניט געהאַט וואָס צו ענטפע=רען, און האָב דערפיהלט דעם צווייטען פּאַטש אין פּנים–כ'האָב געכאַפּט מיין הוט און בין געשווינד אַוועק...

*) אין צוויי יאהר ארום האבען די יודען געקויפט נעבין דער ערד א קליין שטיקעל ערגערע ערד און האבען שוין געצאהלט צו 34 פראנק א דונאם.

די יודישע ארבייט אין פאלעסטינא.

פ. אפענהיימער *).

לאָמיר זיך פאָרשטעלען, אַז מיר אַלע, וואָס האָבען זיך דאָ פערזאַמעלט, זענען ניט קיין ציוניסטען, און אַז דאָס ציוניסטישע אידעאַל עקזיסטירט נאָך גאָר לחלוטין ניט. נאָך מעהר, לאָמיר זיך פאָרשטעלען, אַז אַלע, וואָס זענען דאָ, זענען גאָר קיין יודען ניט, נאָר צוליעב דער אַלגעמיינ=מענשליכער סימפּאַטיע, צוליעב דאָס געפיהל פון מענשליכער סאָלידאַריטעט בנוגע צום שיקזאַל פון דעם אונגליקליכען פאָלק, האָבען מיר זיך אַהער פערזאַמעלט, כדי צובעטראַכטען די מיטלען, דורך וועלכע ס'איז מעגליך צו פערגרינגערען זיין אונערטרעגליכע, שרעקליכע לאַגע. מיט איין וואָרט, טראָגט זיך אַריבער אויף עטליכע צעהנדליג יאָהר צוריק, אין יענע צייט, ווען דעם מענשענס גייסט איז געוועזען העכער און ברייטער אַלס איצט, אין יענע צייט, ווען בירגער האָבען נאָך געוואַגט צו פערטיידיגען די אידעאַלען פון בירגער=פרייהייט און מענשען=ווערט, ווען דער שאָוויניסטישער פּאַטריאָטיזם פון נאַציאָנאַלער אָבגעזונדערטהייט האָט זיך נאָך ניט גערעכענט פאַר די העכסטע מדרגה פון בירגערטהום.

שטעלט אייך פאָר, אַז מיר שטעהען פאַר דער מזרח=אייראָפּעאישער יודען=פראַגע מיט דעם זעלבען געפיהל, ווי אונזערע עלטערען זענען געשטאַנען פאַר די פראַגען פון די גריכען, פּאָליאַקען אָדער פון די שקלאַפען פון צפון=אַמעריקאַ: אָהן שום פערזענליכען אינטערעס, אָהן שום קרובות'שאַפטליכען געפיהל נאָר ווי מענשען, וואָס זענען מוכן ומזומן צו ליידען און קעמפּפען צוזאַמען מיט אַנדערע ברידער=מענשען. אַלזאָ, וואָס פאָדערט פון אונז אָט דער גרויסער מאָמענט?

דאָס פּראָבלעם שטעהט פאַר אונז אָפען און פאָדערט אַ פערענטפערונג. די גרייליך גרויסע פעאָדאַלע מלוכה, וואָס אויף יענער זייט פון אונזער מזרח=גרענעץ, פיהרט איהר גיגאַנטיש לאַנד און איהר גרויס פאָלק צום גרונד. נאָכ'ן שטאַרקען מלחמה=בראָך איז געקומען אַ פינאַנסען=בראָך, און אָט די ביידע זענען אַ רעזולטאַט פונ'ם טיעפען מאָראַלישען בראָך. די אַלע שרעקען, וואָס, לויט דער געשיכטע, מוזען חרוב מאַכען יעדע מלוכה, וועלכע איז געבויט אויסשליסליך אויפ'ן שטיקען דאָס פאָלק און אויף אַרויסקוועטשען פון איהם וואָס מעהר שטייערן, אָט די שרעקען האָבען זיך אַזוי צעוואַקסען אין דעם גרויסען לאַנד און ברייננגען מיט

*) א רעדע געהאלטען אויף אנ'אגיטאציאנס־פערזאמלונג אין בערלין.

זיך אַזאַ קאָלאָסאַלען חורבן, וואָס דאָס וועט ניט געפינען קיין גלייכען אפילו אין דעם גיגאַנטישען אימפּעראַטאָרישען רוים. אַ קליין ווינטעלע, וואָס אויף דער אָזערע, צושפּיעלט זיך אַזוי אויפ׳ן אָפענעם ים, אַז דאָס מאַכט חרוב אַלץ, וואָס ס׳טרעפט נאָר. אַזוי איז דאָ, די פערדאָרבענקייט פון די העכערע און נידעריגערע קלאַסען האָבען שוין ערגרייכט די העכסטע מדרגה. דאָס עזות און פערברעכערישע בעל־הבית׳עווען פון די פריצים זענען צוגעפּאַסט צו דער טעמפּקייט, גראָבקייט און חיה׳שער ווילדקייט פון דער מאַסע. ווייטער אַזוי געהן האָט עס שוין ניט געקאָנט. דאָס האָט געזעהען יעדער בעוואוסטזיניגער, דאָס האָט געפיהלט יעדער אונבעוואוסטזיניגער אין דעם טיעפעניש פון זיינע אינסטינקטען. דאָס פאָדערען זעלבסט־פערוואַלטונג, בירגער־רעכט און פריַיהייט האָט זיך זעהר הויך גענומען טראָגען פון אַלע זייטען, דאָס האָט בעטויבט די הערשער און, ווי אַ טייך וואָס געהט אַרויס פון די ברעגען, האָט זיך עס צוגאָסען איבער דאָס ברייטע אונענדליכע לאַנד. הונדערט פערציג מיליאָן מענשען האָבען אָנגעהויבען פאָדערען לופט און ליכט, ניט פון מותרות וועגען, נאָר כדי זיי זאָלען קאָנען עטהעמען זאָלען קאָנען לעבען. די געשיכטע גופא האָט אַרויסגעטראָגען איהר משפט: מ׳האָט געמוזט מודה זיין, אַז די אַלטע אָרדנונג איז אונערטרעגליך און זי מוז אָבטרעטען איהר אָרט.

דער אַלטער רעזשים האָט דערפיהלט, אַז די יסודות פון זיין מאַכט שאָקלען זיך. ער האָט אָבער געפיהלט, אַז דער חלף ליעגט נאָך ניט אויף זיין האַלז, אַז ער זאָל זיך מיט׳ן גוטען ווילען אָבזאָגען פון זיינע רעכט, וועלכע פיהרען צום גרונד דאָס גרעסטע פאָלק. אָנשטאָט דאָס האָט ער אויסגעטראַכט אַנ׳אשמדאי־מיטעל, כדי ער זאָל, לכל הפחות, געווינען צייט.

אָפּנייגען פון זיך דעם פאָלקס־פייערדיגען צאָרן, עפענען אַקלאַפּאַן, דורך וואַנען ס׳זאָל זיך אַרויסרייסען דעם פאָלקס האסטיג שטרעבען צו פערניכטען, צו פערטיליגען, וועלכעס ס׳האָט זיך אָנגעקליבען ביז׳ן העכסטען גראַד--אָט דאָס איז געוועזען די העכסטע מדרגה פון זיין שכל.

צווישען דער מאַסע, וועלכע ווערט געדריקט און געשטיקט מיט דער הילף פון דער נאַהייקע, תליות, האַרמאַטען און אַלערליי אַבערגלויבונגען, צווישען אָט דער מאַסע געפינט זיך אַ פאָלק, וועלכעס רעדט אויף אַ פרעמדער שפּראַך, האָט אייגענאַרטיגע מנהגים און מדות, שטאַמט פון אַ פרעמדען שטאַם, האָט אַ פרעמדע רעליגיע, אַ פאָלק אינים פולען זין פונ׳ם וואָרט, נאָר עס האָט ניט קיין אייגענע טעריטאָריע. דאָס דאָזיגע פאָלק—דאָס זענען די יודען.

זײ זענען קײנמאָל ניט געװען קײן רוסען, און זײ האָבען קײנמאָל ניט געדאַרפט זײַן אַזעלכע, זײ זענען שטענדיג געװען יודען, און קײן אַנדערע זענען זײ ניט געװען און האָבען ניט געקענט זײַן. זײ האָבען געלעבט װי גרים: אונטערדריקטע, פער׳נמאס׳ט, צורואינירט. װי גרים, װעלכע האָבען נאָר געהאַט התחייבות׳ן, נאָר קײן שום רעכט; זײ האָבען אפילו ניט געהאַט קײן רעכט אויף זײער אײגען לעבען, שוין ניט זאָגען, אויף זײער האָב און גוטס.

אויף אַזאַ אופן איז אויפ׳ן יודישען פאָלק געלעגען אַ צװײענדיג יאָך, אין צװײען אונערטרעגליך — אַיאָך פון אַפאָלק־אַקנעכט. נאָר אין די אָדערען פון דעם דאָזיגען פאָלק פליסט אַלטעס עדעל בלוט.

מיר זאָגען מיט גדלות, אַז אָט דער צװײטװיזענדיגער יאָך, דער גלות, די שרעקליכע צרות און די אונערטרעגליכע יסורים האָבען ניט געקענט פעראָסען אָרער צו ברעכען אָט דאָס שטאָהל; מיר זאָגען מיט גדלות, אַז אָט דאָס פאָלק פון אָבגעריסענע, פער׳נמאס׳טע פאַריער האָט אַרויסגעגעבען פון זיך אַזוי פיעל העלדישע קעמפפער, װעלכע, ניט קוקענדיג אויף טורמעס און תליות, האָבען געפיהרט אַנ׳ערביטערטען קאַמפף אין די ערשטע רײהען מיט דעם פער׳נמאס׳טען אכזריישען װילקיר פאַר מענשליכע רעכט. און מיר װעלען זיך ניט בעקלאָגען. װאָס די דאָזיגע העלדען זענען אַקרבן געפאַלען.

אַמלחמה—איז אַמלחמה, זײ װײסען אויף װאָס זײ געהען. אויף דער תליה קען מען אויך שטאַרבען מיט אַבכבוד׳יגען טוידט! נאָר מיר קאָנען און װעלען זיך בעקלאָגען אויף דעם, װאָס דער רוסישער רעזשים איז זיך נוקם אָן דאָס גאַנצע יודישע פאָלק פאַר די מעשים פון יחידים. און װען אונזער קול װאָלט געװען גענוג שטאַרק, װאָלט עס זיך צוגאָסען איבער די גאַנצע װעלט, און ס׳װאָלט איהם אַנטקעגען געקומען אַװידערקול פון שרעק און פעראַכטונג פון די װײַטסטע װינקעליך.

דאָס אַנטהײל נעהמען פון פיעל יודען אין דעם קאַמפף מיט דער דעספאָטישער הערשאַפט, אָט דאָס אַנטהײל נעהמען, װעלכעס איז אַזוי פערשטענדליך, נוצט אוים דער רוסישער רעזשים אַלס אַנ׳אויסרײד, פאַר װאָס ער נײגט אָב דעם פאָלקסצאָרן אויף די גאַנצע יודישע נאַציע...

די, װאָס האָבען עס ביז איצט ניט געװאָלט זעהען, די מוז איצט עפענען די אויגען סעדלעץ און לאָפּוחינ׳ס בריעף צו סטאָליפּינען...

יעדעס נײַ אויפפלאַקערען פון דער רעװאָלוציע—און די רעװאָלוציע װעט זיך אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער צוברענען, כל זמן זי װעט איהר ציעל ניט ערגרײַכען — אָט

אַזעלכע אויפפלאַקערען װעלען פערגאָסען װערען מיט טײַכען יודיש בלוט.

ביז איצט, כל זמן דאָס איז נאָך ניט געװוען בעװאוסט, האָט יעדער ליבעראַל, יעדער סאָציאַליסט געקאָנט זאָגען: לאָזט איבער די יודען רוהיג לעבען אין רוס־לאַנד. ס'װעט אויפגעהן די זון פון אַנײַ לעבען, די פרײַהײַט װעט װערען ער־קעמפפט, און דאַן, װען ס'װעט קומען אַסוף צו די רוסישע לײַדען, װעט אויך זײַן אַסוף צו די יודישע; זאָלען די יודען קעמפפען צוזאַמען מיט די רוסען פאַר זײַער פרײַהײַט, זאָלען זײַ אין קאַמפף ערװערבען זײַער גליק.

איצט אָבער מוזען מיר זאָגען: יאָ, ס'װעט טאַקי באַלד אויפגעהן די זון פון פרײַהײַט איבער די רוסישע סטעפּעס אויך, נאָר איבער דאָס יודישע פאָלק װעט זי שוין ניט שײַנען. זי װעט רערזעהן חורבות פון אָבגעברענטע יודישע הײַזער און פערגעסענע, פערלאָזענע יודישע קברים; זי װעט געפינען צובראָכענע שטיקליך, אָבער דאָס פאָלק װעט זי ניט געפינען.

פאַלען אין קאַמפף—נאָר אין נאָמען פון אַנ'אײַגענעס גאָט! אין קאַמפף קאָן זײַן מעהר גרויסקײַט, מעהר גליק, װי אין אַזאַטען װאוילטאָג פון מענשען, װעלכע לעבען אין רוהיגקײַט, אָהן סכנות. נאָר דאָס געהן צו דער שחיטה, נאָך מעהר־לעבען אין אַ משך פון יאָהרען, צעהנדליגער יאָהרען אונטער דער האַק, מורא'־האָבענדיג, אַז אָט־אָט לאָזט זי זיך אַראָפּ אויף דײַן קאָפּ, ציטער'ן פאַר'ן אײַגענעם שאָטען, ניט קענען זיך פערטײַדיגען, מורא'האָבענדיג, אַז דאָס זאָל ניט טײַער קאָסטען דעם װײַב, די קינדער, די עלטערן, די שװעסטער—נײַן, דאָס איז שוין צו פיעל פאַר אַ בשר ודם.

נײַן, די יודען קענען ניט װאַרטען ביז װאַנען ס'װעט זיך אויסלײַטערן רוסלאַנד'ס הימעל, װי דער רוסישער פויער קאָן װאַרטען. דעם לעצטען לאָזט מען, לכל הפחות, לעבען, אויב ער פיהרט זיך אויף שטיל, און אויב ער טרעט אַרײַן אין די רײַהען פון די קעמפפער, װײַסט ער האָטש, אַז זײַן װײַב און קינדער װעט מען ניט אויס'שחט'ן װי די שאָף. די יודען קאָנען ניט װאַרטען, זײַ מוזען זיך אַרויס־רײַסען פון דעם ברענענדיגען גיהנם. נאָר דאָס אַנטלויפען קאָן זײַ ראַטעװען.

צו קאָן דאָס ענטלויפען זײַ ראַטעװען? אָ, װאָס פאַר אַ װעהטאָג ס'חאַפּט מיך אָן, אַז איך קלער זיך אַרײַן אין דעם געדאַנק פון די דאָזיגע װערטער. „נאָר אַביסעל פון זײַ קאָן ער ראַטעװען"!—מוז מען מיט אַ פערשטיקטען װעהטיג ענט־פערען. דאָ רעדט זיך פון מיליאָנען אָרימעלײַט. װעלכע פערמעגען גאָר ניט, אַ חוץ זײַערע נשמות, דאָס רוב מיט אַנ'אײַנאַרטיגער פראָפעסיאָנאַלער בילדונג, מיט אַ שװאַכען קערפּערבוי. ס'איז אונמעגליך זײַ אַרויסצורײַסען פון לאַנד, ס'איז

נאָך אונמעגליכער צו בעזעצען זיי ערג׳ץ וואו. און ווען עמיצער זאָל האָבען דאָס רעכט צו זאָגען: „נעהמט זיי אַרויס פון גיהנם אָהן שום תרוצים, שטעלט זיך ניט אָב פאַר קיין שום סכנות! בעסער זאָלען זיי ערגעץ אַנדערש שטאַרבען פון הונגער, איידער לעבען אין אַ שטענדיגער מורא אונטער דער האַק״... וואָלט אפילו אָט דער מענש זיך אָנגעשטויסען אָן אַ וואַנד.

יאָ, ווען מיר זאָלען ניט געווען פערלירען די טייערע צייט דאַן, ווען נאָך די ערשטע פּאָגראָמען האָט זיך אייראָפּאַ׳ס געוויסען אויפגערודערט; ווען אַלע וואָלטען דאַן פאַרשטעהן און גענומען זיך צו דעם, וואָס עטליכע אויסגעצייכענטע פיהרער האָבען אַזוי קלאָהר פערשטאַנען און בעוויזען, וואָלטען מיר איצט ניט געשטאַנען מיט אַזאַ יאוש׳דיגער פערלאָרענהייט פאַר דעם ברענענדיגען הויז, פון וואַנען ס׳שרייען צו אונז דורך צעהנדליגער טויזענד פענסטער לעבעדי־גע מענשען אין טויט שרעק וועגען ראַטעווען זיי דאָס לעבען, וואָס אָט־אָט ווע־רען זיי דערשטיקט אין רויך און פלאַם, אין דער צייט, ווען מיר קאָנען ראַטע־ווען נאָר אַביסעל פון זיי. נאָר דאָס ביסעל וועט אויך פערלאָרען געהן, אויב מיר וועלען סוף כל סוף ניט פערשטעהן, ווי גרויס עס איז די סכנה!

כדי צו העלפען, מוז מען פריהער פערשטעהן! און דעריבער מוזען מיר, מעריב־אייראָפּאָ׳ער, פריהער פון אַלץ וויסען און פערשטעהן מיט וועמען מיר האָ־בען דאָ צו טהון. די יודען פון מזרח אייראָפּאַ זענען אַ פאָלק; דאָס האָבען מיר לאַנג ניט געקאָנט פערשטעהן. מיר זענען דאָך אויך יודען, נאָר מיר פיהלען זיך פונדעסטוועגען ענגלענדער, פראַנצויזען, דייטשען, מיר האָבען אין זיך אַזוי איינגעזאַפּט די קולטורען פון יענע לענדער, וואו מיר זענען געבוירען, אַז זיי זענען פאַר אונז געוואָרען אַ פאָטערלאַנד, מיט וועלכען מיר פיהלען זיך געבונדען מיט די הייליגסטע בענדער. אין דעם יודישען פּראָבלעם אינטערעסירט אונז, לכל הפחות, דעם גרעסטען רוב פון אונז, ניט די נאַציאָנאַלע זייט, נאָר די אַלגעמיין־מענשליכע. געוועהנליך שפּיעלט דאָ אַ ראָלע דאָס בעוואוסטזיין, אַז מיר שטאַמען פון איין שטאַם און וואָס אַמאָל האָבען מיר געהאַט איין און דעם זעל־בען טרויעריגען שיקזאַל, פונקט ווי די דייטשען און אירלענדער אין די פעראיי־ניגטע שטאַטען זענען אַמעריקאַנער, און מיט הייסער ליבע און גדלות בענעה־מען זיי זיך צו זייערע אַמעריקאַנישע אַנשטאַלטען, פונדעסטוועגען אינטערעסירען זיי דייטשע און אירלענדישע פראַגען פיעל מעהר, איידער די פראַגען פון אַנדע־רע פעלקער.

נאָר די מזרח־יודען זענען ניט קיין רוסען, ניט קיין רומענער, זיי זענען

דאָס יודישע פאָלק, ווײַל זיי זענען קיינמאָל ניט געווען געצוואונגען צו זײַן רוסען אָדער רומענער. אויף אַזאַ אופן קומט אויס, אַז מיר האָבען דאָ צוטהון ניט מיט איינצעלנע פּרטים, אפילו ניט מיט אַ סך „רוסען פון יודישען גלויבען", נאָר מיט אַ גאַנצען פאָלק, מיט איין מאַסע, וועלכע האָט געמיינזאַמע ציעלען און פאָדערונגען, מיט אַ קאָלעקטיווען קערפּער, וועלכער האָט אַ מאַסען־נשמה.

דעריבער האָט זיך די פּאָליטיק, וועלכע האָט זיך געשטעלט דאָס ציעל, צו פערשפּרייטען די יודען איבער די גאַנצע וועלט, אויסגעלאָזט מיט גאָר ניט. דאָס פאָלק וועט ניט ערלויבען, · אַז מ׳זאָל עס צושפּרייטען אין אַלע עקען וועלט, ווי מ׳קאָן עס טהון מיט איינצעלנע פּרטים. דאָס יודישע פאָלק, וואָס וואוינט איצט אין רוסלאַנד און וועלכעס איז געצוואונגען אויסוואַנדערן פון דאָרטען, וועט מסכים זײַן צו איבערוואַנדערן אויף אַנ׳אַנדער באָדען נאָר אַלס מאַסע. דאָס בעווייזט אונז די געשיכטע פון דער עמיגראַציע. די גרויסע יודישע עמיגראַציע האָט זיך ניט צוגאָסען אין פיעל פערשיעדענע ערטער, נאָר ווי צוויי שטראָמען איז זי אַוועק אין צוויי ריכטונגען: לאָנדאָן און נעוו־יאָרק, פּונקט ווי די יודען, וואָס זענען געווען געצוואונגען צו עמיגרירען פון דײַטשלאַנד מחמת די רזשו־מאַ־פּאָגראָמען, זענען אַלע אַוועק אין פּוילען; אין אַזעלכע צוויי ריכטונגען איז אַוועק דער יודישער עמיגראַציאָנס־שטראָם פון פּאַלעסטינאַ, ווען די רוימער האָבען זיי פון דאָרט פערטריבען.

דער מזרח־יוד קען ניט לעבען אָהן דער פאָלקס־אַטמאָספערע, אַזוי ווי אָהן לופט, ווײַל ער איז ניט מעהר ווי אַ רינג אין דער פאָלקס־קייט. דעריבער האַלטען זיך מיליאָנען יודען אויף דעם באָדען פון דעם שטיעפמוטער־לאַנד, ניט זענענדיג ביכולת אַוועק פון דאָרטען, ווײַל צוזאַמען מיט׳ן לאַנד מוזען זיי איבערלאָזען זייער פאָלק; זיי ווערגען זיך בעסער מיט זייער אייגען בלוט אונטערן רוצח׳ס מעסער, און איינציגווייז פערשפּרייטען זיי זיך ניט איבער די וועלט.

ס׳קאָן זײַן, אַז דאָס איז ניט קיין שכל, דאָס איז אָבער פּאָרט אַזוי! און אויב מיר ווילען עפּיס טהון, מוזען מיר זיך רעכענען מיט דער דאָזיגער מאַסען־שטימונג. די צוזייהונגס־פּאָליטיק איז אונמעגליך. די יודישע איבערוואַנדערונג קאָן נאָר פאָר קומען אַלס אַמאַסען־קאָלאָניזאַציע, אָדער זי וועט לחלוטין ניט פער־ווירקליכט ווערען, און דער קרבן וועט אָבגעהן מיט בלוט.

נאָר וואוהין זאָל מען זיך מיט זיי ווענדען? ביידע אַנגלאָ־סאַקסאָנישע פריי־הייטס־לענדער (ענגלאַנד און אַמעריקאַ) זאָגען זיך שוין אָב, און ניט אָהן אַ יסוד, אַרייַנצונעהמען צו זיך אָט די, איינגעראַמאַסען, סאָציאַל ניט געוואונשענע עלע־

מעֶנטעֶן. ווען זיי וואָלטעֶן געוועֶן ערד=אַרבּייטעֶר, אָדעֶר טאָג=אַרבּייטעֶר מיט געֶזונדעֶ מוסקולעֶן, וואָלט מעֶן זיי בּעֶגעֶגעֶנט בּסבר פּנים יפות; נאָר דאָס זעֶנעֶן אָבּעֶר בּעלי=מלאכות, וועֶלכעֶ קומעֶן אָן פון אַ לאַנד, וואָס שטעֶהט נאָך נידעֶריג אין דעֶר קאַפּיטאַליסטישעֶר פּראָדוקציאָן, אין אַ לאַנד מיט אַ הויך עֶנטוויקעֶלטעֶר קאַפּיטאַליסטישעֶר פּראָדוקציאָן. פאַר די גרויס=אינדוסטריעֶ זעֶנעֶן זיי כּמעט אַלעֶ ניט געֶוואונשעֶנעֶ עֶלעֶמעֶנטעֶן: זיי זעֶנעֶן צו שוואַך קעֶרפּעֶרליך און צו אונ=אַבּהעֶנגיג גייסטליך, אַז זיי זאָלעֶן קאָנעֶן זיין געֶהאָרכזאַמעֶ קנעֶכט פון קאַפּיטאַל; פאַר די אַרבּייטעֶר=מאַסעֶן זעֶנעֶן זיי שעֶדליכעֶ קאָנקורעֶנטעֶן, ווייל זייעֶרעֶ לעֶבּעֶנס=בּעֶדעֶרפנישעֶן זעֶנעֶן קליין, און זיי זעֶנעֶן גרייט צו אַרבּייטעֶן פאַר אַ וועֶלכעֶן ס'איז לוין. אַזוי קומט אויס, אַז זיי זעֶנעֶן דעֶר הויפּט מקור פון דעֶר מסוכנ'עֶר רעזעֶרוועֶן=אַרמעֶע, וועֶלכעֶ שטעֶרט דעֶם וואוכס פונ'ם פּראָלעֶטאַריאַט; פאַר'ן מיטעֶלן קלאַס פון די שטאָדטישעֶ בּעלי=מלאכות זעֶנעֶן זיי דירעֶקטעֶ מסוכנ'עֶ קאָנקורעֶנטעֶן; און לויט דעֶר מיינונג פון די געֶבּילדעֶטעֶ אידעֶאָלאָגעֶן זעֶנעֶן זיי אַ סכנה פאַר די געֶזעֶלשאַפטליכעֶ היגיעֶנעֶ און אַ שווערעֶ משא אין דעֶר פּאָליטישעֶר הינזיכט. זיי הויבּעֶן=אָן מורא האָבּעֶן, אַז דאָס, וואָס מיליאָנעֶן אָרומעֶ שטאָדט=לייט, וועֶלכעֶ זעֶנעֶן ניט געֶוואוינט צו בּירגעֶרליכעֶן רעֶכט און בּירגעֶרליכעֶר גדלות, וועֶלעֶן זיך אַ לאָז טהון אין לאַנד ווי אַ שטאַרקעֶר שטראָם, קאָן עֶס בּריינגעֶן אַ שאָדעֶן דעֶר ראַסעֶ און דעֶר בּירגעֶרליכעֶר פרייהייט. אַלזאָ, ס'איז אין עֶרגעֶץ ניט פאַראַן קיין גרויסעֶר גוטעֶר=פריינד; פון די פריהעֶרדיגעֶ בּרייט=אָפעֶנעֶ טויעֶרעֶן אין די פרייהייטס=לעֶנדעֶר איז געֶבּליבּעֶן נאָר אַ שפּאַרונעֶ, און זי האַלט מעֶן שוין אויך בּיים פעֶרקלאַפּעֶן.

וואוהין=זשעֶ זאָלעֶן מיר זיך ווענדעֶן?

בּעֶטראַכט אַלעֶ לעֶנדעֶר פון איין עֶק וועֶלט בּיז'ן צווייטעֶן, אמת, איהר וועֶט געֶפינעֶן געֶנוג ווילדעֶ עֶרטעֶר, וואו מ'וואָלט נאָך אַפילו איצט געֶקאָנט בּעֶזעֶצעֶן אַ פאָלק פון ערד=אַרבּייטעֶר. איהר וועֶט אָבּעֶר אין עֶרגעֶץ ניט געֶפינעֶן אַזאַ לאַנד, וואו הונדעֶרטעֶר טויזעֶנד בּעלי=מלאכות זאָלעֶן קריגעֶן פאַר זיך אַ פּלאַטץ, וואו זיי זאָלעֶן עֶרווערבּעֶן קעֶרפּעֶרליכעֶ קראַפט, זעֶלבּסט=בּעֶוואוסטזיין, בּירגעֶר=גדלות און בּירגעֶר עֶהרעֶ,—אָט די אַלעֶ מעלות, וועֶלכעֶ דאָס יודישעֶ פאָלק האָט אַ מאָל געֶהאַט. נאָר איין לאַנד אַזעֶלכעֶס איז פאַראַן, און דאָס איז טאַקי דאָס לאַנד, נאָך וועֶלכעֶס די יודישעֶ נשמה בּעֶנקט און שטרעֶבּט.—פּאַלעֶסטינאַ—הייסט דאָס לאַנד!

דאָס דאָזיגעֶ לאַנד ליעֶגט נאָהנט פון אייראָפּאַ, נאָהנט פון די צעֶנטרעֶן פון דעֶר „יודעֶנ=נויט"—דרום רוסלאַנד און רומעֶניעֶן, די איבּעֶרוואַנדעֶרונג אַהין קאָסט זעֶהר וואָלוויל, און אפילו דעֶר סאַמעֶ אָרעמסטעֶר עֶמיגראַנט קאָן אַהין

פאָהרען אויף אייגענע הוצאות.

דאָס לאַנד האָט אַ שוואַכע רעגירונג, וועלכע איז קיינמאָל פיינדליך ניט גע=ווען געשטימט קעגען יודען און וועלכע דאַרף זיין העכסט צופריעדען, צוליעב איהרע אייגענע אינטערעסען, פון אַ מאַסען=איינוואַנדערונג אין איהרע וועניג בע=זעצטע געגענדען, ווייל אויף אַזאַ אופן קומען איהר צו נייע שטייערן=צאָהלער און רעקרוטען. צוליעב קלימאַט און נאָהנטקייט פון די האַנדעל=מערק איז דאָס לאַנד מסוגל פאַר אַ קליינ=לאַנד ווירטשאַפטליכע פראָדוקציאָן, און מחמת דעם קאָן עס גוט בעאַרבייט ווערען דורך שטעדטישע בעלי=מלאכות. לויט זיין שטח איז דאָס לאַנד גענוג גרויס אויף צו בעזעצען די מאַסען, וואָס נויטיגען זיך אין איבערוואַנ=דערונג. אין די לענדער אָבער פון מיטלער און גרויסער לאַנדווירטשאַפטליכער פראָדוקציאָן איז אונמעגליך צו קריגען אַזאַ גרויסען שטח ערד, וואו מ'זאָל קאָנען בעזעצען די דאָזיגע מאַסע. דאָס לאַנד ליעגט אַזוי נאָהנט פון אַלע אייראָפּעאישע מערק און צענטרען פון אייראָפּעאישע קאַפּיטאַלען, אַז מ'קאָן זיך דאָרט מיט ער=פאָלג פערנעהמען אין אַ גרויסען מאַסשטאַב מיט אַזעלכע פראָדוקציאָנען, צו וועל=כע ס'פּאַסט גיכער, אויב ניט אויסשליסליך, מענשען=מאַטעריאַל, — דאָס איז הויז=אינדוסטריע און פערלאַגס=סיסטעם. מחמת עקאָנאָמישע טעמים קאָן מען זיך ניט פערנעהמען מיט אָט די פראָדוקציאָנען אין אַרגענטינאַ און קאַנאַדאַ, שוין ניט רעדענדיג מכח אוגאַנדאַ און סודאַן. אַם ענדע, מחמת זיין געאָגראַפישער לאַגע, וועט דאָס לאַנד אין דער צוקינפטיגער עפּאָכע פון דער פריעדליכער ווירט=שאַפטליכער ענטוויקלונג פון די פעלקער דערגרייכען די העכסטע מדרגה פון בליהונג, פונקט ווי אין די אַלטע צייטען, ווען ס'האָבען געהערשט די קריעגס=שטרעבונגען ביי די פעלקער, איז עס מחמת דער זעלבער געאָגראַפישער לאַגע חרוב געוואָרען. דאָס לאַנד איז אַ בריק צווישען אייראָפּאַ, אַזיע און אַפריקאַ. דעריבער האָבען זיך דאָרט געקרייצט די קריעגס=וועגען, איבער וועלכע ס'זענען דורכגעגאַנגען די אַרמעען פון די אַלטע קריעגערישע מלוכות, וועלכע זענען גע=לעגען ביים ים התכון. פּאַלעסטינאַ איז געווען אַ שלאַכט=פעלד פאַר די מלוכות. אין גיכען אָבער וועלען זיך דאָ קרייצען די וועגען, איבער וועלכע ס'וועלען געהן די פריעדליכע אַרמעען—רייכטום, נייע ווירטשאַפטליכע וועלט=קרעפטען, אייזענ=באַהנען פון מזרח ביז מערב, פון טייך נילוס ביז וואָלגאַ, און פּאַלעסטינאַ וועט ווערען דער וועלט שפּייכלער.

דער אינסטינקט, וועלכער ציהט אַזוי דאָס יודישע פאָלק וואָס אין רוס=לאַנד, נאָך פּאַלעסטינאַ, איז לחלוטין ניט קיין פאַלשער אינסטינקט. דאָס איז ניט

נאָר אַנ׳אַלטע ראָמאַנטישע בענקשאַפט, וועלכע איז געקומען בירושה פון די אוראַלטע צייטען, דאָס איז ניט נאָר אַנ׳אָבקלאַנג פון דער גרויסער אַלטער שבועה— „אם אשכחך” און פאַלעסטינאַ הימנען, ניין, דאָס איז אַ גוט אַרומגעקלערטער וועג צום אָרט פון דער קלענסטער ווירטשאַפטליכער דריקונג איבער די ליניע פון קלענסטען ווידערשטאַנד. דאָ איז דער קירצסטער וועג, דאָ איז אַ„היימשטעטע”, און דאָ וועט געשאַפט ווערען די מעגליכקייט פאַר די פאָלק׳ס ווירטשאַפטליכע ענטוויקלונג, פאַר די אויפלעבונג פון דעם פאָלק׳ס קראַפט. דאָ וועלען זיי, לכל הפחות, זיין זיכער מיט׳ן לעבען; דאָ, צווישען דער שטאַרק צונויפגעשלאָסענער יודישער בעפעלקערונג, וועט בעשאַפען ווערען די אַטמאָספערא פונ׳ם יודישען נאַציאָנאַלען לעבען; דאָ וועט, אַם ענדע, בעשאַפען ווערען אַ יסוד פאַר׳ן ראַסען־היגיעניש͏ען, פאָליטישען און עקאָנאָמישען פראָגרעס. מ׳דאַרף ניט פאַרגעסען, אַז דאָס דאָזיגע שמאָלע לאַנד ליעגט כמעט בוכשטעבליך אונטערן שוץ פונ׳ם ענגלישען מיטעלענדישען פלאָט. די יודען וועלען קומען אַהער, ווי פאָרשטעהער און שלוחים פון דער העכסטער קולטור, אין דער צייט, ווען אין אַמעריקאַ און ענגלאַנד קומען זיי אַלס פאָרשטעהער פון אַנ׳אָבגעלעבטען עקאָנאָמישען פעריאָד. דאָס, וואָס ס׳מאַכט זיי פאַר ניט־געוואונשענע עלעמענטען אין יענע לענדער, איז דאָס די בעסטע מעלה אין פאַלעסטינאַ.

איך בין גרייט צו שטיצען יעדע שטרעבונג. וועלכע האָט דאָס ציעל אַריבער צופיהרען וואו ס׳איז די ברייטע יודישע מאַסען אונטער׳ן שוץ פון זעלבסטפערוואַלטענדע אָרגאַנען, כדי צושאַפען זיי די מעגליכקייט צו פערנעהמען זיך מיט ערד־אַרבייט. איך רעכען זיך אויף אַזוי פיעל פאַר אַ טעריטאָריאַליסט, אַז איך האַלט פאַר גוט יערעס מיטעל, וועלכעס גיט די מעגליכקייט צו פערענטפערן חאָטש אַ טייל פון דעם שרעקליכען פראָבלעם פון די מזרח־יודען. נאָר איך גלויב ניט, אַז ס׳זאָל זיך ערגעץ וואו געפינען אַזאַ לאַנד, וואָס זאָל ביי אַזעלכע קליינע הוצאות און ביי אַזעלכע, לפי ערך, גינסטיגע תנאים קאָנען אַריינעהמען חאָטש לפי ערך אַזאַ מאַסע יודען ווי פאַלעסטינאַ. זאָל מען מיר אָנווייזען אַזאַ לאַנד, וועל איך מיט פערגניגען אַרבייטען צו ערדייכען עס און צו מאַכען עס נוצליך פאַר אונז. נאָר אַזאַ לאַנד מוז האָבען אין זיך לעגענדאַרישע מעלות, אַז עס זאָל אונז קאָנען געבען דאָס, וואָס פאַלעסטינאַ קאָן געבען.

נאָך פאַלעסטינאַ וועלען זיך דאָך די יודען אַ לאָז־טהון מאַסענווייז, ווען זיי וועלען נאָר דער הערען אַ קול קורא, ווען נאָך אַנ׳אַנדער לאַנד וועט מען מוזען גובר זיין שטאַרקע געוואוינהייטס־שטערונגען. די מזרח־יודען וועלען גיכער בע־

שטעהן צו לעבען אַנ'אָרום לעבען אין פּאַלעסטינאַ, איידער אַ רייך לעבען ערגעץ אַנדערש. דאָס קאָן אונז, מעריב איראָפּאַ'ער, אויסקומען מאָדנע, נאָר דאָס איז אָבער פּאָרט אַזוי, און מיר מוזען זיך מיט דעם רעכענען. און אַז מ'זאָל עס גוט בערעכענען איז עס גאָר ניט נאַריש. יעדעס בעשעפעניש שטרעבט צו שלמות, פּערפאָלקאָמונג. דעם יודישען פאָלק פעהלט נאָר איינס—צו ווערען אַ פאָלק אינ'ם פולען זינן פון וואָרט, ס'פעהלט איהם דאָס יודישע לאַנד, דאָס איינציגע לאַנד, און דעריבער וועט עס זיך ניט בערוהיגען כל זמן עס וועט דאָס לאַנד ניט האָבען. די מעריב איראָפּאָ'ער, וועלכע געהערען ניט צום יודישען פאָלק, איז עס זיך שווער פאָרצושטעלען; כמעט אַזוי האָט געשטרעבט די דייטשע פאָלקס-נשמה צו דער דייטשער איינהייט, און דאַן האָבען אויך פיעל, וואָס האָבען דוקא געוואָלט זיין פּרוסען אָדער באַווארען, געהאַלטען דאָס דאָזיגע שטרעבען פאַר אַ נאַרעשקייט און פאַר אַ פערברעכען אפילו.

* *

*

אַלזאָ, בעטראַכטענדיג די פראַגע ניט פון ציוניסטישען און אפילו ניט פון יודישען שטאַנדפּונקט, נאָר פון שטאַנדפּונקט פון אַ מיטפיהלענדען מענשען, זענען מיר געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז אויב סאיז יאָ פאַראַן אַמיטעל צו ראַטעווען אַ גרויסען טייל פון יודישען פאָלק, בעשטעהט עס נאָר אין אַמאַסען-קאָלאָניזאַציע אין פּאַלעסטינאַ.

דעריבער ליעגט אויף אונז אַ חוב, צו בעשאַפען אין פּאַלעסטינאַ פאָרבע-דינגונגען פאַר אַ יודישע מאַסען-קאָלאָניזאַציע. געוועהנליך דאַרף די דאָזיגע אויפ-גאַבע ניט אויסשליסען די אַרבייט צו געבען אַגיכע הילף דאָרט, וואו ס'פאָדערט די שרעקליכסטע נויט.

בכלל ווייסט איהר, צו וואָס מיר האָבען געשטרעבט און וואָס איז אונז געלונגען צו ערגרייכען. דאָס, וואָס מיר האָבען געוואָלט קריגען ביים סולטאַן אַרעכטליכע פערזיכערונג אינ'ם געשטאַלט פון אַטשאַרטער, וועלכער זאָל אונז גאַ-ראַנטירען אַבעוואוסטע-אויטאָנאָמיע, נאָך איידער מיר האָבען אָנגעהויבען פּאַקטיש אַרבייטען אין פּאַלעסטינאַ,—דאָס איז נאָך ניט פערווירקליכט געוואָרען.

מיר מוזען זיך בענוגענען מיט דער האָפנונג, אַז דאָס דאָזיגע ציעל וועט, פריהער אָדער שפּעטער, ערגרייכט ווערען. מיר טאָרען אָבער ניט פערלייגען די הענד און וואַרטען אויף דעם דאָזיגען מאָמענט.

מיר האָבען קיין צייט ניט צו וואַרטען: ביעלאָסטאָקער און סיעדלעצער

שרפות האָבּען פערפאַרבּט דעם האָריזאָנט מיט אַבּלוטיגער פאַרבּ. דעריבּער מוזען מיר זיין ד ר ײ ס ט, און, איך קלער, אַז מיר מ ע ג ע ן זיין דרייסט. טערקײַ איז קיינמאָל פיינדליך ניט געווען צו יודען, פאַר איהר איז עס אַגרויסער אינטערעס, אַז אין איהרע ניט=בּעאַרבּייטע פראָווינצען זאָל זיך בּעזעצען אַפריעדליכע, אַרבּייטספעהיגע בּעפעלקערונג. אַם ענדע, איז זי אַשוואַכע מלוכה, און אין אַנויט קענען אַנדערע מלוכות בּעגעהן זיך מיט איהר אַנדערש, ווי מיט דער גרויסער „קריסטליכער״ — דאָס וואָרט איז נאָר אַחלול השם — רוסישער מלוכה. און אין לעצטען פאַל זענען שווערע שטייער'ן און „בּאַקשיש״ בּעסער, אַלס אַמאַסענ=שחיטה, וועלכע ווערט אָרגאַניזירט דורך אַ מלוכה.

אויף אַזאַ אופן דאַרפען מיר געבּען די מעגליכקייט די אָנפיהרער פון די יודישע אָרגאַניזאַציעס, אַז זיי זאָלען אַרבּייטען אויף דער פאָליטישער בּיהנע, פערלאָזענדיג זיך אויפ'ן גאַנג פון דער וועלט=היסטאָריע און אויף דער פינאַנציעלער נויט פון טערקײַ.

נאָר צו אָרגאַניזירען דאָס דאָזיגע זאַך קאָנען מיר ניט איבּערגעבּען אין אַנדערע הענד. עפּיס און טאַקי זעהר וויכטיגס איז שוין געטהון געוואָרען. איהר ווייסט דאָך די נסיונות פון לאַנד ווירטשאַפטליכער קאָלאָניזאַציע, וועלכע זענען געמאַכט געוואָרען דורך פערשיעדענע פּאַלעסטינא=געזעלשאַפטען, דערהויפּט „עזרה״ און „גאולה״, דורך רייכע פילאַנטראָפּען, דערהויפּט דורך ראָטהשילדען. אַ דאַנק די דאָזיגע נסיונות, האָבּען מיר, לכל הפחות, ערריייכט דאָס, וואָס מיר האָבּען זיך ערקונדיגט, אַז דער מזרח=יוד האָט נאָך די פעהיגקייט צו פערנעהמען זיך מיט לאַנדווירטשאַפט, און אַז זיין אַלטע היים האָט נאָך אויך די פעהיגקייט צו בּעצאָהלען איהם פאַר זיין שווערע מיה מיט גוטע גערעטעניש. ניט קוקענדיג אויף דעם, וואָס דער לבנון האָט שוין ניט די וועלדער, וואָס האָבּען איהם אַמאָל בּעשיינט, קאָן נאָך פּאַלעסטינאַ זעהר גיך ווערען, אונטער'ן צויבּער=שטעקעל פון אַרבּייט, אַנ'ארץ זבת חלב ודבש, וואו יעדער וועט געפינען אַרוה אונטער זיין ווייַנשטאָק און זיין עהלבּערט=בּוים. דאָס זענען די פּאָזיטיווע רעזולטאַטען פון דער פריהערדיגער קאָלאָניזאַציאָנס אַרבּייט. און דאָס אויספאָרשען די סבּות, פאַר וואָס ס'זענען ניט געלונגען די אָרגאַניזאַטאָרישע און טעכנישע מיטלען, ווייזט אונז, ווי אַזוי מיר זאָלען ווייטער טהון, ווי אַזוי מיר זאָלען אויסמיידען יענע פעהלערען. און אויבּ דאָס, וואָס עטליכע טויזענד יודישע ערד=אַרבּייטער האָבּען איצט דאָך געפונען אַ היים אינ'ם הייליגען לאַנד און האָבּען זיך גוט איינגעאָרדענט, אויבּ דאָס, וואָס נאָך פיעל גרייזען און פערלאָרענע האָפנונגען זענען זיי דאָך פערזיכערט אין

זייער צוקונפט, אויב דער דאָזיגער, פרעהליכער צושטאַנד, אין פערגלייך מיט דער גראַנדיעזער אַרבייט, וועלכע שטעהט אונז פאָר, איז ניט אַזוי וויכטיג, איז ער אָבער אַ קלאָהרער בעווייז, אויף וואָס פאַר אַוועג מיר דאַרפען אָהן אַנ׳אויפהער ווייטער געהן.

פון יענער צייט, זינט דאָס יודישע פאָלק האָט אין ציוניזם דערקאָנט זיך זעלבסט אין זיינע אויפגאַבען, ס׳הייסט, זינט ער האָט בעשאַפען פאַר די אַרבייט אין פאַלעסטינאַ אַנ׳אייגענעם אָרגאַן, איז דער כאַראַקטער פון דער פאַלעסטינאַ-אַרבייט געוואָרען מעהר פערשידענאַרטיגער, פיעל גליעדערדיג, פיעל טיעפער און ברייטער. איהר ווייסט דעם וועג אויף וועלכען מיר דאַרפען געהן, איהר ווייסט די פערזייהטע קערנער, פון וועלכע ס׳וועלען אויסוואַקסען די צוקונפטיגע געוויקסען. פריהער פון אַלץ האָבען מיר פאַר זיך די אויפגאַבע, צו בעגרינדען מיט דער הילף פון דעם נייען וויסענשאַפטליכען מעטאָד דאָס, וואָס ס׳דאַרף געשעהען און בעשטימען, ווי אַזוי דאָס וועט געשעהן. צוליעב דאָס דאָזיגע ציעל האָט מען דורכגישטודירט די טערקישע געזעצען און איהרע פערוואַלטונגס פאָרמען. מ׳האָט געשיקט אַנ׳עקספעדיציע, כדי אויסצופאָרשען די נאַטור-קרעפטען און נאַטור-עשירות פונ׳ם לאַנד. מ׳איז געקומען צום בעשלוס אַז אין דער הינזיכט איז פאַלעסטינאַ אויך זעהר רייך. מיט דער הילף פון אייראָפּעאישען קאַפּיטאַל און מיט דעם אייראָפּעאישען אונטערנעהמונגס-גייסט וועט מען קאָנען עקספּלו-אַטירען די אוצרות פון ים-המלח און זיין סביבה, די וואַסער-קרעפטען פונ׳ם ירדן, און דאָס וועט געבען אַרבייט און מעגליכקייט צו מאַטעריעלער עקזיס-טענץ צעהנדליגער טויזענד מענשען. און אין דער זעלבער צייט וועלען די פלאַכע ערטער געבען שפייכלער מיט ברויט, וויינטרויבען און בערג-פרוכט, די רוקענס פון די בערג וועלען דיענען פאַר פאַשע פאַר די פיה, און אין הייסען עמק-הירדן וועט פונאַנדער בליהען די פראָדוקציאָן פון ווירטשאַפטליכע פראָדוקטען פון די הייסעסטע לענדער, פריהער פון אַלץ די בוימוואָהל פראָדוקציאָן. צו פער-ווירקליכען דאָס דאַרף מען נאָר האָבען מענשליכע כוחות און קאַפּיטאַל.

נאָר אַזוי ווי מענשליכע כיחות קאָנען מיר שעפּען אין דער גרעסטער מאָס פון דעם גרויסען רעזערוואואַר פון די מזרח-יודען, דאַרף אונזער אויפגאַבע איצט בעשטעהן אינ׳ם צוציהען אין לאַנד דאָס קאַפּיטאַל. און דאָס וועט פלאַנמעסיג געטהון אויף וויפיעל די מיטלען ערלויבען. אונזער באַנק האָט געגרינדעט אין לאַנד עטליכע אַבטהיילונגען, כדי צו פיהרען די אַרבייט אויף די נייסטע יסודות און כדי צו דיענען אַלס פיאָנער דעם גרויסען אונטערנאַציאָנאַלען קאַפּיטאַל, וועלכער האָט נאָך ביז איצט ניט געפּרובט אויסנוצען די גלענצענדע מעגליכקייט, צו עקספּלואַ-

טירען דעם דאָזיגען געגענד, וועלכער ליעגט אַזוי נאָהנט פון איהם, און אָנשטאָט דעם, עקספּלואַטירט ער בעסער די ווײַטע לענדער, וואָס אויף יענער זײַט אָקעאַן. ס'האָט זיך שוין אַיינגעגעבען צו גרינדען עטליכע אײַנצעלנע, ניט קײַן גרויסע חברות, וועלכע האָבען אַגרויסען קאַפּיטאַל און וועלכע ווילען אַרבײַטען אין פּאַלעסטינאַ, און ס'זענען שוין אָנגעצייכענט די ווײַטערדיגע אונטערנעהמונגען אויף צו אַרבײַטען אין דער דאָזיגער ריכטונג. אַרויסגעהענדיג פון דעם שטאַנדפּונקט, איז מען צוגעטראָטען, צו אָרגאַניזירען אַזעלכע אונטערנעהמונגען, וועלכע האָבען ניט דעם כאַראַקטער פון דער פריהערדיגער ניט-פּלאַנמעסיגער קאָלאָניזאַציע, וועלכע איז געוועזען געגרינדעט אויף פילאַנטראָפּישע יסודות, און דעריבער קאָן מען זײַן זיכער, אַז די דאָזיגע אונטערנעהמונגען וועלען געשווינד וואַקסען. ציהענדיג די יניקה פון זײַערע אייגענע ענטוויקעלטע כוחות. איינע אַזאַ אונטערנעהמונג פון דעם גרויסען מענש און מאַלער פּראָפעסאָר באָרים שאַטץ—די שול „בצלאל"—ענטוויקעלט זיך זעהר גוט, און אַז ס'וועט זיך אַיינגעבען צו פערברייטערן די דאָזיגע זעהר וויכטיגע אונטערנעהמונג—און מ'קאָן האָפען, אַז דאָס איז בלתי ספק—דאַן וועט בעשאַפען ווערען אַשטאַרקע הויזליכע קונסט-פּראָדוקציאָן, וועלכע וועט בלי ספק שטאַרק אויסוואַקסען און וועט שאַפען די מעגליכקײַט פון אַזיכערן און גליקליכען לעבען פאַר צעהנדליגער טויזענד פאַמיליען. דער אונאויפהערליך וואַקסענדער אַרבײַטער קלאַס, וועלכער וועט זײַן בעשעפטיגט אין דער דאָזיגער פּראָדוקציאָן, וועט אַרבײַטען פאַר זעהר אַגרויסען מאַרק, וועלכער וועט גוט בעצאָהלען פאַר זײַן אַרבײַט. פון די שעדליכע סאָציאַלע פאָלגען, וועלכע זענען אַפּועל יוצא פון דער הויזליכער פּראָדוקציאָן, וועט מען קאָנען דעם אַרבײַטער קלאַס פערהיטען מיט דעם, וואָס דאָס אויפקויפען רויהעס מאַטעריאַל און דאָס פערקויפען די פאַרטיגע פּראָדוקטען וועט מען באַלד אין אָנפאַנג אָרגאַניזירען אין אַפאָ"ם פון אַ חברה. דאָס איז דאָס בעסטע מיטעל. דורך דעם איז די חינעזישע קולטור אומעדום מנצח דאָס קאַפּיטאַליזם, וואו זיי שטויסען זיך נאָר צוזאַמען. דאָס דאָזיגע מיטעל פערזיכערט דעם אַרבײַטער אַ פולען לוין פאַר זײַן אַרבײַט. ס'איז צו האָפען, אַז אין גיכען וועט זיך אַיינגעבען, אַז יעדער אַרבײַטער, וואָס וועט זײַן פערנומען אין דער דאָזיגער פּראָדוקציאָן, זאָל האָבען אַנ'אייגען הײַזעל, אַ שטיקעל ערד און אַגאָרטען. לויט דער געשיכטע פון דער עקאָנאָמישער ענטוויקלונג, איז צו זעהן, אַז דאָס בעסטע מיטעל, צו פערהיטען דעם אַרבײַטער פון די שעדליכע פאָלגען פון דער פּריוואַט-אונטערנעהמונגס-סיסטעם, איז די פעראייניגונג פון דער אינדוסטריע מיט דער לאַנדווירטשאַפט.

נאָר נאָך וויכטיגער פון די אונטערנעהמונגען, וועלכע האָבען דאָס ציעל, צו ענטוויקלען דעם האַנדעל און די אינדוסטריע, זענען די פּלאַנען און אונטער־נעהמונגען, וועלכע האָבען דאָס ציעל צו ענטוויקלען די דאָרפוויִרטשאַפט. אין דעם פאַך האַלטען מיר נאָך ביי דער פאָרבערייטונגס־אַרבייט.

מיר האָבען אין פּאַלעסטינאַ אַ'ערד־מעסטער, און, חוץ דעם, האָט מען גע־קויפט פאַר געלד פון נאַציאָנאַלען פאָנד אַ שטיקעל ערד צו ליעב אַ דרייענדיג ציעל: צו גרינדען אויף דער ערד אַ טעכנישע פּראָבענסטאַנציע, אַ מוסטער־פערמע און אַ פּראָבע־אָרגאַניזאַציע פון אַ פּראָדוקציאָנס חברה. דאָס, וואָס ס'פעהלען אונז מאַ־טעריעלע מיטלען, גיט אונז ניט די מעגליכקייט צו געהן ווייטער אין דער דאָזיגער ריכטונג. נאָר מיר האָבען געפונען דעם וועג! און מיט אַלע מעגליכקייטען וועלען מיר אויף איהם געהן ווייטער. אונזער ציעל איז, צו בעשאַפען דאָרף־ווירטשאַפט־ליכע אונטערנעהמונגען, וועלכע זאָלען זיין אַזוי קרעדיטפעהיג, אַזוי סאָליד, אַז זיי זאָלען קאָנען דערוועקען אַ חשק ביים אינטערנאַציאָנאַלען קאַפּיטאַל, צו גרינדען אין אַ גענוגער מאָס אַזעלכע אונטערנעהמונגען ווי אונזערע. דאָס איז דאָס איינציגע מיטעל, צו מאַכען פון דער קליין־קאָלאָניזאַציע, וועלכע טויג לחלוטין ניט, צו פערווירקליכען אונזער גרויס ציעל, אַגרויס קאָלאָניזאַציע, וועלכע האָט פאַר אונז אַגרויסען אינטערעס; ס'איז נויטיג צו בעשאַפען אַזעלכע אונטערנעהמונגען, וועלכע זאָלען ניט נאָר פערזיכערן דאָס קאַפּיטאַל, וואָס מ'וועט אין זיי אַריינלעגען, נאָר זיי זאָלען געבען אַזאַ פּראָצענט, ווי דער מאַרק־פּראָצענט. נאָר דאַן, נאָר ביי אַזעלכע תנאים, וועלען מיר זיין אין שטאַנד, אָנשטאָט פילאַנטראָפּיע, צו טרייבען אונזערע־מיהל שטיינער מיט'ן גיגאַנטישען איינפלוס פונ'ם קאַפּיטאַל. דאַן, און נאָר דאַן, וועט מען געשווינד קאָנען אַרויסרייסען די ברייטע יודישע מאַסען פון רוסלאַנד, וואו זיי געפינען זיך אין די נעגעל פון מלאך המות, און מאַכען זיי פיר בירגער פון אַ נייַ לאַנד. אָט די קאָלאָניזאַציע, פון וועלכער מיר ריידען דאָ, איז נאָר אויסערליך ענליך צו דער קאָלאָניזאַציע פון פריהערדיגען פעריאָד, פון חבת ציון. יענע קליין־קאָלאָניזאַציע איז געווען אַ ציעל פאַר זיך, פאַר אונז אָבער איז זי נאָר אַ מיטעל, כדי דורך איהר צו בעשאַפען אַ גרויסע קאָלאָניזאַציע. די פּילאַנט־ראָפּען זענען געווען איבערגליקליך, אויב ראובן אָדער שמעון זענען געוואָרען ערד אַרבייטער, אונז אָבער אינטערעסירען ראובן אָדער שמעון אַלס אַ פּרט פון אַ גאַנצען כלל, און מיר וואָלטען גערעכענט אונזער אַרבייט פערלאָרען, ווען אָט דער ראובן אָדער שמעון וואָלטען ניט ערררייכט אַזאַ מדרגה, אַז זיי זאָלען קאָנען אָהן מיה און אָהן שום שאָדען פאַר זיך צאָהלען פאַר דאָס קאַפּיטאַל, וועלכעס זיי

האָבען געליהען, אַזאַ פּראָצענט, וועלכער זאָל דערוועקען בײַ די קאַפּיטאַליסטען פון לאָנדאָן און פּאַריז אַ חשק צו פערלײַהען געלד אויף אַזעלכע תנאים לוי'ן יהודה'ן א. ז. וו. איך קלער, אַז דער חלוק צווישען אונז און די פילאַנטראָפּען איז גענוג קלאָר.

אונזער ציעל שליעסט אויס באַלד אין אָנפאַנג און אויף אַ לאַנגע צײַט די אַרבײַט צו העלפען אָרימעלײַט. מיר שטרעבען אויפצוהויבען דעם וואוילשטאַנד ניט פון יחידים, נאָר פון דעם גאַנצען פאָלק, דעריבער טאָרען מיר ניט האָבען קיין עסקים מיט אָרימעלײַט. אונזער ציעל איז, צו בעשאַפען אַזעלכע תנאים, בײַ וועלכע דער יודישער בעל מלאכה פון מזרח, אַרבײַטענדיג פלײַסיג, זאָל קאָנען אויף אַזוי פיעל זיך ענטוויקלען, אַז ער זאָל געבען די מעגליכקײַט זײַן פאָלק צו עקזיסטירען אין וואוילשטאַנד בײַ פרײַע לעבענס=תנאים.

ווען מיר זאָלען האָבען צוטהון מיט אַנ'אײַראָפּעאישער ערד=אַרבײַטער בעפעלקערונג, וואָלטען מיר אונזער אויפגאַבע געמוזט אויספיהרען דורך איבער=וואַנדערן גאַנצע פויערשע הויפען, נאָר דאָס אַרט קאָלאָניזירען האָט צוויי גרויסע חסרונות: ראשית, פאָדערט עס זעהר גרויסע קאַפּיטאַלען, אין וואָס „יקא" האָט זיך געקאָנט ערקונדיגען, והשנית, מוז עס אונבעדינגט בעשאַפען אַ פערברעכעריש שטרעבען צו אַ געוואַלדיגער ערד=ספּעקולאַציע און ברײַנגט צו דעם, וואָס ניט אַרבײַטענדע עלעמענטען ווערען רײַך אויפ'ן חשבון פון דעם אַרבײַטענדען פויער=טהום. צום גליק אָבער האָבען מיר צו טהון מיט אַזאַ עלעמענט, וואָס מאַכט אונמעגליך אַזאַ קאָלאָניזאַציע. אין אָנפאַנג וועלען די יודישע קאָלאָניסטען לחלוטין ניט זײַן פעהיג צו ערד=אַרבײַט מחמת פיזישע שוואַכקײַט און מחמת דעם וואָס זיי האָבען ניט קיין לאַנדווירטשאַפטליכע און טעכנישע בילדונג. אויב די יודישע קאָלאָניסטען וועלען שוין באַלד אין אָנפאַנג אָנהויבען לעבען אַזעלבשטענדיג לעבען, וועט זיך אין 99 פעלען פון הונדערט איבער חזר'ן די רעזולטאַטען פון באַראָן הירש'ס נסיונות: זיי וועלען ניט אויסהאַלטען און וועלען זיך צולויפען אין די שטעדט, צו פערנעהמען זיך דאָרט מיט מלאכה, אָדער מיט בעטלען, און די פיעל מיה און געלד וועלען אַוועק מיט'ן רויך.

דעריבער איז פאַראַן איין מיטעל: די דאָזיגע מענשען זאָלען אין אָנפאַנג זײַן לאַנד=אַרבײַטער אין די גרויסע אונטערנעהמונגען. די יודישע אָרגאַניזאַציעס, וועלכע וועלען זײַן די בעלי=בתים פון די דאָזיגע מוסטער=אונטערנעהמונגען, מוזען אונבעדינגט נעהמען אויף זיך איניס ערשטען יאָהר פון דער אַרבײַט די גאַנצע אונטערנעהמונגס=ריזיקע; די אַרבײַטער מוז מען, ניט קוקענדיג אויף קיין זאַך, צאָהלען

אַזוֹי פִיעל, וויפִיעל זייַ דאַרפעֶן האָבּעֶן אוֹיף צוּ לעֶבּעֶן מִיט זייַערעֶ פאַמִילִיעֶן. כּדי צוּגעֶוואוֹינעֶן זייַ בּהדרגה צוּ זעֶלבּשטעֶנדיגקייַט, דאַרף מעֶן זייַ געֶבּעֶן צוּ אייַגעֶנעֶ הייַזליך אוּן שטיקלעֶך עֶרד, וועֶלכעֶ זייַ זאָלעֶן בּעֶאַרבּייַטעֶן צוּ זאַמעֶן מִיט זייַעֶרעֶ פאַמִילִיעֶן, אוּנטעֶר דעֶר השגחה פוּן אַספּעֶציאַלִיסט, אִין דעֶר פרייַעֶר צייַט.

כּדי צוּ עֶררייַכעֶן אַ הוֹיכעֶ אִינטעֶנסִיוויטעֶט פוּן אַרבּייַטעֶר=מִיה, דאַרפעֶן די אָרגאַנִיזאַציעֶס, צוּ וועֶמעֶן ס׳געֶהעֶרעֶן די אוּנטעֶרנעֶהמוּנגעֶן, בּעֶנוּגעֶנעֶן זיך מִיט אַ קלייַנעֶם פּראָצעֶנט אוֹיף זייַערעֶ קאַפּיטאַלעֶן, אוּן דעֶם גרעֶסטעֶן טהייַל פוּנ׳ם רייַנעֶם רֶוַח זאָלעֶן האָבּעֶן די אַרבּייַטעֶר; אוֹיף אַזאַ אוֹפן וועֶלעֶן די קאָלאָנִיסטעֶן ווערעֶן שטאַרקעֶר פִיזִיש אוּן טעֶכנִיש געֶבִּילדעֶט, נאָך אייַדעֶר זייַ וועֶלעֶן זיך שטעֶלעֶן אוֹיף זייַערעֶ אייַגעֶנעֶ פִיס. סוֹמך זעֶנעֶנדיג אוֹיף די נסיוֹנוֹת, וועֶלכעֶ מִיר האָבּעֶן, קאָן מעֶן עֶרוואַרטעֶן, אַז דעֶר רֶוַח פוּן די דאָזִיגעֶ גרוֹיסעֶ ווירטשאַפטעֶן מִיט אַגעֶזעֶלשאַפטלִיכעֶר פעֶרוואַלטוּנג וועֶט זייַן געֶנוּג גרוֹיס, אַז עֶר זאָל קאָנעֶן דִיעֶנעֶן פאַר דעֶם נוֹיטִיגעֶן קרעֶדִיט=יסוד, דוּרך וועֶלכעֶן מ׳וועֶט קאָנעֶן גרִינדעֶן די פִיעל ווייַטעֶרדיגעֶ אוּנטעֶרנעֶהמוּנעֶן. ווי נאָר אַז אַנ׳אַרבּייַטעֶר גרוּפּעֶ וועֶט עֶררייַכעֶן אַזאַ מדרגה פוּן עֶנטוויקלוּנג, אַז זי וועֶט שוֹין ־וועֶלעֶן נעֶהמעֶן די אוּנטעֶרנעֶהמוּנג אִין אִיהרעֶ אייַגעֶנעֶ העֶנד, אוּן אַז זי אִיז שוֹין מסוּגל צוּ דעֶם, וועֶט זי דעֶר ווייַזעֶן מִיט דעֶם, וואָס זי וועֶט אַרייַנטראָגעֶן אַפּאַסעֶנדעֶן טייַל פוּנ׳ם קאַפּיטאַל, דאַן דאַרף מעֶן די אוּנטעֶרנעֶהמוּנג אִיבּעֶרגעֶבּעֶן זייַ אִין די העֶנד, בּעֶנוּגעֶנעֶנדיג זיך מִיט אַקלייַנעֶם פעֶרדִיענסט. זייַ מעֶגעֶן דאַן טהוּן, ווי זייַ אַליין וועֶלעֶן געֶפִינעֶן פאַר זיך גוּט: אָדעֶר פִיהרעֶן אַגעֶזעֶלשאַפטלִיכעֶ ווירטשאַפט, ווי בִּיז אַהעֶר, אָדעֶר צוּ טהייַלעֶן די עֶרד אוֹיף חלקים. נאָר אייַנס מוּז זייַן אַחוּק ולא יעבור, אַז קייַנעֶר קאָן נִיט ווערעֶן קייַן פרייַעֶר אייַגעֶנטִימעֶר פוּן דעֶר עֶרד, וועֶלבעֶ עֶר בּעֶאַרבּייַט. אִיהם קאָן געֶהעֶרעֶן דאָס אייַבִּיגעֶ בּעֶנוּצעֶן זיך מִיט די הבנסוֹת פוּן דעֶר עֶרד, נאָר קייַנמאָל, בּייַ קייַנעֶ אוּמשטעֶנדעֶן טאָר עֶר נִיט האָבּעֶן די מעֶגלִיכקייַט צוּ מאַכעֶן ספּעֶקוּלאַציעֶס מִיט אִיהר אוּן רייַך ווערעֶן פוּן אִיהר אוֹיפ׳ן חשבּוֹן פוּן די עֶרד=אַרבּייַטעֶר, וועֶלכעֶ וועֶלעֶן זי נאָכהעֶר בּעֶאַרבּייַטעֶן. אוֹיף אַזאַ אוֹפן, וועֶט די געֶזעֶלשאַפט, וועֶלכעֶ פעֶראייַנִיגט אַלעֶ אַרבּייַטעֶר, זייַן דעֶר אייַבִּיגעֶר בעל=הבית פוּן דעֶר עֶרד, אוּן די אַרבּייַטעֶר וועֶלעֶן נאָר קאָנעֶן אִיבּעֶרגעֶבּעֶן די עֶרד בּירוּשה. אוּנזעֶר אַרבּייַט וועֶט זייַן צוּגעֶפּאַסט צוּ די כּללים פוּן דעֶר נייַסטעֶר לעֶהרעֶ אוּן צוּזאַמעֶן מִיט דעֶם וועֶט זי בּרייַנגעֶן די אוֹיפלעֶבּוּנג פוּן די אַלטעֶ נאַציאָנאַלעֶ געֶזעֶצעֶן וועֶגעֶן דעֶר עֶרד, וועֶלכעֶ מִיר געֶפִינעֶן אִין דעֶר תּוֹרה.

אָט דאָס זעֶנעֶן בּקצוּר די דרייַ הוֹיפּט רִיכטוּנגעֶן פוּן דעֶר יוּדִישעֶר אַרבּייַט

אין פּאַלעסטינאַ איצט אין אין דער צוקונפט: דאָס דערוועקען דעם אינטערעס אין די ברייטע שיכטען פון די קאַפּיטאַליסטען, פערברייטערן די ראַהמען פון דער אינדוסטריע אין פּאַלעסטינאַ און גרינדען ערדאַרבייטערישע מוסטער־ווירטשאַפטען, וועלכע זאָלען בעשאַפען אַזיכערן קרעדיט, וועלכער איז נויטיג אויף אַריבערצופיהרען גרויסע פאָלקס־מאַסען. דאָס אַלעס מוז געטהון ווערען, כדי צו פערניכטען אָדער, לכל הפחות, קלענער מאַכען מיט דער הילף פון געזעלשאַפטען די שעדליכע ווירקונג פונ׳ם קאַפּיטאַליזם אין דעם הייליגען לאַנד.

מיר ווילען שאַפען די ליידענדע מזרח יודען ערד, וואו נאָך אַשווערע אַרבייט זאָלען זיי האָבען אַפרייליכע מנוחה. מיר ווילען זיי געבען די מעגליכקייט צו אַרבייטען, כדי ס׳זאָל אויף זיי מקוים ווערען די ווערטער פונ׳ם פּאָעט: „דאָס, וואָס דיר איז געקומען בירושה פון דיין פאָטער, מוזטו אַפריהער פערדינען, צו מעגען מיט דעם בעל־הבית׳עווען". כדי צו מאַכען די יודישע בעפעלקערונג פון מזרח פאַר אַפאָלק אינ׳ם פולען זין פונ׳ם וואָרט, איז נאָך וועניג וואָס מ׳זועט זיי שענקען ערד: אַפאָלק דאַרף ערווערבען די ערד מיט׳ן אַקער און גראָבאייזען, כדי זי זאָל זיין זיינע און ער—איהרע. מיר גלויבען, אַז פּונקט ווי אדם הראשון האָט געמוזט פערלאָזען דעם גן עדן און מיט שווייס עסען זיין ברויט, אַזוי וועט דער מענש ערווערבען זיין גן עדן מיט שווייס און וועט ווערען זיין הערשער און וועט לעבען אין איהם גליקליך, ניט מיט קיין קינדערשען גליק, נאָר מיט אַבעוואוסטזיניגען גליק פון אַדערוואַקסענעם.

און אָט דער גלויבען מאַכט אונז פאַר גליקליכע!

גראַנדיעזע הויכע ציעלען! אַ, ווען ס׳גיט זיך נאָר איין צו ערגרייכען זיי איידער ס׳איז נאָך ניט שפּעט. די דאָזיגע ציעלען קאָנען עררייכט ווערען נאָר דאַן, ווען מיר אַלע וועלען זיך פעראייניגען אין דער אַרבייט, אָבגעבענדיג די גאַנצע פרייע צייט און געבענדיג מאַטעריעלע הילף, וויפיעל יעדערער קאָן. מיינט ניט, אַז ס׳איז גענוג צו לויפען אויף פערזאַמלונגען, אַפּלאָדירען די געליעבטע רעדנער און אַריינוואַרפען אין קערה עטליכע קאָפּיקעס.

ס׳שטעהט אונז פאָר צו אויפטהון זעהר אַגרויסע און שווערע זאַך. מ׳דאַרף געהן האַנד ביי האַנד; די טייסטערס דאַרפען זיין אָפען, ווי די הערצער. מיר, אַקליין הייפעל פייער לעשער, שטעהען טרויעריג מיט חרפה און יאוש ביי אונזער שלאַנגען, פון וועלכע ס׳געהט ניט אפילו איין טראָפען וואַסער; און פון צעהנדליגער טויזענד

פעֶנסטעֶר טראָגעֶן זיךְ טויט=קולות וועֶגעֶן היִלף, און מיִר הערעֶן אָט די שרעֶקליִכעֶ קולות, כל זמן זיי זעֶנעֶן נאָך ניִט דעֶרשטיִקט נעֶוואָרעֶן איִן רויך און פלאַם: וואָס זשעֶ שטעֶהט איִהר, לייִדיִג=געֶהעֶר! טראָגט אַהעֶר עֶמעֶר! טראָגט אַהעֶר וואַסעֶר! גיִכעֶר! העֶרט אויף צו היִטעֶן נאָר דעֶם אייִגעֶנעֶם נפש! העֶלפט!

די צוקונפט פון פאלעסטינא

און אונזערע אויפגאבען *).

פון פראפ. א. ווארבורג.

ס'איז איצט פאראיבער אפערטעל יאהר=הונדערט, זייט דעם ווען נאך אפעריאד פון א געהויבענער שטימונג, וואס האט ניט איהר גלייכען, האט זיך פאר די יודען אין רוסלאנד אנגעהויבען א שווערע צייט, וועלכע האט זיי געדראהט מיט פערטיליגונג. הריגות און אכזרישע אויסנאהם=געזעצען געהען איינס נאך ס'אנדערע אינ'ם גאנצען משך, ביז דאס לעצטע יאהר מיט זיינע פאגראמען, מיט זיינע דורך די רוסישע רעגירונג קאלט=בלוטיג צוגעגרייטע מאסען=הריגות האט אנגעטהון אונזערע מזרח=ברידער א קדושים=קראנץ.

איז עס דען ניט נאטירליך, וואס די רוסישע יודען, ארומגעכאפטע פון שרעק און פערצווייפלונג, זוכען צו ראטעוועו זיך פון זייער שרעקליכען שיקזאל דורך אנטלויפען? ווי גרויס דאס דאזיגע מאסען=אנטלויפען איז, קאן מען אמבעסטען זעהן פונ'ם בעריכט פון דעם געגעראל=עמיגראציאנס=קאמיסאר פון די פעראייניגטע שטאטען, וועלכער טיילט מיט, דאס אין די לעצטע דריי יאהר איז די איינוואנדערונג פון די רוסישע יודען נאך אמעריקא געשטיגען פון 76,203 מענשען א יאהר אויף 129,910 אינ'ם לעצטען יאהר. אלזא האבען אינ'ם לעצטען יאהר $2\frac{1}{2}$ פראצענט פון דער גאנצער יודישער בעפעלקערונג אין רוסלאנד פערביטען דאס דאזיגע באר=באריש לאנד אויף אמעריקא, היינט וויפיעל פון זיי האבען אין דעם יאהר עמיגרירט נאך ענגלאנד, קאנאדא, ארגעטיניען, דרום=אפריקא, מצרים, טערקיי און אנדערע מערב=און מיטעל אייראפעאישע לענדער, אדער אינדערעקט נאך אמעריקא?

אט די יודישע וואנדער=בעוועגונג איז בלי ספק איינע פון די זעלטענסטע וואנדער=ערשיינונגען פון דער מענשליכע געשיכטע און לויט איהר צאהל שטייגט זי אויף פיעל אריבער אפילו די פעלקער=וואנדערונג. איז עס דען א וואונדער, וואס אפילו אין אמעריקא ווערט איצט אויך גרעסער די צאהל פון די, וועלכע ווילען אבשטעלען אט דעם שטארקען שטראם פון דער יודישער אימיגראציע, און וואס דעריבער ווערען מיט יעדען יאהר געשטעלט די נייע=אנגעקומענע עמיגראנטען

*) פארטראג, געהאלטען דיעם 21 נאוועמבער 1906 אין דער גענעראל-פערזאמלונג פונ'ם יודישען קאלאניזאציאנס-פעראיין אין וויען.

אַלץ מעהר שווערערע תנאים און פאָדערונגען? אין די פּעראייניגטע שטאַטען זענען דאָך שוין איצט פאַראַן לכל הפחות $1^1/_3$ מיליאָן יודען, אַלזאָ ניט פיעל וועניגער, ווי אין עסטרייך און אונגאַרן צוזאַמען, און אין נעוו־יאָרק איז דאָך איצט די גרעסטע יודישע קהלה אין דער וועלט, וועלכע צעהלט 800,000 מענשען און שטייגט אַלזאָ אויף פיעל אַריבער די צווייטע גרויסע יודישע קהלה אין וואַרשוי, וועלכע צעהלט נאָר 220.000 מענשען. אָט די ריעזען־קהלה צעהלט מעהר יודען אַלס דייטשלאַנד און ענגלאַנד צוזאַמען־גענומען, כמעט אַזוי פיעל ווי אונגאַרן, און שטייגט אפילו איבער די צאָהל פון די יודען אין פאַלעסטינאַ אין היינטיגער צייט.

ווען אָבער דאָס דאָזיגע ביז אַהער גאַסט־פריינדליכע לאַנד הויבט־אָן פערשלאָסען צו ווערען פאַר די יודישע איינוואַנדערונג, ווי דייטשלאַנד און עסט־רייך־אונגאַרן, אָדער ווען ענגלאַנד מאַכט בעדייטענד שווערער דאָס איינוואַנדערן אַהין דורך דאָס פרעמדען־געזעץ, וואו־זשע זאָל זיך אַהין־טהון אָט די מאַסע יו־דישע אַנטלויפענדע און עמיגרירענדע? וואו זאָלען זיך אַהין־טהון אָט די אַלע גע־יאָגטע און פערצווייפעלטע, וועלכע האָבען אויף זיך קיין שום שולד ניט, אַ חוץ דעם וואָס, געהערענדיג צום עלטסטען קולטורעשען פאָלק אין דער וועלט, וואוינען זיי אין אַ לאַנד, וואו ס'הערשען נאָך מיטעל אַלטערישע אָרדנונגען?

אָט די ראַטלאָזיגקייט פון דער וויכטיגער צוקונפטס־פראַגע לאָזט אונז ניט רוהען. ס'זענען פאַראַן אַזעלכע, וועלכע ווילען צושפּרייטען די יודישע עמיגראַנ־טען אין די וועניגע לענדער, וועלכע זענען נאָך פאַר זיי אָפען, נאָר אין מעגליכסט קלענערע צאָהלען, כדי ניט אַרויס־רופען אויך אין יענע לענדער, אַנ'אונצופריע־דענהייט, אַזוי למשל, אַביסעל אין מעקסיקאַ, אַביסעל אין טשילע, אין דרום־אַפ־ריקאַ, אין אויסטראַליען. קאָן עס אָבער פערענטפערען די ברענענדיגע פראַגע? ממה נפשך, וועלען זיי זיך דאָרט ניט קאָנען איינאָרדנען, ווי ס'בעדאַרף צו זיין, הייסט דאָך עס, אַז דאָס לאַנד קאָן בכלל אויפנעהמען אַנ'אובעדייטענדע צאָהל איינוואַנדערער, וועלען זיי זיך אָבער יאָ איינאָרדנען, דאַן וועלען זיי דאָך נאָכציהען נאָך זיך גרויסע מאַסען אין לאַנד, און ס'וועט זיך איבער'חזר'ן דאָס זעלבע וואָס אין אַמעריקאַ און אין ענגלאַנד, און נאָך אַ קאַמפּף פון איניגע יאָהרען וועלען אָט די טויערן אויך פערשלאָסען ווערען.

נאָר ווען ס'זאָל שוין אפילו יאָ געלינגען צו געפינען אַריכטיג פערטיילונגס־מיטעל, קאָן מען זיין זיכער, אַז אונזערע ברידער וועלען זיך אין דער צווייהונג פיהלען גוט? צו וועלען זיי, זענענדיג קליינע קהלות, בכלל זיך קענען אויפהאַל־טען אַלס יודען און ווידערשטעהן די אַסימילירענדע תנאים פון דער אַרומיגער וועלט?

נאָר דאָרט, וואו זיי וואוינען אין קאָמפּאַקטע מאַסען, קאָנען זיי איינהאַל־טען זייער פאָלקס־חאַראַקטער, דאָרט אָבער, וואו זיי זענען צעוואָרפען, אַסימי־לירען זיי זיך מיט דער אַרומיגער בעפעלקערונג אין אַ משך פון אייניגע דורות, און אָט דער פּראָצעס ווערט אונבעדינגט איבער׳חזר׳ן זיך אין אַמעריקאַ און אויס־טראַליען, ווי דאָס איז שוין פאָרגעקומען אין דענעמאַרק און איטאַליען,

די יודישע מאַסע פון מזרח־אייראָפּאַ פיהלט עס אינסטינקטיוו, און וויל זיך ניט צו שפּרייטען. פאַר דעם בעסטען בעווייז קאָן דינען נעוו־יאָרק. פון די 1,031,000 יודען, וועלכע האָבען אויסגעוואַנדערט פון רוסלאַנד אינ׳ם משך פון יאָהר 1881 ביז 1904 זענען ניט ווייניגער אַלס 75,000 יודען פערבליבען וואוינען אין נעוו־יאָרק. די מזרח־יודען, ווי יעדעס געזונדע און קרעפטיגע פאָלק, פיהלען זיך אַמבעסטען אין דער אייגענער סביבה, אין דער יודישער ספערע, און ווען אפילו איינצעלנע פערזאָנען וואַנדערן אויס אין געגענדען מיט אַ קליין יודישער בעפעל־קערונג, טהוען זיי עס מחמת וועלכע ס׳איז סבות. אָבער בשום אופן ניט אינ־סטינקטיוו. און טאַקי מחמת דעם גופא האָט ניט קיין ערפאָלג דער אַמעריקאַ־נער אַזוי אָנגערופענער צו שפּרייטונגס־קאָמיטעט, וועלכער האָט זיך געשטעלט דאָס ציעל, צו בעזעצען די יודען פון נעוו־יאָרק אין דרום און מערב פון די אַמעריקאַנער פעראייניגטע שטאַטען; און ווען מ׳זאָל, למשל, וועלען אין וויען אַריבערפיהרען די יודישע בעפעלקערונג אין די עסטרייכישע קליינע שטעטדליך, גלויב איך, אַז מ׳וואָלט דאָ קיין בעסערן ערפאָלג אויך ניט געהאַט. נאָר מיט די נייע אָנגעקומענע געלינגט עס דעם קאָמיטעט אַ ביסעל בעסער, און דאָס פון זינט ווען מ׳גיט זיי איבערהויפּט ניט די מעגליכקייט צו בעקאָנען זיך מיט נעוו־יאָרק; מ׳גיט זיי בילעטען פון אייראָפּאַ דירעקט נאָך די אַמעריקאַנער אינלאַנד־שטעדט, אַזוי, אַז ס׳ווערט ביי זיי אָבגענומען יעדע מעגליכקייט צו בלייבען אין נעוו־יאָרק.

אַלזאָ איז די צושפּרייטונגס־טהעאָריע ניט אויסגעהאַלטען, ראשית, ווייל זי איז ניט געוואונשען, והשנית קאָן זי ניט פערווירקליכט ווערען. קוים אָבער האָ־בען מיר זיך דערין איבערצייגט, דאַן ענטשטעהט די פראַגע. וועלכע לענדער קאָן מען נאָך נעהמען אין בעטראַכט, וואָס זאָלען טויגען פאַר אַ מאַסען־איינוואַנדע־רונג, אַחוץ די גרויסע שטעדט פון די אַמעריקאַנער פעראייניגטע שטאַטען, וואו דער איינוואַנדערונג ווערט באַלד געשטעלט ווערען אַ גרענעץ, אויב ניט דורך דאָס געזעץ איז דורך די עקאָנאָמישע פערהעלטנישען און דורך די שטאַרקע קאָנקורענץ, וועלכע ווערט דאָרט פאָרקומען צווישען די איינגעוואַנדערטע יודען גופא?

ס'איז אויך אַלעמען בעקאַנט, דאָס אין פאָריגען יאָהר האָט זיך געבילדעט אַנ'אָרגאַניזאַציע, אונטער דער אָנפיהרונג פון דעם בעקאַנטען ענגלישען שריפטשטע־לער זאַנגוויל, מיט'ן נאָמען: „יודישע טעריטאָריאַליסטישע אָרגאַניזאַציאָן" אָדער פער־קירצט „יטא", וועלכע האָט זיך געשטעלט דאָס ציעל, צו קריגען אַ פּאַסענדע טעריטאָריע אויף אויטאָנאָמע־יסודות פאַר די יודען, וועלכע וועלען אַרויסגעשטויסען פון מזרח־אייראָפּאַ. ס'איז גאַנץ פערשטענדליך, ווען מענשען, ביי וועלכע ס'איז זעהר טייער די אידעע פון אַ יודישער אויטאָנאָמער מלוכה, שטעהען צו צו אַזאַ בעוועגונג, אָבער, אַז מענשען וועלכע ווייסען וואויל די אָרטיגע אויטאָנאָמע־רעכט פון די פרייע אַמעריקאַנער שטאַטען אָדער פון די ענגלישע קאָלאָניעס, קאָנען גלויבען, אַז מ'קאָן קריגען נאָך בעזונדערע גאַראַנטיעס פאַר די צוקונפטיגע יודישע קאָלאָ־ניעס, אָדער, אַז אַזעלכע גאַראַנטיעס וועלען זיי זיין נויטיג — איז עס מיר אונפער־שטענדליך. ביז אַהער האָבען זייערע בעמיהונגען קיין שום פראַקטישע רעזולטאַטען ניט געהאַט, און ווער ס'איז בעקאָנט מיט דער קאָלאָניזאַציאָנס־בעוועגונג פון דער גאַנצער וועלט, מוז מסופק זיין, צו ס'איז בכלל מעגליך וועלכער ס'איז ערפאָלג, ווייל די שטיקער ערד מיט אַ מעסיגען קלימאַט, וועלכע טויגען פאַר אַזעלכע ציעלען, זענען שוין בעפעלקערט, הגם אין איינִיגע ערטער וועניג. די איינוואוינער פון אַזעלכע ערטער וועלען בלי ספק געגען דער פערוואַנדלונג פון זייער היים אין אַ יודישער מלוכה שטאַרק קעמפפען, נאָך שטאַרקער, ווי דאָס ביסעל ענגלישע איינוואַנדערער אין דער ענגלישער מזרח־אַפריקאַ האָבען געקעמפפט, ווען אינ'ם יאָהר 1903 איז אַרויפגעשוואומען דאָס אוגאַנדאַ־פּראָיעקט; זיי האָבען ענערגיש פּראָטעסטירט געגען דעם פּלאַן פון דער ענגלישער רעגירונג, אָבצוגעבען דאָס לאַנד די ציוניסטען צו קאָלאָניזירען. הגם ס'האָט זיך כלל ניט געהאַנדעלט וועגען דאָס לאַנד, וואו זיי וואוינען, נאָר וועגען אַ לעדיגע טעריטאָריע אינוועניג אין לאַנד. און ווען די „יטא" וויל דוקא קריגען אַ אויטאָנאָמיע, דאַן מוז זי ווענדען איהר בליק אויף די טראָפּישע געגענדען, וואו לעדיג זענען נאָר די מדבריות, אָדער אויף דער געגענד אין דער ענגלישער מזרח־אַפריקאַ, וועלכער איז ניט אָנגע־נומען געוואָרען אויפ'ן לעצטען ציוניסטען־קאָנגרעס מחמת זיינע שלעכטע ווירט־שאַפטליכע תנאים, אָדער אויף די ווייטע ערטער אין צפון־אויסטראַליען, וועלכע טויגען לחלוטין ניט פאַר קאָלאָניזאַציע.

ווען אָבער די „יטא" זאָל זיך אָבזאָגען פון אויטאָנאָמיע, דאַן האָט זי קיין רעכט ניט צו עקזיסטירען, דען וואָס זי קאָן דאַן פערלאַנגען, האָט עס שוין פאַר־גענומען אַנ'אַנדער גרויסע חברה, וועלכע האָט גרעסערע מיטלען און האָט שוין

איבערגעלעבט די שווערע אָנפאַנגס־טריט. איך מיין, זעלבסטפערשטענדליך, די טהעטיגקייט פון דער חברה „יקא“, וועלכע דער באַראָן הירש האָט געגרינדעט, אין אַרגענטיניען, וועלכע איז איינס פון די גרויסאַרטיגע קאָלאָניזאַציאָנס־און הילפס־ווערק פון דער נייער צייט. איך מיין דאָ ניט צו זינגען קיין לויב ליעדער אָט דער חברה, איך האַלט די „יק“א“ גאַנץ ווייט ניט פאַר דאָס אידעאַל פון אַ קאָלאָניזאַציאָנס־חברה, איך האַלט אפילו, אַז מיט איהרע גרויסע מיטלען האָט זי געקאָנט בריינגען אַ סך מעהר צוועקמעסיגערע נוצען דעם יודישען פאָלק, ווי זי בריינגט איצט. נאָר דאָך מוז מען, לויט מיין מיינונג, ווען מ'בעטראַכט אָביעקטיוו, מודה זיין, אַז זי האָט אין אַרגענטינאַ געעפענט פאַר די יודישע קאָלאָניזאַציע אַ גרויסע צוקונפטס־טעריטאָריע, וועלכע וועט אין עטליכע יאָהר אַרום בילדען אַ בעדייטענדען יודישען צענטער.

פריהער פלעגט די חברה אַריבערפיהרען איינוואַנדערער פון רוסלאַנד נאָך אַרגענטיניען אויף איהרע קאָסטען, און דורך דעם פלעגען זיי, די איינוואַנדערער, מיינען, אַז זיי האָבען דאָס רעכט צו בעקומען אַ לאַנגע צייט שטיצע פון דער חברה און פלעגען דעריבער באַלד ווערען אונצופריעדען און פערלאָזען דאָס לאַנד, אַזוי, אַז די צאָהל פון די קאָלאָניסטען איז פיעל יאָהר זעהר וועניג געשטיגען, איצט אָבער, שטיצט זי שוין נאָר אַזעלכע, וועלכע קומען אויף איינענע ריזיקע, און אַז דאָס איז די בעסטע מעטהאָדע, בעווייזט דאָס פערגרעסערן זיך פון דער יודישער בעפעלקערונג אין די אַרגענטינער קאָלאָניעס אין דער לעצטער צייט. פון יאָהר 1904 ביז 1905 האָט די צאָהל פון די קאָלאָניסטען געשטיגען פון 1148 אויף 1251 פאַמיליען, אָדער, 8290 מענשען אויף 9227, און די צאָהל פון די, וואָס לעבען אין די קאָלאָניעס ניט פון ערד־אַרבייט האָט אין דעם זעלבען יאָהר געשטיגען פון 836 מענשען אויף 2195; אַלזאָ לעבען איצט אין די אַרגענטינער קאָלאָניעס פון „יקא“ 11,400 יודען.

איצט הויבען זיך שוין אָן אפילו ווייזען סמנים פון אַ צוקינפטיגער שטאָרט. דאָס איז אַ בעוויי, אַז נאָך דער 14 יאָהריגער אַרבייט הויבען אָן די קאָלאָניעס האָבען ערפאָלג. איהר וועט אפשר זאָגען, אַז 14 יאָהר איז אַ לאַנגער משך, נאָר מ'קאָן מיט זיכערהייט בעהויפטען, אַז זעהר וועניג קאָלאָניזאַציאָנס־אונטערנעהמונגען, וואָס זיינען אונטערנעהמער זענען ניט קיין אַלטגעזעסענע אין לאַנד ברויכען וועניגער צייט אויף צו ענטוויקלען זיך. דעם אינערליבען פאָרטשריט פון די אַרגענטינער קאָלאָניעס זעהט מען אויך דערין, וואָס אין יאָהר 1905/1906 איז ניט וועניגער אַלס 80,000 העקטאַר פערזייעט געוואָרען מיט קערנער־תבואה און ליין,

ווען אין פאָריגען יאָהר איז פערזייהט געווען ניט מעהר פון 59.000 העקטאַר, און וואָס די צאָהל פון די רינדער, פערד, מויל־אייזלען און שאָף האָט און דעם זעלבען יאָהר געשטיגען פון 88.000 שטיק אויף109,000.

אַז דאָ האַנדעלט זיך ניט וועגען אַ קליין שטח לאַנד, קאָן מען זיך איבער־צייגען, ווען מ׳פערגלייכט דעם שטח פון דער ערד. וואָס געהערט דער „יקא״ אין אַרגענטינען, מיט פאַלעסטינאַ; אָט דער שטח פערנעהמט ניט װעניגער אַלס 4137 קוואַדראַט־קילאָמעטר, אַלזאָ כמעט אַ זעקסט חלק פון גאַנץ פאַלעסטינאַ. ווען דאָ וועט איינגעפיהרט ווערען אַן׳אינטענסיווע קולטור—נעבען די גרויסע שטעדט הויבט זי שוין־אָן דאָ אויך איינגעפיהרט ווערען—וועלען דאָ דאַן בעקוועם קאָנען לעבען אַ האַלב מיליאָן מענשען. און אין דער סביבה פון דעם שטח גע־פינען זיך נאָך איינינע פרייע און אונבעאַרבייטע ערד־שטרעקען, אַזוי, אַז בלי ספק איז דאָ פאַראַן אַ מעגליכקייט צו בעשאַפען אַ העכסט בעדייטענדען יודישען צענטר, די יודישע קאָלאָניזאַציע וואָלט דאָ געקאָנט זיין זעהר אַ וויכטיגער פאַקטאָר, ווייל די גאַנצע רעפובליק פערמאָגט גאָר און גאָר 5 מיליאָן איינוואוינער.

אַלזאָ, ווער ס׳זאָגט זיך אָב פון דעם אויטאָנאָמישען רעיון און איז נאָר פעראינטרעסירט צו פערבעסערן די יודישע מאַטעריעלע לאַגע און צו פעראייניגען זיי אין גרויסע קהלות, דער זאָל זיך פעראייניגען מיט דער „יקא״ און זאָל זיך ניט פערנעהמען מיט לאַנד־זוכעריי, ווי די „יטא״ טהוט עס.

גאַנץ אַנדערש אָבער האַלט עס מיט די, וועלכע ווילען, אַז ניט נאָר די יודישע מאַטריעלע לאַגע זאָל זיך פערבעסערן, נאָר אַז דאָס יודישע פאָלק זאָל זיך ווייטער אויך קאָנען ענטוויקלען אויף די יסודות פון זיין אַלטער קיינמאָל ניט פערלאָשענער קולטור, אָט די, וועלכע קאָנען ניט ווערען בעגייסטערט פון דער נייער געמישטער קולטור, וועלכע וועט זיך מוזען ענטוויקלען אין אַרגענטינען אונטער דער שפּאַ־ניש־קרעאָלישע השפעה, ווייל זיי האַלטען, אַז דאָס גליק פון דער מענשהייט פאָדערט, אַז יעדעס פאָלק זאָל ווייטער אויך געהן נאָך זיינע אייגענע קולטור־אידעאַלען און אַז זיין מענשענטום זאָל זיך אינדיווידועל ענטוויקלען, הגם בע־איינפלוסט פון די קולטור־גיטער פון דער גאַנצער מענשהייט, אָבער אונאַב־העניגיג פון פרעמדע נאַציאָנאַל־קולטורען אָדער פון אוננאַטירליכע מישונגען מיט זיי. אָט די מיינונג איז ניט קיין פערמאַסקירטע דאָגמאַ פון דעם אַזוי אָנגערופענעם, נאָר באמת פאַלשען ליבעראַליזם, זי איז על כל פנים צייטמעסיג, דען דער מאָדערנער פהילאָזאָף, פראָפעסער פריעדריך פּוילזען פון בערלין זאָגט אויך אַרויס די זעלבע גע־דאַנקען אין דער זעהר קלאָרער און שאַרפער הקדמה צו זיין האַנד־בוך: „דאָס דייטשענ־

טום אין אויסלאַנד״, וועלכעס איז איצט ערשינען אין דער צווייטער אויפלאַגע.

אָט וואָס ער שרײַבט איבער די אויסלענדישע דײַטשען: „ווער ס'אַרבײַט פאַר די ערהאַלטונג און פערשפרײַטונג פון דער דײַטשער שפּראַך, דער ברײַנגט שוין מיט דעם גופא נוצען דער גאַנצער מענשהײַט: דאָס נאַציאָנאַלע אינטערעס איז אויך דאָס מענשהײַטס־אינטערעס. דאָס צוריק געהן פון דער דײַטשער גײַסטיגער קולטור איז אַ היזק ניט נאָר פאַר דאָס דײַטשענטום, נאָר אויך פאַר די גאַנצע מענשהײַט״: און אויך דער צווייטער פונקט, וועלכער ווערט אַזוי אָפט קעגען אונז אַרויסגעשטעלט, נעמליך די פראַגע, צו קאָן מען פעראייניגען די טרײַשאַפט צום אייגענעם פאָלק מיט דער טרײַשאַפט צום לאַנד, צו וועלכען מ'געהערט, ווערט דורך דעם גרויסען פהילאָזאָף פערענטפערט פאָזיטיוו. „מ'קאָן, זאָגט פוילזען, פערייניגען די פאָליטישע טרײַשאַפט צום לאַנד, צו וועלכען מ'געהערט, מיט דער טרײַשאַפט צום אייגענעם פאָלק און זײַן שפּראַך. אַז דאָס איז אַמעגליכע זאַך, קאָן נאָר דער ווײַזען די איבערצײַגונג, מיט וועלכער איהר דאַרפט פריהער זיך גופא און נאַכהער אַנדערע דורכדרינגען״.

איך האַלט, אַז מיר יודען דאַרפען נאָכגעהן נאָך דעם גרויסען פהילאָזאָף; אויך מיר דאַרפען אַטראַכט טהון, אויף וואָס פאַר אַנ'אופן קאָן זיך אונזער פאָלק אונגעשטערט און אַמבעסטען ענטוויקלען און אויסבילדען זײַן אייגענאַרטיגקײַט צום נוצען פון דער מענשהײַט, ניט אין דער פאָרם פון דער אַזוי אָנגערופענער גלות־קולטור, אָט די טרויעריגע בילדונג, וועלכע שטערט יעטוועדער ענטוויקלונג, אָט יענץ שלעכטעם פראָדוקט, וואָס איז אַ פּועל־יוצא פונ'ם פערצווייפעלטען קאַמפּף פון דער אַלטער קולטור, וואָס וויל ניט און קאָן ניט שטאַרבען, קעגען דער מעכטיגער און שעדליכער השפּעה פון דרויסען, אַקאַמפּף, וואָס די אַלע בעסטע כּוחות, אַלע פּאָזיציעס, וואָס בעשאַפען און ענטוויקלען אַקולטור, געהען פערלאָרען, ניט מכּח אַזאַ קולטור האַנדעלט זיך דאָ, נאָר וועגען אַנ'אמת'ער מאָדערנער קולטור, ווי יעדע נאַציאָנאַל־קולטור, מוז זי זײַן געבויט אויף די גײַסטליכע גיטער פונ'ם פאָלק און מוז זיך ווײַטער ענטוויקלען אין דער ריכטונג, אין וועלכער דער גײַסט פון פאָלק האָט זיך ענטוויקעלט אין אַ משך פון טויזענדער יאָהרען. און ניט אָבשליסען דאַרף זי זיך, נײן, די אַנדערע נאַציאָנאַל־קולטורען דאַרפען האָבען אויף איהר אַ השפּעה, נאָר זי דאַרף זיי איבעראַרבײַטען לויט איהר אייגענעם אַרט, ווי אַלע אַנדערע קולטור־פעלקער טהוען עס.

נאָר איין אייציג לאַנד איז פאַראַן, וואו עס קאָן זײַן מעגליך אַזאַ ענטוויקלונג— פּאַלעסטינאַ איז דאָס ראָזיגע לאַנד, אויף דער גאַנצער ערד איז ניט פאַראַן

נאָך אָזאַ לאַנד ווי פּאַלעסטינאַ, וואו די אויסערע מעגליכקייט צו פּערבעסערן די מאַטעריעלע לאַגע פון יודישען פאָלק איז פערהאַלטניסמעסיג מיט דער אבסאָלוטער געוויסהייט, אַז די יודען, וואָס וועלען זיך דאָרט בעזעצען, וועלען זיך ווירקליך איינוואָרצלען אין לאַנד און וועלען אָנגעקניפּט ווערען אָן זייער אַלטע גרויסע געשיכטע.

ווי נאַטירליך ס׳שטעלט זיך פאַר די פערענטפערונג פון דער יודישער וואַנדערונגס־פראַגע גראַדע די פאָראורטהיילסלאָזע ניט־יודען, קאָן מען זעהן פון דעם, וואָס דער רייכס־סעקרעטאַר פון צפון־אַמעריקאַ, ראָט, האָט געזאָגט דער יודישער דעלעגאַציע אין אַרגענטינען, אַז די איינציגע הילף פאַר די יודישע נאַציאָן בעשטעהט נאָר דערין, אַז די יודען זאָל געלינגען אומצוקעהרען זיך אין זייער אַלטע היים—פּאַלעסטינאַ. פונקט אַזוי זאָגט זיך אַרויס דער אויסגעצייכענטער קענער פון פּאַלעסטינאַ, דער ענגלישער פאָלקאָווניק קאָנדער, דער מחבר פון פיעל וויכטיגע אַרבייטען איבער דאָס דאָזיגע לאַנד, אין וועלכען ער איז געוועזן אַלאַנגע צייט און וועלכער רופט עס אָן אין זיינעם אַ פּאָרטראַג איבער פּאַלעסטינאַ „דאָס אייגענע לאַנד״ פון די יודען. און די דאָזיגע מיינונג זיינע זאָגט ער אַרויס ניט נאָר אויפ׳ן סמך פון אַלטערטום, נאָר דאָס איז אַן אַלגעמיינע איבערצייגונג פון דער אָרטיגער אַראַבישער און טערקישער בעפעלקערונג. זיי גלויבען, אַז די יודען וועלען ווידער בעהערשען דאָס לאַנד, און כדי צו פערציהען די דאָזיגע צייט, האַלטען זיי פער־מויערט דעם טהויער פון דער וואַנד, וואָס האָט אַרומגערינגעלט ירושלים אין דער צייט פון בית־המקדש, ווייל זיי גלויבען, אַז דורך דעם טהויער, וועלען די יודען זיך צוריק אומקעהרען קיין ירושלים. און אַז די אידעע פון ווידער בעהערשען פּאַלעסטינאַ איז ביי די יודען קיינמאָל ניט פערלאָשען געוואָרען, דערויף זענען פאַראַן טויזענדער בעווייזונגען; ס׳מעגען זיך געפינען אַזעלכע, וואָס האַלטען פאַר ירושלים טשיקאַגאַ, נעוו־יאָרק, ווילנאָ, קישינעוו, אָדער די הויפּט־שטאָט פון׳ם אַנטיסעמיט לאַגער, אָבער דעם גרעסטען רוב פון יודישען פאָלק וועלען זיי דערין ניט איבערצייגען.

זעלבסטפערשטענדליך, אַז מ׳מיינט ניט, אַז ס׳איז נויטיג אָדער ס׳איז גע־וואונשען צו גרינדען אין פּאַלעסטינאַ אַ פּאָליטיש זעלבשטענדיגע, אונאַבהענגיגע יודישע מלוכה, די צייט פון קליינע מלוכות איז שוין פאַראיבער. און ווי אַזוי פּאַלעסטינאַ וועט זיין אין דער צוקונפט אין פּאָליטישען זין אינטערעסירט אונז איצט דאָ ניט. אונז אינטערעסירט איצט פּאַלעסטינאַ אַלס אַלאַנד פאַר קאָלאָני־זאַציע און דעריבער וועלען מיר דאָ בעהאַנדלען פאָלגענדע פראַגען:

1) צי איז פּאַלעסטינאַ איבערהויפּט אַ לאַנד מיט אַ ווירטשאַפטליכער צוקונפט?

2) וויפיעל מענשען קאָן נאָך פּאַלעסטינאַ אַריינגעהמען?

3) צי טויגען די יודען גופא צו קאָלאָניזירען פּאַלעסטינאַ?

4) וואָס דאַרפען מיר טהון, כדי מיט צוהעלפען, אַז די ענטוויקלונג פון דער יודישער קאָלאָניזאַציע אין פּאַלעסטינאַ זאָל שטייגען?

בנוגע צו דעם, צי איז פּאַלעסטינאַ פעהיג צו ווערען אַ ווירטשאַפטליך לאַנד, איז אייך אַלעמען בעקאַנט, אַז ס׳זענען נאָך פאַראַן פיעל מענשען וועלכע האַלטען, אַז פּאַלעסטינאַ איז אַ לאַנד, פון וועלכען גאָט האָט זיך אָבגעקעהרט און זי איז פערשאָלטען דערפאַר וואָס מ׳האָט אין איהר געהרגע׳ט דעם קריסטוס. אָט די אומעדום פערשפּרייטע מיינונג איז געווען די סבה פון די פערשיעדענסטע השערות, ווען אייגענטליך וועט פון איהר אַראָבגענומען ווערען די קללה. די פערברענטע פאַנאַטיקער האָבען געהאַלטען, אַז דאָס לאַנד וועט זיך ניט בעפרייען פון איהר איצטיגען מצב ביז סאַמע „יום הדין״, אַנדערע ווידער—ביז וואַנען די יודען וועלען ניט אָננעהמען דאָס קריסטענטום, נאָר ס׳זענען געווען אויך אַזעלכע, וועלכע האָבען געהאַלטען, אַז אַראָבוואַרפענדיג פון זיך דעם טערקישען עול, וועט זיך דאָס לאַנד בעפרייען. ס׳זענען אפילו געווען אַזעלכע, וועלכע האָבען געזאָגט, אַז דאָס לאַנד וועט דאַן בעפרייט ווערען ווען די יודען וועלען פון אַ פאָלק פון הענדלער און וואוכערניקעס ווערען אַ פאָלק פון ערד־אַרבייטער אין׳ם לאַנד פון זייערע אבות.

די אַלע השערות האָבען אָבער האָבען איצט קיין שום ווערטה ניט, אַדאַנק די פאָרשונגען פון די געלעהרטע און די ערפאַהרונגען פון די ערשטע פּיאָנערן. אָט די אַלע האָבען דערוויזען, אַז דאָס לאַנד איז בכלל ניט פערוויסט געוואָרען, אַז בעאַרבייטענדיג עס, גיט עס גאַנץ גוטע, אפילו גלענצענדע הכנסות און אַז אפילו בנוגע צום קלימאַט איז עס דער בעסטער אָרט אינ׳ם געגענד פון ים התכון. דער הויפּט האָבען פיעל דערוויזען די ענגלישע עקספּערטען, סיר טשאַרלעז וואַרען, סיר טשאַרלעז ווילסאָן און דער אויבענדערמאָהנטער קאָלאָנעל קאָנדער, וועלכע האָבען געהאַט די פאָלשטענדיגסטע מעגליכקייט אויס צו פאָרשען פּאַלעסטינאַ בנוגע צו איהרע ווירטשאַפטליכע תנאים אין דער צייט פון זייער פיעל יעהריגע רייזען איבער פּאַלעסטינאַ. זיי אַלע זענען געקומען צו איינעם און דעם זעלבען בעשלוס, אַז דאָס לאַנד איז דורכאויס גוט פאַר קאָלאָניזאַציע.

צו די זעלבע רעזולטאַטען, צו וועלכע ס׳זענען טהעאָרעטיש געקומען די געלעהרטע און די מיליטערישע אַדאַנק זייערע פאָרשונגען, זענען פּאַקטיש געקומען

די דײַטשע קאָלאָניסטען, די ווירטעמבערגער טעמפּלער, וועלכע וואוינען דאָרט פון׳ם יאָהר 1868 און האָבען געגרינדעט בליהענדע קאָלאָניעס און דערפער. ווען דער בירגערמײַסטער יונג פון איינער פון די דאָזיגע קאָלאָניעס פובליקירט אין׳ם יאָהר 1902. אַז אין אַגערעטענישיאָהר בעקומט מען פון יעדער העקטאַר 2500—3000 קילאָגראַם ווייץ, 2000—2500 קילאָגראַם גערשטען, 1500 קילאָגראַם מאַאיס, 1200—1500 ק״ג דורהאַ און 10,000 ק״ג קאַרטאָפּעל, איז דער, וואָס האָט נאָר אַ שטיקעל ידיעה אין לאַנד־ווירטשאַפט, פערשטעהט, אַז דאָס איז אַגרויסער ערפאָלג. און אַז דאָס איז ניט קיין פּוסטע בעריהמעריי, קאָן בעווייזען דער פאַקט, וואָס די דאָזיגע קאָלאָניסטען קויפען צו אַלע מאָל ערד, און אָט אין דער לעצטער צײַט האָבען זיי געגרינדעט נאָך אַ קאָלאָניע און גרייטען זיך צו גרינדען די צווייטע אויף דער נאָר וואָס געקויפטער ערד.

אַזעלכע בײַשפּיעלען קאָן מען ברייגגען פיעל פון די יודישע קאָלאָניעס, ליידער וויים איך אָבער, אַז אונזערע יודען קאָן איבער צײַגען נאָר דאָס, וואָס מענשען פון אַנ׳אַנדער ראַסע טהוען און זאָגען. איך וויל דאָ נאָר ברייגגען איין בײַשפּיעל פון דער קאָלאָניע מקוה־ישראל בײַ יפו, וואו אין דער אַקערבוי־שול פון דער אַליאַנס איז אין׳ם יאָהר 1905 געווען דאָס גערעטעניש: סעזאַם 15 פאַך (Самъ 15), ווייץ 10 פאַך. נאַטירליך איז דאָס גאַנצע לאַנד ניט אַזוי פרוכטבאַר ווי דאָס דאָזיגע שטיקעל ערד; ס׳זענען פאַראַן גרויסע שטרעקען בערגיגע ערד, וועלכע טויגען ניט פאַר תבואה־קולטור, דער פאַר אָבער טויגען זיי זעהר גוט פאַר ווײַנגערטנער און דערהויפּט פאַר אָליווען; אַ קלייגער טייל לאַנד, ווי דער אַזוי אָנגערופענער מדבר יהודה טויג פאַר אַזעלכע פלאַנצונגען, ווי אַגאַווען, קאַקטוס א. א. וו., וועלכע וואַקסען אויסגעצייכענט אויף אונפרוכטבאַרע ערטער.

דער הויפּט צייכענט זיך אויס מיט זײַן פרוכטבאַרקייט דער עמק־הירדן. ווען דאָ וועט זײַן אַ גוטע בעוועסערונג מיט דער הילף פון׳ם וואַסער פון ירדן, וועלען דאָ וואַקסען ניט נאָר הערליכע וועלדער פון פײַגען־פּאַלמען, מירהען און ווײַהרויך־בוימער, וועלכע זענען דאָ געוואַקסען אין די אַלטע צײַטען, נאָר אפילו אַזעלכע טײַערע קולטורען, ווי דער צוקער־רעהר און בוימוואָהל וועט מען דאָ אויך קאָנען אײַנפיהרען. נאָך איצט זאָגען עדות די חורבות פון די פרימיטיווע צוקער־רעהר־מיהלען, ווי הויך אָט די קולטור איז געשטאַנען אין דעם שענעם, הגם הייסען אָרט.

די מזרח זײַט פון ירדן־געגענד, דער עבר הירדן, וואו ס׳טומעלט זיך איצט פון די פיעל טשערעדעס פון שאָף און רינדער, איז זעהר אַגוט לאַנד פאַר תבואה־

קולטור. ווי אין די אַלטע צײַטען, קאָנען זיך איצט אויך דאָרט ציהען פעלדער פון ווייץ און גערשטען ביז ווײַט אין מזרח, וואו ס׳געפינט זיך שוין איצט די העדזשאַס־באַהן, וועלכע וועט אין קורצען פעראייניגען קאָנסטאַנטינאָפּאָל מיט דער הייליגער מעקאַ. אין מזרח פון עבר־הירדן צווישען אַ מדבר און תבואה־ערד, ציהט זיך אַ שטיק פּאַשע־ערד, וועלכע איז זעהר גוט פאַר שאָף און רינדער און וואו מ׳וועט זיך מיט דער צײַט קאָנען פערנעהמען מיט אַראַבער פערד־צוכט און אפילו מיט יטרוים־צוכט, וואָס ס׳וועט גאָר גיך געבען גרויסע הכנסות.

יענער טײל לאַנד, וועלכער היײסט צים־ירדן, וועלכען מ׳בענוצט איצט הויפּטזעכליך פאַר תבואה, האָט זעהר אַ גרויסען ווערט, ניט מחמת די איצטי־גע מקחים אויף די ערד, נאָר מחמת דעם, וואָס די גרויסע רעזולטאַטען, וועלכע ערוואַרטען דעם דאָזיגען טײל לאַנד, זענען נאָך ניט ערראײכט געוואָרען. אָט די ערד פּאַסט אײגענטליך בעסער פאַר גערטנערײַ, דאָרט וועט זיך מיט דער צײַט ענטוויקלען אָראַנזשען אויף אַזוי פיעל, וויפיעל דער צושטאַנד פון׳ם גרונד־וואַסער וועט עס נאָר ערלויבען. דאָרט וואו דאָס וואַסער געפינט זיך טיעפער, וועט מען קאָנען פּלאַנצען מאַנדעל־בוימער, אַבריקאָסען, ראָזשינקעס, פײַגען, אָדער גראַנדיעזע אָליווען וועלדער, וועלכע האָבען אמת אַ חסרון, וואָס זיי ברײנגען פרוכט אין אלאַנגע צײַט אַרום, דעם חסרון אָבער פערגלעטען די גוטע הכנסות, וועלכע ס׳ברײנגען די זײַטיגע פּראָדוקטען אין די וועלדער און דאָס וואָס די בוימער גופא לעבען פיעל לענגער אַלס אַלע אַנדערע פרוכט־בוימער. מ׳בעגעגענט דאָרט אָליווען־בוימער פון 300—400 יאָהר אַלט, וועלכע גיבען נאָך הכנסה, מ׳קאָן דאָרט אפילו טרעפען עקזעמפּלאַרען, וועלכע זענען אַלט 1000 יאָהר.

אַלס בעוויז, אַז די פרוכט־בוימער־קולטור גיט אַפיעל גרעסערע הכנסה, ווי תבואה־קולטור, קען דיענען פאָלגענדעס: די מאַנדעל־בוימער גיבען 8% דיווידענד, אָראַנזשען 15—20 פּראָצענט; אין׳ם לעצטען יאָהר האָבען אפילו די קלענערע פרוכטבאַרע אָראַנזשען געגעבען 15 פּראָצענט. די הכנסה פון אָליווען־בוימער איז שווער פּאָראויס צו בעשטימען, ווײַל זי שטײַגט זעהר לאַנגזאַם; על כל פנים פאַר מעהר עלטערע בוימער קאָן מען רעכענען דעם ריוח פונ׳ם אַרײַנגעלעגטען קאַפּיטאַל 10—15 פּראָצענט, ניט זעלטען שטײַגט דער פּראָצענט אויף 20—30. נאָר דער ווײַן־בוי לעבט איבער אין דער לעצטער צײַט אַקריזיס, ווײַל אין די לעצטע צעהן יאָהר האָט מען געפּלאַנצט מעהר ווײַנגערטנער, וויפיעל ווײַן מ׳האָט גע־קאָנט פערקויפען אויפ׳ן מאַרק. דערום פערבײַטען איצט די קאָלאָניסטען די ווײַן־גערטנער אויף מאַנדעל־בוימער און אַנדערע קולטורען. נאָר די 60,000 העקטאַמעטער

וויַן, וועלכע די יודישע קאָלאָניעס אין פּאַלעסטינאַ פּראָדוצירען איז זעהר וועניג, אַז מ'זאָל דאַרפען מורא האָבען פאַר די צוקונפט פון אָט דער קולטור. און ווען די יודישע קאָלאָניסטען, וועלכע פערנעהמען זיך מיט וויַנבוי, וועלען נאָך האָבען איַיגענע קעלערס, ווי די דיַיטשע קאָלאָניסטען, און וועלען שוין ניט זיַין אָבהענגיג פון די צוויי גרויסע קעלערס, וואָס אין ראשון־לציון און אין זכרון־יעקב, וועלכע ראָטהשילד האָט געבויט און וואָס געהערען פון איצט די קאָלאָניסטען, דאַן וועט זיך דער פערקויף פערגרעסערן, וויַיל אַ טהייל פון'ם וויַין ווערט דעסטילירט אין גאַנץ גוטען קאָניאַק, און אַ טהייל, וועלכער ווערט בעאַרבייַט נאָך דער אונגאַרישער מעטהאָדע, פערקויפט זיך, ווי אמת'ר טאָקויער וויַין.

אויך נייַע קולטורען, ווי טאַבאַק, גערעניען, ערד־ניס א. א. וו. נעמען זיך דאָ אויך גוט צו. וויַיטער האָפט מען אויפצולעבען דאָ די פריהערדיגע פּראָדוקציאָן פון בוימוואָל און זיַיד־צוכט, וועלכע וועלען דאָ מיט דער ציַיט שפּיעלען אַזאַ בעדייַטענדע ראָלע, ווי אויפ'ן לבנון, פון וואַנען דורך ביירוט אַליין ווערט יעדעס יאָהר אַרויסגעפיהרט זיַיד אויף 22 מיליאָן פראַנק.

די פיה־צוכט שטעהט נאָך דאָ זעהר נידעריג, ווי בכלל אין גאַנצען מזרח; וואָס מ'קאָן אָבער אויפטהון ביַי אַ ראַציאָנעלער ווירטשאַפט, וויַיזען אונז די דיַיטשע קאָלאָניסטען אין שרון ביַי יפו, וועלכע האָבען אַ גאַנ'ץ וואוילע פרנסה פון'ם מילך־פערקויף, און דאָס זעלבע זעהען מיר אויך ביַי אַ לאַנד־ווירט אין קאָנסטאַנטינאָפּעל. הגם די דאָזיגע אונטערנעהמונג עקזיסטירט בסך הכל איין יאָהר, דאָך איז די מילך דאָרט אַזוי בעליעבט, אַז ס'איז אונמעגליך צו ערפיהלען די גרויסע פאָדערונג אויף איהר, און דעריבער האַלט איצט אַ שוויַיצאַרישע קאָמפּאַניע ביַי מאַכען פון דעם אַנ'אַקציאָנערע אונטערנעהמונג.

בנוגע צו דער אינדוסטריע איז שוין עפּעס געטהון געוואָרען, נאָר בכלל האַלט זי זיך נאָך ערשט אין ענטוויקלען. קיין גרויסע פאַבריקען איז נאָך דאָ ניט פאַראַן, אַ חוץ די צוויי גרויסע וויַינקעלער, אַנ'על פאַבריק אין לוד, וועלכע געהערט אַ יודישער חברה, אַ מאַשינען־פאַבריק, וועלכע געפינט זיך אין יודישע הענד, אַ גרויסע רעפּאַראַטור־ווערקשטאַט אין יפו, אַרייַהע מיהלען, פון וועלכע אַ טהייל ווערען פערוואַלטעט דורך יודען און אַ טהייל געהערען זיי גופא, עטליכע דיַיטשע ביר־ברויַיערייען, זייף־פאַבריקען, איין צעמענט־פאַבריק, אַלט־פרענקישע וועבערייען, טעפּערייען, גאַבאַרניעס, פאַרבערייען, וועלכע געהערען דאָס רוב אַראַבער. יודען האַלטען איצט ביַים גרינדען אַ שפּינעריי־און וועבעריי־פאַבריק און אַ זייף־פאַבריק. אַלזאָ איז צו זעהן, אַז ס'איז נאָך דאָ אָפען אַ ברייט פעלד

פאַר אַרבײַט, און די עֶנטוויקלונג פון דעֶר שטאָדט בײַרוט דעֶרוויַיזט, אַז אויך אין דעֶר אינדוסטריעֶלעֶר הינזיכט קאָן מעֶן אין מזרח אפילו אונטעֶר'ן טעֶרקישעֶן עול זעֶהר פיעל אויפטהון.

בנוגע צום האַנדעֶל פון פּאַלעֶסטינאַ איז עֶר ניט אונבעֶדײַטעֶנד. דעֶר אימפּאָרט (דאָס אַרײַנפיהרעֶן סחורה) און דעֶר עֶקספּאָרט עֶרגרײַכעֶן יעֶדעֶר ביז 28 מיליאָן פראַנק אַ יאָהר, דורכשניטליך קומט עֶס אויס כמעט 47 פראַנק אויף אַ מעֶנשעֶן. ווען מ'בעֶטראַכט, אַז נאָר די סביבה פון יפו אַליין פּראָדוצירט אויף 3.000.000 פראַנק אַ יאָהר, און אַז אין עֶטליכעֶ יאָהר אַרום וועט יעֶדעֶ יודישעֶ קאָלאָניעֶ בעֶזונדעֶר פּראָדוצירעֶן ביז אַ מיליאָן פראַנק, קאָן מעֶן זיך שוין פאָר־שטעֶלעֶן, וואָס פאַר אַ עֶקספּאָרט דאָ וועט זײַן, ווען די פלאַכעֶ עֶרטעֶר פון מזרח־ירדן וועלעֶן בעֶדעֶקט וועֶרעֶן מיט געֶרטנעֶר. יפו איז נאָך ביז איצט דעֶר הויפּט־האַנדעֶלס־צעֶנטר פאַר'ן אימפּאָרט, ווײַל פון דאָרטעֶן אײַגעֶנטליך וועֶרעֶן צוגעֶ־שטעֶלט פּראָדוקטעֶן אין די וועֶניג פּראָדוצירעֶנדעֶ אָבעֶר פיעל בראַוכעֶנדעֶ שטאָדט ירושלים. אָט די שטאָדט בעֶצאָהלט פאַר די פּראָדוקטעֶן, וועֶלכעֶ זי קויפט, דעֶרהויפּט מיט'ן געֶלד פון די נדבות, וועֶלכעֶ וועֶרעֶן אַהין אַרײַנגעֶשיקט פון דעֶר גאַנצעֶר וועֶלט; אַליין יודישעֶ חלוקה נאָר קומט אַרײַן 4.000.000 פראַנק, פיעל מעֶהר אָבעֶר זעֶנעֶן די סומעֶן, וועֶלכעֶ קומעֶן־אָן אויף אויסצוהאַלטעֶן די מאָנאַסטי־רעֶן, מיסיאָנעֶן און די צדקה־אַנשטאַלטעֶן אינ'ם לאַנד, אַזוי, אַז די אַלגעֶמײַנעֶ סומעֶ קעֶן מעֶן רעֶכעֶנעֶן 15.000.000 פראַנק אַ יאָהר.

די דרום נעֶבעֶנ־ים שטאָדט פון פּאַלעֶסטינאַ, גזה, איז פריהעֶר ווי אַלץ דעֶר האַפעֶן פאַר אַ גרויסעֶ געֶגעֶנד, וועֶלכעֶ איז פעֶרזעֶהט מיט תבואה, פון וואַנעֶן ס'וועֶרט דעֶר הויפּט אַרויסגעֶפיהרט שעֶנעֶ געֶרשטעֶן; דעֶר עֶקספּאָרט איז דאָ 8 מיליאָן פראַנק אַ יאָהר, און דעֶר אימפּאָרט נאָר 3 מיליאָן. דעֶר דריטעֶר האַפעֶן לויט זײַן גרויס נאָך און זײַנעֶ מעלות איז חיפה, וועֶלכעֶ בליהט און עֶנטוויקעֶלט זיך אַ דאַנק דעֶר אײַזעֶנבאַהן ליניעֶ, וועֶלכעֶ פעֶראײַניגט זי מיט דמשק און מיט דעֶם תבואה־רײַכעֶן חוראַן. חיפה־אקרא אימפּאָרטירט אויף 8 מיליאָן פראַנק אַ יאָהר און עֶקספּאָרטירט אויף 6½ מיליאָן פראַנק; ס'איז שוין גאָר ניט ווײַט די צײַט, ווען חיפה, אַלס האַפעֶן, וועט איבעֶרשטײַגעֶן יפו. ס'פּראָיעֶקטירט זיך איצט דורך אַ לאַנגעֶ אײַזעֶנבאַהנ־ליניעֶ און צוס־ירדן צו פעֶרבינדעֶן חיפה, יפו און ירושלים דורך נבלוס (שכם). די שאָסעֶ־וועֶגעֶן זעֶנעֶן נאָך גאַנץ ווײַט ניט דאָס, וואָס זיי קאָנעֶן זײַן, דאָך זעֶנעֶן שוין איצט פאַראַן עֶטליכעֶ גוטעֶ וועֶגעֶן, און ס'איז שוין ניט ווײַט די צײַט, ווען די נײַעֶ אײראָפּעֶאישעֶ עֶרפינדונג, דאָס אויטאָמאָביל,

וועט בענוצט ווערען אין הײַליגען לאַנד.

אײדער מיר ענדיגען מיט דער דאָזיגער פראַגע, וועלען מיר אָנווײַזען דערויף, אַז דאָס עשירות, וועלכע איז בעהאַלטען אין דער ערד פון פּאַלעסטינאַ, הגם ס'איז נאָך זעהר וועניג אויסגענוצט געוואָרען, אָבער דאָס איז ניט אונבעדײַטענד. דאָ געפינען זיך ניט נאָר זאַלצ-אָבלאַגערונגען (Залежи) אין אַ גרויסען מאַסשטאַב בײַם ים-המלח, אויף וואָס ס'ווײַזט נאָך-אָן די אַלטע לעגענדע וועגען לוט'ס ווײַב, נאָר אויך פיעל טײַערן פאָספאָר האָט מען דאָ געפונען; אַ חוץ ווידער וואָס דאָס וואַסער פון ים-המלח ענטהאַלט אין זיך פיעל קאַלי און בראָם, געפינט זיך אין דער סביבה פונ'ם ים שוועבעל, אַספאַלט און שפורען פון נאַפט. אַ חוץ דעם געפינען זיך דאָ זעהר פיעל ברויכבאַרע לײַהם, מראַמאָר, זאַמד פאַר גלאָז-פאַבריקאַציאָן, וועלכע איז צום ערשטען דאָ ענטשטאַנען.

אַ חוץ דעם פערמאָגט דער עמק הירדן אַ גרויסען אוצר אין דעם שטאַרקען וואַסער-פאַל פון ירדן: אָט דער טײַך איז אויפ'ן באַרג חרמון אויף 370 מעטער העכער, ווי די אויבערפלעכע פון ים התיכון, און וואו ער פאַלט אַרײַן אין ים המלח איז ער נידעריגער פון דער אויבערפלעכע פון ים אויף 304 מעטער, אַזוי אַז די הויך פונ'ם וואַסער-פאַל איז 674 מעטער; אַלזאָ וועט די עלעקטרישע קראַפט פונם וואַסער-פאַל קאָנען פערבײַטען די הײץ-קראַפט פון קויהלען אין פאַל, ווען דער נאַפט און אַספאַלט וועלען ניט האָבען גענוג הײץ-קראַפט פאַר די צוקינפטיגע אינדוסטריע; די עלעקטריציטעט וועט אַלזאָ בכלל בעזײַטיגען די הײץ-קראַפט פון קויהלען אין די צוקינפטיגע פאַבריקען, וועלכע וועלען זיך בענוצען מיט די צענטראַל-סטאַנציעס, וואָס וועלען אויסגעבויט ווערען בײַם וואַסער-פאַל און וועלכע וועלען אויסנוצען זײַן קראַפט פאַר מעכאַנישע אָדער עלעקטרישע קרעפטען.

אַלזאָ זעהט איהר, אַז אויף אונזער ערשטע פראַגע: „צו איז פּאַלעסטינאַ איבער הויפּט אַ לאַנד מיט אַ ווירטשאַפטליכער צוקונפט?" מוז מען אונבעדינגט ענטפערן: יאַ!

די צווייטע פראַגע: „וויפיעל מענשען קאָן נאָך פּאַלעסטינאַ אַרײַננעהמען?" קאָן בעהאַנדעלט ווערען אויף צוויי אופנים: ראשית, פערגלײַבענדיג די תנאים פון פּאַלעסטינאַ אין דער איצטיגער צײַט מיט די תנאים פון דער פערגאַנגענער, מעהר גליקליכער צײַט, והשנית, פערגלײַכענדיג די קלימאַטישע און עקאָנאָמישע תנאים פון פּאַלעסטינאַ מיט די תנאים פון די לענדער, וועלכע זענען ענליך אויף איהר.

אין דער צײַט ווען די איצטיגע בעפעלקערונג פונ'ם לאַנד איז אַנ'ערך 600,000 מענשען, זענען זעהר פערשידען די מײַנונגען וועגען דער צאָהל פון

דער בעפעלקערונג אין דער אלטער צייט. דער פאלקאווניק קאנדער, אויספאר־שענדיג דאס לאנד און אונטערזוכנעדיג די אלטע חורבות־שטעדט, קומט צום בע־שלוס, אז די צאהל פון דער דאמאלסדיגער בעפעלקערונג איז געווען גרעסער פון דער איצטיגער לכל הפחות אויף 10 מיליאן מענשען; ערנסטע דייטשע פאר־שער, ווי סאצין און שוועבעל, רעכענען, אז אויף איין קוואדראט קילאמעטער איז דאן אויסגעקומען 96—120 מענשען, וואס ס'מאכט אויס אנ'ערך 3 מיליאן איינוואוינער. לויט יוסף פלאוויוס, וועלכער רעדט וועגען 204 שטעדט אין גליל, פון וועלכע די קלענסטע האט געצעהלט איבער 15,000 מענשען, קומט אויס קאנדערס ציפערן מעהר ריכטיג 1).

פאלעסטינא מיט איהר 29 000 קוואדראט קילאמעטער איז אונגעפעהר אזוי גרויס ווי די פראווינץ פאזען אדער ווי בעלגיען. די ערשטע האט 2 מיליאן איינ־וואוינער, די צווייטע—7 מיליאן. פאזען איז אמעסיג פרוכטבארעס אגראר־לאנד, בעלגיען—דערהויפט א אינדוסטריע־לאנד. פאלעסטינא אבער קאן מען ניט פער־גלייכען מיט איינער פון זיי, גלענצענד אבער איז די פערגלייכונג מיט סיציליען, ניט וויל די ביידע לענדער זענען די איינע גרויס, נאר אפילו דאס קלימאט, די געאגראפישע לאגע, דער באדען, די געוויקסען, די בעשעפענישען, די בעוועסערונג און אפילו די אינדוסטריע און די אגריקולטור זענען אין די ביידע לענדער זעהר ענהליך, אזוי דאס מען קאן זיכער זאגען, אז דאס, וואס ס'גילט ווירטשאפטליך פאר סיציליען, גילט עס אויך פאר פאלעסטינא. ווען די בעפעלקערונג אין פאלעס־טינא דערגרייכט איצט ביז 600,000 מענשען, איז אין סיציליען, וועלכע האט אינ'ם 16 יאהר־הונדערט געהאט ניט מעהר פון 800,000 איינוואוינער, דערגרייכט איצט די בעפעלקערונג ביז 3½ מיליאן; די בעפעלקערונג פערמעהרט זיך דארט גע־שווינד, און ווען ניט די לאטיפונדיען־ווירטשאפט 2), וועלכע איז צום גליק אין פאלעסטינא ניט פאראן, וואלט זיך דארט די בעפעלקערונג נאך לאנג פערגרע־סערט. אלזא זעהט מען, אז 3 1/2 מיליאן איינוואוינער, ס'הייסט כמעט 6 מאל אזוי פיעל, וויפיעל פאלעסטינא האט איצט, איז דער מינימום, וועלכען מיר דארפען ערווארטען אין פאלעסטינא אין דער צוקונפט. בנוגע אבער צו דער פראדוקציאנס־מעגליכקייט פון פאלעסטינא קאן מען אנווייזען דערויף, אז זי מיט איהרע ברייטע פלאכע ערטער, מיט איהר רייכען גרונד־וואסער האט ביכולת צו פראָ־דוציר ען אזוי פיעל דרום פרוכט ווי סיציליען געוויס, נאר ס'קאן זיין נאך מעהר ווי די

1) לויט טאציטוס'ס אנגאבען זענען געוועז אין ירושלים, ווען טיטוס האט זי בעלאגערט, 600,000 איינוואוינער לויט יוסף'ן אבער זענען אנ'ערך 1,110,000 אויסגעשטארבען און גע'הרג'עט געווארען אין דער צייט פון דער בעלאגערונג, און 94,000 זענען גענומען געווארען אין געפאנגענשאפט.

2) זעהר גרויסע שטיקער ערד נעפינען זיך אין איינע הענד.

לעצטע, און סיציליען עקספּאָרטירט איצט 30 מאָל אַזוי פּיעל פּרוכט אַלס פּאַלעסטינאַ.

פּיעל מעהר אָבער איינוואוינער וועט ערשט פּאַלעסטינאַ קאָנען ערנעהרען, ווען איהרע אינדוסטריעלע שאַנסען און איהר לאַגע, וואָס זי איז דער מיטעל-פּונקט צווישען אַזיען, אַפריקאַ און אייראָפּאַ, וועלען ווערען ריכטיגער וויַזע אויסגענוצט.

אויף די אינדוסטריעלע ענטוויקלונג מיט דער הילף פון די בעהאַלטענע ערד-אוצרות און פון די וואַסער-קרעפטען האָבען מיר שוין אָנגעוויזען, אָבער צו בעשרייַבען די אַלע מינים אינדוסטריען, וועלכע וועלען זיך ענטוויקלען אַדאַנק דער געוואַלטיגער צוקונפטיגער פרוכט-בוימער-קולטור, דער וויַדענבוי און די גרויסע פיה-צוכט איז אונמעגליך.

ס'איז שוין ניט וויַט די צייַט, ווען די באַהנען, וועלכע וועלען פערבינדען די אייראָפּעאישע שטעדט און הויפּט-שטעדט מיט דרום-אַפריקאַ, וועלען דורכשנייַדען פּאַלעסטינאַ און דער אַלץ וואַקסענדער פלאָט, וואָס שווימט דורך דעם זועץ-קאַנאַל, וועט בעזאָרגען פּאָרט-סאַאיד מיט גרינס, פרוכט און פלייש פון פּאַלעסטינאַ.

ווער קאָן זיך אָבער פאָרשטעלען דעם שטראָם פון אויסלענדער, וואָס וועט זיך אַגאָס טאָן אין פּאַלעסטינאַ, ווען ס'וועלען זיך דאָרט אויסבויען האַפענס, פערפאָלקאָמען זיך די אייַזענבאַהנען און שאָסעען, ווען ס'וועט זיך פערגרעסערן דער קאָמפאָרט פון די אָטעלען און אין עמק-הירדן וועלען אייַנגעפיהרט ווערען אַלע היינטוועלטיגע אויסבעסערונגען; די געוואַלטיגע הכנסות, וואָס מצרים האָט שוין איצט פונ'ם פרעמדען-פערקעהר קאָן דיענען פאַר אַמאַסשטאַב; יעדער, וואָס וועט בעזוכען מצרים, וועט אויך בעזוכען פּאַלעסטינאַ, ווען ס'וועט זייַן אַבעקוועמער, וואָלוועלער און שנעלער פערקעהר צווישען אָט די ביידע לענדער און וויפיעל וועלען בעזוכען אויסשליסליך פּאַלעסטינאַ, מחמת רעליגיעזע צוועקען! שוין איצט ווערט מיט יעדען יאָהר גרעסער דער שטראָם פון פרעמדען-פערקעהר און די נייַ-אויסגעבויטע אָטעלען אויפ'ן וועג פון ירושלים—נאַזאַרעט, ווי אויך דער דאַמפפער-פערקעהר אויף דעם טבריה-זעע, פערבינדענדיג די אייַזענבאַהנען, וועלען נאָך מעהר מיט-העלפען דער וואַקסונג פון דעם דאָזיגען שטראָם.

איהר זעהט אַלזאָ, אַז פון וואָס פאַר אַ שטאַנדפּונקט מיר זאָלען פּאַלעסטינאַ ניט בעטראַכטען, ווערען מיר איבערצייַגט, אַז זי איז און בלייַבט אַ לאַנד מיט אַ גרויסער צוקונפט, און מיט רעכט זאָגט דער רעקטאָר עבערהאַרד אין סוף פון זיין לאַנגען זאַכפערשטענדיגען אַרטיקעל איבער די יודישע איינוואַנדערונג אין פּאַלעסטינאַ און דער געוויס ניט יודען-פריינדליכער „קרייַץ-צייַטונג“ פון 14 נאָוועמבער 1906, אַז „ווער ס'האָט זיך נאָר אויסגעלערענט צו וואַרטען,

קאָן אין דעם לאַנד נאָך גרויסע געשעהנישען דערלעבען. דאָס לאַנד איז פונקט ווי דאָס לעגענדאַרישע קייזער=שלאָס פערזונקען אין אַ פער׳כשופ׳טען שלאָף, נאָר דער מאָמענט פון זיין אויפוואַכען זיך איז שוין נאָהנט, און דאַן וועט עס אַראָבוואַרפען פון זיך זיינע אַשענ=קליידער און וועט געהן אַנטקעגען דער צוקונפט, אין וועלכער עס וועט זיין, אויסדריקענדיג זיך ביבליש. אַנ׳ארץ זבת חלב ודבש״.

נאָכדעם ווי מיר האָבען זיך ביז איצט פערנומען מיט׳ן לאַנד גופא און מיט זיינע אויסזיכטען אין דער צוקונפט, געהען מיר איצט איבער צו דער יודישער זייט פון דער דאָזיגער פראַגע. גאַנץ אָפט קומט אויס צו הערען פאָלגענדעס: דאָס לאַנד גופא, קאָן זיין, איז טאַקי גוט, אָבער די יודען טויגען ניט, זיי טויגען נאָר צו קרעמעריי און האַנדעל, און ווער ס׳וויל פון זיי מאַכען ערד=אַרבייטער מוז זיך אָנשטויסען אָן=אַ וואַנד, וויפיעל אַזעלכע נסיונות האָבען שוין דערוויזען. אַחוץ דעם איז צווישען יודען קיין אַחדות ניט פאַראַן, און דער סוף פון אַ יודי=שער מלוכה וועט זיין נאָך אַנ׳ערגערער, ווי ביי די פּאָליאַקען איז געוועזען.

מיט צוואַנציג יאָהר צוריק איז טאַקי שווער געוועזען אָבצולייקענען די דאָזיגע טענות, איצט אָבער, נאָך אַ לאַנגיעהריגער קאָלאָניזאַציאָנס=בעוועגונג און אַ חוץ דעם ביי דער גוט=בעאַרבייטער סטאַטיסטיק, קאָן מען אָט די אַלע אינהאַלטס=לאָזע טענות איבערלאָזען פאַר די אַנטיסעמיטישע צייטונגען.

בנוגע צו דער פראַגע, צי זענען די יודען פעהיג צו ערד אַרבייט, ווייסען מיר. אַז אין רוסלאַנד פערנעהמען זיך מיט ערד=אַרבייט ניט וועניגער פון 150 טויזענד, לויט אַנדערע אַנגאַבען 200 טויזענד יודען; מיר האָבען געזעהן, וואָס פאַר אַ געוואַלטיגע רעזולטאַטען די לאַנד=ווירטשאַפטליכע קאָלאָניזאַציע פון דער „יקא״ האָט ערדייכט אין אַרגענטינען, מיר ווייסען, אַז אין די פעראייניגטע אַמעריקאַנער שטאַטען געפינען זיך 1250 זעלבשטענדיגע יודישע פערמער=פאַמיליעס, וועלכע צעהלען 4000 מענשען. אַז יודען זענען גוטע אַרענדאַטאָרען, ווייזען אונז די ער=פאַהרונגען אין אונגאַרן, גאַליציען און רומיניען. אפילו אין פּאַלעסטינאַ גופא איז די צאָהל פון יודישע קאָלאָניסטען ניט קיין קליינע. פון די 80.000 יודען, וואָס געפינען זיך אין גאַנצען לאַנד, לעבען 7000 אין 25 יודישע דערפער.

אַז דער שטאָדט־מאַן טויג ניט אַמבעסטען פאַר ערד=אַרבייט—דאָס איז שוין אַנ׳אַלטער כלל; ביי אונז קוקט אויך קרום די דאָרפישע בעפעלקערונג אויף די אָנגעקומענע פון שטאָדט און געווים ניט מיט אונרעכט. אין די דייטשע קאָלאָניעס אין דרום=בראַזיליען קלאָגט מען זיך, אַז די סלאַווען יאָגען איבער די דייטשען אין קאָלאָניזאַטאָרישער טהעטיגקייט, און די סבה דערפון זעהט מען דערין, וואָס

פון די אָנגעקומענע דײַטשען איז אַגרויסער טייל שטאָדט לײַט. ווי אַזוי זשע קאָן מען אַלזאָ פערלאַנגען, אַז די יודען זאָלען שוין אין ערשטען דור ווערען עכטע פויערן? דערהויפט האַלט עס שוואַך מיט די פרויען, ווײַל זיי קאָנען זיך ניט אײַנגעוועהנען אַרומצוגעהן אַרום די פיהך, אַרום גאָרטען, אויפצושטעהן האַלבע נאַכט און, אָנשטאָט צו קויפען די שטוב=בעדערפנישען אין שטאָדט, אַליין אָנגרייטען זיי מיט היימישע מיטלען. דער סוחר'ישער כאַראַקטער פונ'ם שטאָדט=מאַן איז בײַם יודען שטאַרקער ענטוויקעלט איידער בײַם שטאָדט=מאַן פון אַנ'אַנדער פאָלק; דערום טויגען די יודען ווייניגער פאַר אַ רעגולערע לאַנדווירטשאַפט פון דעם אַלטען סיסטעם, ווי פאַר דעם מאָדערנעם מעהר סוחר'ישען אַקערבוי פון אַמעריקאַנער סיסטעם; בײַ אַזאַ ווירטשאַפט פיהלען זיי זיך אַלס פאַבריקאַנטען, דאָס פעלד אָדער דער פרוכט=גאָרטען איז זייער פאַבריק, זיי שטרעבען אין אַ מעהר קירצערער צײַט וואָס מעהר צו פראָדוצירען, ס'מעגען אפילו די אַרבײַטס=כוחות טײַערער קאָסטען; זיי שטרעבען ניט צו שפּאָרען און צו מאַכען עקאָנאָמיע, נאָר וואָס מעהר צו פראָדוצירען און פיעל צו פערדינען. עס איז בלי ספק, אַז דאָס איז די לאַנד=ווירטשאַפט פון דער צוקונפט. און גראַדע די פרוכט=בוימער=קולטור, די פיהצוכט, מילך=ווירטשאַפט א. א. וו. זענען מסוגל צו עפענען דעם וועג דער דאָזיגער ענט=וויקלונג. נאָר אַז אויך צווישען די יודישע פויערים, וועלכע בעאַרבײַטען די ערד נאָך דעם אַלטען סיסטעם, געפינען זיך ניט ווייניג אַזעלכע, וועלכע קאָנען דינען אַלס אַ מוסטער, ווייסען עס די, וועלכע האָבען בעזוכט פאַלעסטינאַ. דער דײַטשער גענעראַל קאָנסול אין מצרים, וועלכער פערשטעהט גוט לאַנד=ווירטשאַפט, האָט זיך זעהר גוט אָבגערופען איבער די יודישע קאָלאָניעס אין קליין=אַזיען, וועלכע זענען געגרינדעט געוואָרען אינ'ם יאָהר 1900, נאָך דעם, ווען ער האָט זיי בעזוכט. ס'געפינען זיך אין פאַלעסטינאַ איינינע יודישע פויערים, וועלכע ס'לעבט זיך גאָר גוט. דורכשניטליכע פערדינענסט פון אַ קאָלאָניסט איז 900—1200 פראַנק אַ יאָהר, וואָס בײַ אַנ'אײַנפאַכען לעבען איז עס גאַנץ גענוג. דערהויפט איז אַ פרעהליכער פאַקט דאָס, וואָס די אויפוואַכסענדע יוגענד אין די קאָלאָניעס האָט זיך פאָל=שטענדיג צוגעפאַסט צו די דאָרטיגע תנאים, אויך איז העברעאיש געוואָרען די אומגאַנגס=שפּראַך.

אויף די פראַגע: צו טויגען יודען צו ערד=אַרבײַט? האָבען מיר שוין געענט=פערט, און אַז זיי טויגען ניט נאָר צו האַנדלען, נאָר צו מלאכה אויך, וועגען דעם דאַרף מען פיעל ניט רעדען דאָ (אין וויען), וואו עס לעבען אַזוי פיעל יודישע בעלי=מלאכות, פון וועלכע דעם גרעסטען טייל לעבט זיך גאַנץ גוט. אויך פון די

800,000 יודען, וואָס אין נעוו־יאָרק, איז די צאָהל פון הענדלער, מחמת פערשטענד־ליכע סבות, גאַנץ קליין, דאָס רוב אָבער זענען זיי געווען בעלי־מלאכות נאָך איידער זיי זענען געקומען קיין אַמעריקאַ, און אין די שטעדט פון דער „טשערטאַ“ אין רוסלאַנד איז די צאָהל פון ניט־יודישע בעלי־מלאכות זעהר אַ קליינע, אפילו־פאַר שווערע אַרבייט טויגען די יודען אויך. אין רוסלאַנד זענען פאַראַן פיעל יודי־שע האָלצ־העקער, יודען וואָס טרייבען דאָס האָלץ אויפ'ן וואַסער. אין סאַלאָניקי בילדען די יודען אַ בעזונדער צעך פון משא־טרעגער. אין דער „טשערטאַ“ געפינען זיך מאַסען שמידען, שלאָסערס, קוטשערס, מוליאַרעס א. ז. וו. אויך אין ירושלים ווערען געבויט די נייע יודישע קוואַרטאַלען דאָס רוב דורך יודישע מו־ליאַרעס, און יודישע שמידען און שלאָסערס אַרבייטען פאַר קריסטליכע אַנשטאַל־טען, קירכען קלויסטערס א. א. וו.

און בנוגע צו אחדות צווישען יודען, זעהט מען, אַז די יודען אין די גרויסע קהלות אין רוסלאַנד, ווי אויך אין אויסלאַנד קומען־אויס צווישען זיך גאַנץ גוט, און דאָס פוילישע ניט־אחדות, פון וועלכען מ'ברייננגט אַ ראיה אויף יודען, איז איצט שוין אויך ניט דאָס, וואָס אַ מאָל, צווישען זיי הערשט איצט אַ שטאַרקע דיסציפלין.

און אַז די יודען ווילען אויסוואַנדערן נאָך פּאַלעסטינאַ, קענען אונז דיענען אַלס בעווייז די פיעל אָנפראַגען, מיט וועלכע מ'ווענדעט זיך אין אונזער פּאַלעס־טינאַ־קאָמיסיע אין בערלין, דאָס גלייכען די פערגרעסערונג פון דער יודישער בעפעלקערונג אין פּאַלעסטינאַ, דערהויפּט אין ירושלים און אין דער לעצטער צייט אין יפו. די יודישע דאָרפס־בעפעלקערונג וואַקסט יעדען יאָהר אויף 5 פּראָ־צענט, די שטעדטישע—פיעל שנעלער. איצט איז די צאָל יודען אין פּאַלעסטינאַ גרעסער פון די צאָהל יודען, וואָס האָבען זיך אומגעקעהרט אויס בבל נאָך פּאַלעסטינאַ. אין ירושלים אַליין זענען פאַראַן 45,000 יודען, וואָס ס'מאַכט אויס $^2/_3$ פון די דאָרטיגע איינוואוינער. אין גאַנץ פּאַלעסטינאַ האָט זיך אין משך פון די לעצטע 30 יאָהר די יודישע בעפעלקערונג פערגרעסערט פון 20,000 אויף 80,000. נאָך וויכטיגער איז, וואָס די איינוואַנדערונג שטייגט אויך פּראָגרעסיוו; היינטיגס יאָהר זענען אַריינגעפאָהרען אין פּאַלעסטינאַ יודען דריי מאָהל מעהר, ווי אין פאָריגען יאָהר, אין יפו אַליין זענען אָנגעקומען אינ'ם ערשטען האַלבען יאָהר 1906 1747 יודען, דערונ־טער 798 פרויען און קינדער יונגער פון פופצעהן יאָהר 598; דער רוב זענען זיי געווען פון אַרבייטס־פעהיגען עלטער, עלטער פון 60 יאָהר זענען בסך הכל געווען 109 מענשען; 44 פּראָצענט פון זיי זענען געווען בעלי־מלאכות, נאָר 33 פּראָצענט הענ־

דלער; אַלזאָ, ווי ס'איז צו זעהען, בעשטעהט די אייַנוואַנדערונג פון געזונדע עלעמענטען.

נאָר נאָך אַגרעסערע בעדייַטונג האָט דאָס, וואָס אין לאַנד הויבען־אָן אייַנוואַנדערן קאַפּיטאַליסטען, וועלכע ווילען דאָרט גרינדען אינדוסטריעלע אונטער־נעהמונגען; ווייַטער פאָהרען אַהין שטודירטע, וועלכע דענקען צו בעזעצען זיך דאָרט אַלס ראָקטוירים, לעהרער א. א. וו. אין דייַטשלאַנד אפילו הערט מען שוין אויך אויף צו שפּאָטען איבער די אייַנוואַנדערונג אין פּאַלעסטינאַ און מ'הויבט־אָן מעהר ערנסט וועגען דעם טראַכטען; אָט גאָר ניט לאַנג האָבען מעריב־אייראָ־פּעאישע יודען אפילו געקויפט גוטע שטיקער ערד אין פּאַלעסטינאַ אויף ספּעקו־לאַציע און אויף צו בויהען דאַטשעס. דער קאָמפאָרט אין פּאַלעסטינאַ וואַקסט אויך, און ס'איז שוין גאָר ניט ווייַט די צייַט, ווען אין פּאַלעסטינאַ וועלען זייַן רע־געלמעסיגע טהעאַטרען און קאָנצערטען.

ס'איז אויך בעקאַנט, אַז וואָס גרעסער אַ יודישער צענטער ווערט, אַלץ גרעסער ווערט זייַן צוציהונגס־קראַפט; ווען אין ירושלים, למשל, וועלען זייַן 100,000 יודישע אייַנוואוינער, וועט זי אין אינדוסטריעלער הינזיכט שנעלער פאָרטשריטען אַלס איצט, ווען מ'מוז זי דאָך נאָך פאַר אַ קלייַן יודישע שטאָדט רעכענען.

די ענטוויקלונג פון די דאָרפישע קאָלאָניעס איז איצט אויך געזיכערט. די עלטערע קאָלאָניעס ווערען גרעסער און שטאַרקער, אַ דאַנק דעם ערד־צוקויף; דער שטח פון די באַיאַרעס ווערט אויך גרעסער. ווען איצט אין גאָר די לעצטע יאָהרען זענען 400 העקטאַר ערד פערפלאַנצט מיט אָראַנזשען, 500 העקטאַר מיט מאַנדעל־בוימער, 600 העקטאַר מיט אָליווען, שוין ניט רעדענדיג וועגען די 2500 העקטאַר ווייַנגערטנער, וועט אָט דער שטח ערד געבען אין עטליכע יאָהר אַרום אַ הכנסה פון עטליכע מיליאָן פראַנק. די אָראַנזשען־באַיאַרעס האָבען דאָך שוין איצט דעם ווערטה פון 5.000.000. אין אייניגע יאָהר אַרום וועט די דאָזיגע ענט־וויקלונג בלי ספק פאָרטשריטען מיט אַ גיכערן טעמפּ. שוין איצט בילדען זיך פּריוואַטע חברות צווישען די פּאַלעסטינער אייַנוואַנדערער, רייַכע פּריוואַט־מענשען קויפען אָדער גרינדען באַיאַרעס פאַר זיך און זייערע קינדער, און גראַדע איצט האַלטען מיר בייַם גרינדען אַ פּלאַנצונגס־חברה מיט אַ גרינדונגס־קאַפּיטאַל פון 500.000 מאַרק לכל הפחות נאָכ'ן מוסטער פון די דייַטשע קאָלאָניאַל־פּלאַנצונגס־חברות. וואָס פריהער מ'וועט זיך נעהמען צום גרינדען פּלאַנטאַציעס אין פּאַלעס־טינאַ אַלץ גרעסער וועט זייַן דאָס פערדיענסט; דען דער מקח אויף די ערד

שטייגט אַלץ שנעלער; אין אייניגע ערטער האָבען זיך די פרייזען פערדאָפּעלט אין אַ משך פון פינף יאָהר. פונדערסטיוועגען זענען זיי נאָך גענוג נידעריג אין פערגלייך מיט די פרייזען אויף ערד אין איטאַליען, סיציליען אָדער אפילו ווי אין דרום פראַנקרייך. אייניגע קאָלאָניסטען זענען צו געלד געקומען דורך ערד ספּע-קולאַציע, אַנדערע דורך גרינדען אָדער פערקויפען פּאַרטיגע פּלאַנטאַציעס. און ווען דער בּיזהעריגער קאָלאָניסטען-שטראָם איז זעהר אונבּעדייטענד, איז די סבה דערפון, ראשית, די שווערע תנאים פון ערד קויפען, והשנית, דאָס פעהלען פון קרעדיט אויף צו קויפען די לפי-ערך טייערע ערד; מיט אַ פערמעגען וועניגער פון 15,000—12,000 קראָנען דאַרף מען ניט איינפיהרען קיין זעלבּשטענדיגע לאַנד-ווירטשאַפט.

און כדי צו שאַפען די מעגליכקייט איינצעוואַנדערן אין פּאַלעסטינאַ אויך פאַר ניט-פערמעגליכע לייט, האָבען מיר איצט געגרינדעט דעם פּאַלעסטינאַ-פלאַנצונגס-פעראיין; יעדעס מיטגליעד מוז איינצאָהלען מיט אַמאָל אָדער אין ראַטען הונדערט קראָנען, און פאַר דאָס געלד וועט מען קויפען ערד אין פּאַלעס-טינאַ. יעדעס מיטגליעד ערהאַלט יעהרליך פּאַלעסטינער פּראָדוקטען, מאַנדלען ראָזשינקעס, אָליווען, פייגען א. א. וו.; פופציג אַזוינע מיטגליעדער וועלען שאַפען די מעגליכקייט פאַר איין פאַמיליע איינצעוואַנדערן אין פּאַלעסטינאַ.

צום סוף דאַרפען מיר נאָך בּעטראַכטען די קלימאַטישע תנאים פונ'ם לאַנד. אַז די יודען פערטראָגען גוט דאָס קלימאַט פון לאַנד, דאָס איז בלתי ספק; דאָס איז דאָך זייער געוועזענע היים, און אויב זיי האָבען זיך שוין איצט טיילווייזע צוגעוועהנט צום מעהר צפונ'ישען קלימאַט, איז דער צווייטער דור אָבער פיהלט זיך אין פּאַלעסטינאַ אַזוי גוט, ווי די אַראַבּער און בּעסער ווי די דייטשען, הגם די לעצטע, אָבוואָינענדיג אַ לאַנגע צייט אין לאַנד, פערטראָגען שוין איצט דאָס קלימאַט פיעל בּעסער ווי פריהער, ווי מ'קאָן עס זעהן פון דער גרויסער צאָהל פון זייערע קינדער.

אין פיעל טיילען פון פּאַלעסטינאַ בּעגעגענט מען מאַלאַריאַ-קדחת, אין איינצעלנע שטעלען אפילו אין דער פאָרם פון שוואַרץ-וואַסער-קדחת, אָבער דורך איינפאַכע מיטלען קאָן מען דאָס רוב ערטער גאַנץ לייכט געזונד מאַכען, און דאָרט, וואו די דערפער עקסיסטירען שוין אַ מעהר לענגערע צייט און דורך זייער קולטור איז דער גרונד-וואַסער-שפּיעגעל ערנידעריגט געוואָרען, פערש-ווינדעט דאָרט שנעל דאָס קדחת. אין די שטעדט אָבער קאָן מען מיט איינפאַכע היגיענישע מיטלען אויסבּעסערן די סאַניטאַרע תנאים; און די זומפּיגע ערטער

קאָן מען אויסטריקענען אין א משך פון א יאָהר דורך קאַנאַליזאַציע אָדער דורך איינפלאַנצען אייקאַליפּטוס־וועלדער, וואָס אין איינציגע פונקטען איז עס מיט ערפאָלג געטהון געוואָרען. אפילו די קאָלאָניע חדרה, דער סאַמע זומפּיגסטער אָרט צווישען די יודישע קאָלאָניעס, הויבט שוין אויך אָן געזונד ווערען דורך די גרויסאַרטיגע אייקאַליפּטוס־וועלדער, וואָס דער באַראָן ראָטהשילד האָט דאָרט געפלאַנצט, און דורך די דאָרטיגע ענטוויקלונג פון דער אַגרי־קולטור.

בנוגע צו אַנדערע קראַנקהייטען, האָט אַבעדייטונג די טראַחאָמאַ, אמצרים־אויגען־קראַנקהייט, פון וועלכער אָבער אין די יודישע קאָלאָניעס, אַדאַנק דער מע־דיצינישער גוטער בעהאַנדלונג, ליידט מען ווייניגער ווי די אַראַבער.

די קלימאַטישע תנאים פון לאַנד קאָנען בשום אופן ניט שטערען דער קאָלאָניזאַציע, ווי אויך די זומער־היצען, וועלכע ווערען דורך די ים־ווינדען פיעל מילדער. און דער תבואה שניט. די איינציגע וויכטיגע אַרבייט אין די זומער חדשים, קאָן אויך פאָרקומען ביי נאַכט.

נאָך דעם ווי מיר האָבען זיך איבערצייגט, אַז דעם לאַנד שטעהט פאָר אַגרויסע צוקונפט, אַז די יודען פיהלען זיך דאָרט גאַנץ גוט, וואַנדערען איין גערן און פאַסטען זיך לייבט צו צו די אָרטיגע תנאים, בעדאַרף מען נאָך צו געבען עטלי־כע ווערטער, כדי אויפצוקלערען, וואָס דאַרף מען טהון, כדי מיט צוהעלפען, אַז די ענטוויקלונגען פון דער קאָלאָניזאַציע זאָל שטייגען.

דאָס נאָהנסטע מיטעל שיינט צו זיין די גרינדונג פון נייע קאָלאָניעס; דאָך לויט דער ביזהעריגער ערפאַהרונג, קאָן מען עס ניט עצה'ן. דער פאַלעסטינער קאָמיטעט אין אַדעס און דער דייטשער פעראיין „עזרא“ האָבען פון אַזאַ אַרבייט בעקומען שלעכטע רעזולטאַטען. דאָס בעזעצען אָרעמעלייט אַלס קאָלאָניסטען אין אַלאַנד אָהן ערד־קרעדיט, דאָס גופא איז שוין זעהר אַטייערע אונטערנעהמונג־ די גרינדונג פון דער קלענסטער קאָלאָניע דאַרף קאָסטען מעהר פון הונדערט־טויזענט קראָנען--נאָר אַ חוץ דעם ווירקט דעמאָראַליזירענד דאָס שטענדיגע שטי־צען אָט די אָרעמעלייט מיט געלד; די קאָלאָניסטען געוועהנען זיך־צו צום גע־דאַנק, אַז די וואָס שטיצען זיי זענען חַיב אין זייער שלעכטער לאַגע און מאַכען זיי מאָראַליש פעראַנטוואָרטליך אין אַלס. אָט דער געדאַנק בערויבט ביי זיי נאַ־טירליך די איניציאַטיווע, וואָס איז דאָס וויכטיגסטע אין יעדען קאַמפף פאַר די עקזיסטענץ. ווי באַלד זיי האָבען ניט קיין אייגען געלד־אינטערעס דערין, פערלאָ־זען זיי דאָס אינווענטאַר און קימערן זיך ניט איבער דאָס פיהך, מ'גנב'עט עפעס צו אָדער ס'ווערט עפעס אַזוי פערפאַלען, פאָדערן זיי פון דער חברה, אַז זי זאָל

עס זיי אומקעהרען, און זי מוז עס מקים זיין, אויב זי וויל ניט, אז די קאלאניע זאל געהן אין גאנצען צום גרונד. יעדע קאלאניע איז אלזא א צדקה-איינריכטונג, און דאס האט טאקי לסוף געבראכט דעם באראן ראטהשילד, אב צו זאגען זיך פון דער ווייטערער קאלאניזאציע. אפילו אין די אנאטאלישע קאלאניעס, וועלכע איך האב געגרינדעט און וואס „קא״ האט זיי איצט איבערגענומען, הגם זיי געפינען זיך אין אסך גינסטיגערע תנאים, דאך כדי צו בעזייטיגען אזא ענטוויקלונג, מוז מען האבען זעהר ענערגישע מיטלען.

דערום זענען לסוף אלע קאלאניזאציאנס-פעראיינען געקומען צום בעשלוס, אז מ׳דארף פערקירצען אדער אין גאנצען אויפהערען די דירעקטע געלד-שטיצע.

פיעל אבער קאן מען אויפטהון אויף צו ערוועקען די שטרעבונג צו זעלבסט-הילף אין די קאלאניעס. דער פעראיין קאן מיטהעלפען דער גרינדונג פון שפייכלער, ארבייטער-הייזער, פאלקס-קיכען, קאסען פאר פערזאנאל-און ערד-קרעדיט. ברונענס און וואסער-לייטונגען, קליינע שאסעען און באהנען, אדער שולען, פאלקס-ביבליאטהעקען, סאניטאר-איינריכטונגען, אדער ער קאן אונדערעקטווירקען דורך די גרינדונג אדער סובסידירונג פון לאנד-ווירטשאפטליכע פראבען-סטאנציעס, היגיענישע איסנטיטוטען, אינדוסטריעלע שולען, פובליקאציאנען, אינפארמאציאנס-ביוראען א. א. וו.

אין דער לעצטער צייט האט מען שוין געגרינדעט א רייהע אזעלכע אינסטיטוטען און מען איז פערנומען מיט דער ווייטערער גרינדונג, וואס ס׳וועט פיעל ווירקען דער צוקונפטיגער ענטוויקלונג פונ׳ם לאנד.

אין יפו עקזיסטירט א אינפארמאציאנס-ביורא, און מ׳שטרעבט איצט צו שאפען אזעלכע איינריכטונגען אין גאנצען לאנד. זייער ציעל איז צו געבען ידיעות די ארבייטער וועגען ארבייט און די ניי-אנגעקומענע—בכלל נויטיגע ידיעות.

ווייטער איז אין ירושלים היינטיגען פריהלינג געגרינדעט געווארען א קונסט-אינדוסטריעלע שול, „בצלאל״, וועלכע שטרעבט צושאפען פערדינסטען דעם געמיינעם טייל פון דער שטאדטישער בעפעלקערונג, ווי אויך די פאמיליען פון די דארפישע ארבייטער און די קאלאניסטען אין די ארבייטסלאזע הרשים; אנגעהייבען דערווייל האט מען פון פערפערטיגען געפלאכטענע טעפיכען.

ווייטער האלט מען יעצט ביים גרינדען נעבען חיפה א לאנד-ווירטשאפטליכע פראבען-סטאנציע, וועלכע האט די אויפגאבע, דורך פראקטישע נסיונות איבער פערשיעדענע פעלד-ארבייט, אויף צו הויבען די לאנד ווירטשאפט פונ׳ם לאנד, צו בעקעמפפען פערשיעדענע שעדליכקייטען, אונטער צו שטיצען די קא-

לאָניִסטען מיִט גוטע זרעים און פלאַנצונגען, קולטוויִרען און איַינפיִהרען בעסערע סאָרטען פלאַנצונגען און בכלל צו פערברייַטערן נייַע קולטורען.

אַחוץ דעם ווערט אויך פאָרגענומען צו גריִנדען אַ היִגיִעניִשע סטאַנציִע, וועלכע האָט די אויפגאַבע, פריִהער פאַר אַלץ, צו שטודיִרען די מיִטלען, מיִט וועלכע מ'קאָן בעקעמפּפען דו מאַלאַריאַ, און ביַי דער סטאַנציִע גופא רעכענט מען צו גריִנדען אַ וועטעריִנאַר מיִטעל-פונקט, וועלכער איִז יעצט ניִטאָ איִן גאַנץ פּאַ-לעסטיִנאַ, און דאָס איִז בעזונדערס נויטיִג צוליעב די אָפטע עפּיִדעמיִען אויף דאָס פיִהך.

וויַיטער האַלט מען ביַים גריִנדען אַ העברעאיִשע מיִטעל-שול. ס'האָט זיִך שוין אפילו אָנגעהויבען די פאָרבערייַטונגס-אַרבייַט, און אַזוי ווי דער היִלפס-פעראיַין פון די דייַטשע יוהען איִז שוין צו געטראָטען צו דער גריִנדונג פון אַזאַ שול (לעמעל-שול לויט דעם דייַטשען פּראָגראַם) איִן ירושלים, איִז כדי אויסצומיַידען די קאָנקורענץ, ווערט מען אָט די העברעאיִשע שול גריִנדען איִן יפו. אויך מחמת דעם, וואָס פּריִוואַטע מענשען האָבען שוין דאָרט צוגעטראָטען צו דער גריִנדונג פון אַזאַ שול. אויך די אברבנל-ביִבליִאָטהעק איִן ירושלים, וועלכע האָט איִצט זעהר וועניִג מיִטלען, נויטיִגט זיִך איִן שטיִצע כדי זי זאָל קענען ערגרייַכען צו דער מדרגה, צו וועלכער זי שטרעבט.

ס'גריִנדעט זיִך אויך אַ יודיִשעס מוזעאום איִן ירושלים איִן דער פערביִנדונג מיִט „בצלאל"; ס'איִז צו האָפען, אַז עס ווערט זיִך גרויסאַרטיִג ענטוויִקלען, ווי דאָס מוזעאום און קאַאיִראַ. ס'פערשטעהט זיִך פון זעלבער, אַז אַ חוץ מיִטלען אויף אויפצוקויפען די אַלטערטיִמער, וועלכע געפיִנען זיִך איִן פּאַלעסטיִנאַ, איִז נויטיִג אַז ס'זאָל זיִך דעריִן אַנשליִסען אַ יודיִשער פעראיַין, וועלכער זאָל זיִך פערנעהמען מיִט אויסגראָבונגען, ווי די פעראיַינען „Palestine Exploration Fund", אָדער דער Deutsche Palästina verein".

דורך אָט די אַלע איִנסטיִטוציאָנען וועלען מיִר מיִט דער צייַט איִן פּאַלעס-טיִנאַ ערציִהען אַ מין יודיִשע גייַסטיִגע אַריִסטאָקראַטיִע, מ'וועט אָנהויבען לייַענען פערשיִעדענע לעקציִעס און בלי ספק, אַז לסוף ווערט דאָ געגריִנדעט ווערען אַ הויך-שול אויך.

איִהר ווערט דאָן אָבער געוויִס פרעגען, וואו ווערט מען נעהמען די מיִטלען, וואָס זענען נויטיִג דערצו? די פעראייַנען אַליין וועלען דאָך קיינמאָל ניִט זייַן איִן שטאַנד זיי צונויפצוקלייַבען. וואָס קאָן מען דאַרויף ענטפערן? יוען ס'האָט זיִך געפונען אַ ראָטהשיִלד, וועלכער האָט אַריַינגעלייגט 60 מיִליאָן פראַנק איִן די יודיִשע קאָ-לאָניִעס איִן פּאַלעסטיִנאַ, ווען אַ באַראָן היִרש האָט בעשטיִמט מעהר אַלס 10

מיליאָן פונט שטערלינג פאַר יודישע קאָלאָניזאַטאָרישע צוועקען, מיט וועלכע ס׳וועךט איצט געפיהרט די קאָלאָניזאַציע אין אַרגענטינינען און די פּראָצענטען פון וועלכע ס׳וואָלטען געוועןעד בלי די אויסצופיהרען די אויבענגעשילדערטע פּראָיעקטען אין פּאַלעסטינאַ, ווען די גריכען, וואָס וואוינען אין מצרים, גרינדען תמיד מיליאָנען־פאָנדען אויף צו בויען אין זייער היים פערשיידענע מוזעען, שולען א. אַ. וו.—צו דען וועלען זיך ביי אונז ניט געפינען אַזעלכע מענשען, וועלכע האָבען אין זיך פּאָלקס שטאָלץ, היסטאָרישעס־געפיהל און עדעל־מוטה, מענשען, וועלכע זאָלען בעגייסטערט ווערען דורך. דאָס בעוואוסטזיין, אַז דאָס גרעסטע נוצען, וואָס מ׳קאָן ברייננגען דער גאַנצער מענשהייט, בעשטעהט נאָר דערין, ווען מ׳ריכט אויף דאָס אייגענע פּאָלק אינ׳ם לאַנד פון זיין קאַמפּף און ליידען?

איך בין זיך מודה, אַז איך גלויב פעסט דערין, איך האָב דאָס שטאַרקסטע צוטרוי, אַז ניט ווי ביז אַהער וועלען נאָר די אָרעמע און אינטעליגענטען פון אונזער פּאָלק האַלטען הויך ציונס־פאָהן, אַז אפילו די רייכע קלאַסען וועלען זיך אַליין מעהר און מעהר בעטייליגען אין דער עדעלער פּאָלק׳ס־זאַך, זיך גופא צו עהרע און צום גליק פון פּאָלק ישראל און פון דער גאַנצער מענשהייט.

ישעיהו הנביא׳ס ווערטער: „כי מציון תצא תורה ודבר ה׳ מירושלים״ וועלען געוויס מקוים ווערען.

די פָאלקס־בִּילדוּנג אִין פַּאלֶעסטִינַא.

א פארטראג פון מ. שיינקין.

פָאלקס=בִּילדוּנג, אִינ'ם בְּרֵייטֶען זִין פוּנם וואָרט, הֵייסט נִיט נאָר שוּלֶען, נאָר אַלץ, וואָס ס'קאָן מִיטהעֶלפֶען דעֶר עֶרהֵייבוּנג פוּנ'ם קוּלטוּרעֶלֶען מעמד פוּנ'ם פָאלק: פָאלקס־פָארלעֶזוּנגעֶן, בִּיבְּלִיאָטהעֶקעֶן, צַייטוּנגעֶן א. ז. וו. דִי גַאנצעֶ דעֶנקעֶנדעֶ וועֶלט אִיז שוֹין געֶקוּמעֶן צוּ דעֶר אִיבּעֶרצַייגוּנג, אַז דִי שוּל אִיז נִיט קֵיין שְׁמָאלעֶ קוּלטוּר=אַנשטַאלט, נאָר אַ סאָציַאל־פָאלִיטִישעֶ. אפילו דִי פעֶרבְּרעֶנטעֶ מאַטעֶריַאלִיסטעֶן, דִי סאָציַאל־דעֶמאָקראַטעֶן, הוֹיבּעֶן שוֹין אוֹיך אָן בְּעֶטראַכטעֶן דִי עֶרצִיהוּנג אַלס אַ מִיטעֶל צוּם אִיבּעֶרבּוֹיעֶן דִי געֶזעֶלשאַפט.

נאָר אוֹיבּ בַּיי דִי געֶזוּנדעֶ פעֶלקעֶר, וועֶלכעֶ לעֶבּעֶן אַ פרַיי־נאַטִירלִיכעֶס לעֶבּעֶן, אִיז דִי שוּל נִיט מעֶהר ווִי אֵיינס פוּן דִי מִיטלעֶן פוּנ'ם קאַמפף פאַר'ן קיום, אִיז בַּיי דִי צִיוֹנִיסטעֶן אָבּעֶר דִי שוּל כמעט אַלץ; אָהן אַ פָאלקס־שוּל אִינ'ם סאַמעֶ בְּרֵייטסטעֶן זִין וועֶלעֶן מִיר אִין אוּנזעֶר רעֶאַלעֶר אַרבַּייט אִין פַּאלעֶסטִינַא ווַייט נִיט אַוועֶק. אָט דִי פראַגעֶ אִיז אַזוֹי ווִיכטִיג און אַזוֹי פעֶרווִיקעֶלט, אַז זִי פאָדעֶרט אַ ספּעֶציעֶל=אוֹיספִיהרלִיכעֶן פאָרטראַג. לעת עתה אָבּעֶר ווִעל אִיך זִיך בְּעֶנוּגעֶנעֶן מִיט קאָנספּעֶקטִיוועֶ רשימות וועֶגעֶן דאָס שַייכות פוּן דעֶר שוּל=פראַגעֶ צוּ דעֶר אִימִיגראַציעֶ, אוֹיף ווִיפִיעל דאָס אִיז געֶווֹעֶן נכּר אִינ'ם פראַקטִישעֶן לעֶבּעֶן פאַר דאָס לעֶצטעֶ האַלבּעֶ יאָהר.

א) אִימִיגראַנטעֶן. אִין יעֶדעֶן בְּרִיעף, וועֶלכעֶר קוּמט=אָן פוּן דִי, וואָס ווִילעֶן זִיך בְּעֶזעֶצעֶן אִין פּאַלעֶסטִינַא, ווִעט אִיהר געֶפִינעֶן דִי פראַגעֶ: ווִי אַזוֹי עֶרצִיהט מעֶן דאָרט דִי קִינדעֶר? און באמת, בַּיי דעֶר גאַנצעֶר לִיבּעֶ צוּם לאַנד, קאָנעֶן פִיעל נִיט מקריב זַיין זֵייעֶרעֶ קִינדעֶר; זֵיי קאָנעֶן זִיך אוֹיך נִיט פעֶרנעֶהמעֶן מִיט זֵייעֶרעֶ געֶשעֶפטעֶן אִין אֵיין אָרט, און שִיקעֶן דִי קִינדעֶר לעֶרנעֶן אִין אַנ'אַנדעֶר אָרט. און נאָך בַּיי אַזעֶלכעֶ שלעֶכטעֶ פעֶרקעֶהרס=מִיטלעֶן צווִישעֶן פאַלעֶסטִינעֶר שטעֶדט.

ב) עמִיגראַנטעֶן. יעֶדעֶס יאָהר עֶמִיגרִירעֶן פוּן פּאַלעֶסטִינַא עֶטלִיכעֶ הוּנדעֶרט מעֶנשעֶן פוּן יוּנגעֶן און מִיטעֶלעֶן עֶלטעֶר. אַחוּץ דעֶם היזק אִין מעֶנשעֶן און מִיטלעֶן, מאַכט עֶס נאָך אַ שלעֶכטעֶן רושם אוֹיף דִי נַיי=אָנגעֶקוּמעֶנעֶ. דִי געֶבּאָרעֶנעֶ פּאַלעֶסטִינעֶר, דעֶרפִיהלעֶנדִיג זִיך שלעֶכט אִין דעֶר אֵייגעֶנעֶר שטאָדט, פּרוּבּעֶן זֵיי

ניט זייער מזל אין די אַרומיגע שטעדט אָדער לענדער, נאָר זיי וואַרפען זיך אַרי־
בער בוכשטעבליך פון איין עק וועלט אין צווייטען. אָט דאָס איז אַ פועל־יוצא פון
דער שלעכטער שול. זיי ווייסען ניט, וואָס ס׳טהוט זיך אַרום זייער שטאָדט; אַ
פשיטא שוין, אַז דער יפו׳ער איינוואוינער ווייס ניט וואָס ס׳טהוט זיך אין גזה, און
דער גזה׳ער איינוואוינער ווייס ניט. וואָס ס׳טהוט זיך אין חברון, יהודה און
גליל זענען כמעט אַזוי פרעמד אייגאנדער, ווי, למשל, דרום־רוסלאַנד מיט פינ־
לאַנד; דער רוב עלטערע און יונגע אין יהודה זענען ניט געווען אין גליל. נאָר
יחידים אין פאַלעסטינאַ האָבען אַ׳השגה וועגען דער אויטאָנאָמישער געגענד לבנון.
אַ פשיטא שוין, אַז דער פאַלעסטינער האָט קיין שום השגה ניט וועגען די שכנישע
לענדער (מצרים, קליין אַזיען א. א. וו.). אַזאַ מין השגה האָט ער אויך וועגען די
די לענדער, וואָס אויפ׳ן צווייטען האַלבען ערד־קוגעל, ער האָט נאָר געהערט,
אַז דאָרט מאַכט מען אַלעבען, אַז דאָרט זענען פאַראַן דאָלערס און פונטען אָנש־
טאָט מעטאַליקען און בישליקען. און, נאָכגעשלעפּט נאָך אַנדערע, וואַרפט ער זיך
אַהין, גוטע געאָגראַפישע און נאַטור־היסטאָרישע למודים, פאָלקס־פאָרלעזונגען
און צייטונגען וועלען מאַכען אַנ׳איבערקערעניש אין דעם פסיחיק פונ׳ם יונגען
פאַלעסטינער; פאַלעסטינאַ וועט בעקומען אַ יעהרליכע עקאָנאָמיע פון עטליכע
הונדערט מענשען און צעהנדליגער טויזענד פראַנק.

ג) די ארטליכע יודישע בעפעלקערונג. מיר פרעהען זיך מיט יעדען ניי־
אָנגעקומענעם יודען אין פאַלעסטינאַ, און אין דערזעלבער צייט האָבען מיר אין
פאַלעסטינאַ צעהנדליגער טויזענד, און אין גאַנץ טערקיי הונדערטער טויזענד יודען,
פולבערעכטיגע בירגער, וועלכע האָבען דאָס רעכט צו פערנעהמען אַלערהאַנד
געזעלשאַפטליכע און מלוכה׳שע שטעלען. אָט די אַלע כוחות ניט נאָר מיר נוצען
זיי ניט אויס, נאָר מיר זענען צופריעדען אויב זיי בריינגען אונז ניט קיין שאָדען,
וואָס אַזעלכעס טרעפט לײדער. די סבה דערפון איז, ווייל ראשית, ווייסען זיי גופא
ניט, ווי אַזוי אויסצונוצען זייער גינסטיגען מעמד, והשנית, זענען מיר זיי פרעמד,
זיי פערשטעהען ניט אונז, ניט אונזערע בּרייטע צוועקען, ווייטער, מיר פרעהען זיך
מיט יעדען שפאַן ערד, וואָס יודען קויפען, כמעט מיט יעדער קאָפּיקע, וואָס קומט
אַריין אין פאַלעסטינאַ, און בסך הכל מיט עטליכע צעהנדליג יאָהר צוריק האָבען
מיר געהאַט אין דמשק עטליכע צעהנדליג יודען, וועלכע האָבען פערמעגט
הונדערטער טויזענד פראַנק און פאַלאַצען אין די שטעדט און גרויסע נחלות
אין דער סביבה; פון אַלעם דעם איז איצט כמעט קיין זכר ניט געבליבען, ווייל
אָט די יודען געהען־אונטער קולטורעל און קאָנען זיך קיין עצה ניט געבען, אפילו

בײַם איצטיגען טירקישען מצב (איך בין געװעזען אינ'ם פּאַלאַץ פון אַ דמשק'ער יודען, אַ מענש פון אַ יאָהר 70, װאָס זײַן פאָטער האָט איהם מיט 40 יאָהר צוריק איבערגעלאָזט בירושה דרײַ הונדערט טױזענד פראַנק; ער האָט זײַ אַרײַנגעלעגט אין אַנ'אײַזערנעם שראַנק, און פון דאַמאָלסט־אָן פערנעהמט ער זיך ניט מיט קײַן זאַך און לעבט פון מזומנים). דער יודישער באַנקיר װאַלעראָ אין ירושלים האָט פערמעגט גרױסע שטיקער ערד און האָט זײ פערקױפט אַראַבער*). אַ יוד, מױאַל האָט פערמעגט אין יפו און אין איהר סביבה גרױסע נחלות; דער אַלטער האָט אפילו אין יענע גוטע צײַטען אַנ'אַנטהײל גענומען אין דער חבת־ציון־בעװעגונג, און דער זוהן האָט כמעט אין גאַנצען אױספערקױפט די אַראַבער. אפילו צװישען די אשכנזים אין ירושלים געפינען זיך אױך גענוג רײַכע מענשען, װעלכע טראַבטען אָבער גאָר ניט װעגען ערד־אײַגענטום אין פּאַלעסטינאַ. די בוכאַרער יודען האָבען, אמת, אַ שענעם קװאַרטאַל אין ירושלים, נאָר אױסער דער הײליגער שטאָדט האָבען זײ אפילו קײַן פּיצעל ערד ניט געקױפט. בקצור, פּאַלעסטינאַ איז ניט אַזױ אָרום אין מענשען און יודישע פינאַנסען, װי מ'שטעלט זיך עס פאָר אין אײראָפּאַ, נאָר דאָס אַלעס איז נאָך, לײדער, ניט אונזערס.

אָט דאָס אַלעס איז אַ פּועל־יוצא דערפון, װאָס דער געבאָרענער פּאַלעסטינער װײס ניט און פערשטעהט ניט זײַנע העכסטע אינטערעסען, און פיעל װעניגער די אינטערעסען פון זײַן אימה. אַ גוטע יודישע שול קאָן אונז אומקעהרען די שארית הפליטה פון אָט די יודען און זײער פערמעגען. די מהפכה, װאָס װעט פאָרקומען אין דער פּסיכאָלאָגיע און אין דער װעלטאַנשױאונג פון די געבאָרענע טירקישע און פּאַלעסטינער יודען, װעט אונז געבען אַ סך מעהר יודען און מיטלען אײדער די רעװאָלוציע און די פּאָגראָמען אין רוסלאַנד.

ד) **די ארטליכע אראבישע בעפעלקערונג.** מיר קומען אין אַ לאַנד, װאו ס'איז פאַרהאַן אַנ'אַראַבישע בעפעלקערונג פון אַ האַלבען מיליאָן מענשען, מיר װילען זיך מיט זײ אײַנלעבען, אַרבײַטען צוזאַמען, און לסוף ניט מיר קאָנען, ניט מיר פערשטעהען אײנאַנדער; װיכטיגער װי אַלץ איז, װאָס זײ קאָנען אונז ניט, און דאָס ניט װיסען, דאָס ניט קענען צונױפרעדען זיך רופט שטענדיג אַרױס אַ חשד. נאָך מעהר, אַרום די דאָזיגע אַראַבער פאַדקעװען אַנדערע אַרום און, בנשיקה, נעהמען זײ בײַ זײ צו די נשמה, און אָט די אַנדערע זענען גאַנץ װײַט צו אונז

*) אין ירושלים האט אפילו א כולל פערקויפט אראבער זיינם א שטיקעל ערד אויפ'ן הר־הזיתים. א שטיקעל ערד, וואס איינער א רב האט געקויפט אנטקעגען רחל'ס קבר, האבען די אראבער זיך צו גענומען צוליעב דער פערנאכלעסיגקייט פון די ירושלים'ער יודען. שטיקער ערד און פלאנטאציעס אין טבריה און אין חברון, וואס האבען געהערט יודען, געהען ביסלעכווייז אריבער אין אראבישע הענד.

ניט אויפגעלעגט. דערפון איז געדרונגגען, אַז מיר דאַרפען זיך ערנסט נעהמען צו דעם, אַז די אָרטליכע אַראַבער זאָלען וואָס גיכער און וואָס בעסער דערקאָנען אונז און אונזערע ציעלען. (אונזער גאַנצער כח בעשטעהט דאָך דערין, וואָס אונזערע אינטערעסען זענען ניט געגענזעצליך, נאָר צו געפּאַסט צו די אינטערעסען פון דער אָרטליכע בעפעלקערונג). אַמבעסטען קאָנען מיר עס ערדייכען דורך דאָס צוציהען די אַראַבער אין אונזער שול.

ווער ס'האָט זיך צוגעקוקט צו דער טהעטיגקייט פון די פּערשיעדענע קריסטליכע מיסיאָנען אין פּאַלעסטינאַ, דער האָט בעמערקט, ווי אַזוי די שול ווירקט אויפ'ן אַראַבער. דאָס איז אַ פאָלק מיט טיעפע, דערווייל נאָך בעהאַלטענע, גייסטליכע און עטהישע פעהיגקייטען; עס איז, ווי דאָס יודישע פאָלק, געפיהלרייך, האָט אַ שאַרפע תפיסה און וואַרפט זיך צו ליכט ווי אַ שמעטערלינג; ס'איז ליעב, הגם טרויעריג, צו זעהן, ווי אַזוי די אַראַבישע קינדער רינגלען אַרום דעם פּאַטער בעת'ן שפּאַציער: ער האָט זיי ענטדעקט עפּיס אַ'אמת, ער האָט זיי דערצעהלט וועגען עפּיס אַ מופת; די אויגעליך פינקלען, די בעקעליך פלאַמען. ס'איז פּשוט מקנא צו זיין. און דאָס, וואָס די פּאַטערן גיעבען זיי, איז עס דאָך נאָך ניט קיין קיין בילדונג, נאָר אַ רעגיליעזע נאָבקרימענִיש, אינ'ם בעסטען פאַל, אַבאַנאַלע מאָראַל, וואָס דער פּועל־יוצא דער פון איז דאָס פערבייטען דעם מעטשעט אויף אַ קירך, דאָס אַרומוואַשען זיך—אויף שמד־וואַסער און אַמאָל די ברייטע היזען—אויף שמאָל אייראָפּעאישע.

מ'קאָן זיך שוין פאָרשטעלען, ווי אַזוי דער נייגעריגער אַראַבער וואָלט זיך אַ וואָרף געטהון אויף די אמת'ע בילדונג פון דער פרייער יודישער שול, ווי דאַנקבאַר ער וואָלט געווען, ווי ליעב ער וואָלט געקריגען דעם לעהרער, וועלבער דערצעהלט איהם דאָס אַלעס און די יודישע שפּראַך, אויף וועלבער מ'דערצעהלט איהם. אין אונזער שול וואָלט ער זיך דערוואוסט ניט וועגען פּאַלעסטינער הייליגטום, נאָר וועגען איהרע נאַטוראַלע עשירות; ער וואָלט זיך דערוואוסט, אַז אין פּאַלעסטינאַ איז נאָך פאַרהאַן אַנ'אַרבייטס־פּלאַץ פאַר מיליאָנען מענשען; ער וואָלט זיך ביי אונז אויך פיעל דערוואוסט וועגען זיין גליקליכער אַראַביען, וואו ס'געפינט זיך ניט נאָר קאַאַבאַ'ס שטיין, נאָר אויך פיעל נאַטוראַלע עשירות; ער וואָלט זיך דערוואוסט ניט וועגען די פּירושים, נאָר וועגען די מכבים, ניט וועגען „ולד־על־מת", נאָר וועגען „יהוד־על־חיבר", וועלכע לעגען אַרויף מס אויף די סולטאַנישע קאַראַוואַנען. בקצור, ער וואָלט דערקאָנט די וועלט, ער וואָלט דערקאָנט זיין פאָלק און אונזער פאָלק און זייער מעגליכע געגענזייטיגע ווירקונג. איך ערלויב מיך

צו זאָגען, אַז אין שול וואָלטען מיר געהאַט אַ גרעסערן ערפאָלג, איידער אין די מלוכה=פּאַלאַצען.

מיר האָבען שוין עטליכע ביישפּיעלען פון אַראַבּישע קינדער, וואָס בעזוכען אַ יודישע שוהל; זיי זענען גוטע תלמידים, נעהמען גיך איבער די יודישע שפּראַך. מיר איז אויסגעקומען צו שמועסען מיט אַנ׳אַראַבער, וועלכער דיענט ביי אַ יודישער שול; מיר האָבען גערעדט וועגען די ענליכע שטריכען, וואָס אין יודענטום און אין איסלאַם. איך בין נשתומם געוועזען פון זיין פרייַער יודישער שפּראַך און פון דער געזונדטער לאָגיק פון זיינע אַרויסגעזאָגטע געדאַנקען, און דאָס איז דאָך געוועזען אַפּראָסטער אַראַבּישער בחור, וואָס דיענט אין אַ יודישער שול סך הכל אָנדער=טהאַלבען יאָהר.

געוויס איז לעכערליך צו רעדען איצט וועגען אַ יודישער שול פאַר אַראַבּישע קינדער, ווען מיר האָבען נאָך ניט קיין אייגענע שול פאַר אונזערע אייגענע קינ=דער. איך האָב דאָ נאָר געוואָלט אָנווייזען אויף די ברייטע פּערספּעקטיוו פון דער יודישער שול אין פּאַלעסטינאַ. בכלל פערברייטעט זיך אין פּאַלעסטינאַ דער האָרי=זאָנט: דורכ׳ן הונדערט=יעהריגען חשך זעהט מען שוין דעם אונענדליכען מרחק.

נאָר איך קעהר זיך אום צו דער דערווייַל אָרימער ווירקליכקייט און וועל אָנווייזען אויפ׳ן מצב פון דער פּאַלעסטינער פאָלקס=בילדונג אין איצטיגען מאָמענט.

די דאָרפישע שול. די עקזיסטירענדע דאָרפס־שול, ס׳הייסט די שולען פון די עקזיסטירענדע יודישע קאָלאָניעס, קאָנען אונז וועניג אינטערעסירען בנוגע דירעקט צו דער אימיגראַציע. די ניי אָנגעקומענע וועלען זיך פאַקטיש זעהר וועניג קאָנען איינאָרדנען אין די שוין עקזיסטירענדע קאָלאָניעס, ס׳וועלען בלי ספק ווערען נייע דאָרפישע צענטרען, וואו ס׳וועלען אויך זיין נייע שולען. די עקזיסטי=רענדע שול קאָן אונז נאָר אינטערעסירען מצד איהר אינדירעקטער ווירקונג, וואָס זי קאָן האָבען אויף די אימיגראַציע, מצד איהר, אַזוי צו זאָגען, אַגיטאַציאָנס־ווירי=קונג, וועלכע זי קאָן האָבען אויף די, וואָס קומען זעהן, צו קאָן מען זיך בעזעצען אין פּאַלעסטינאַ.

זעהר וועניג פון די, וואָס בעזוכען איצט די קאָלאָניעס, קומען אַ קוק טהון אין שול; דאָס זענען מענשען ניט קיין אידעאַליסטען. דאָס רוב ניט קיין ציוניסטען; זיי קומען זוכען געשעפט, און געשעפט דאַרף מען זוכען אין פעלד. אַזאַ בענעהמען זיך מצד די געסט צו דער שול איז געוויסערמאַסען אַ מעלה: די שול, וואָס ווערט צו אָפט בעזוכט, דעמאָראַליזירט די תלמידים, שטערט דעם רעגעלמעסיגען גאַנג פון די למודים; דער גוטער לעהרער איז מיט דעם אונצופריעדען, און דער שלעכ=

טער–פערוואַנדעלט די שוהל אין אַ צירק, אין אַפאָרשטעלונג; מ׳ווייס אפילו וועלכע פראַגען פרעגען געוועהנליך די יודען פון גלות, און די תלמידים לערנען פריהער אויס די תשובות. דערפאַר אָבער פלעגט דער אַמאָליגער בעזוכער זעהר פיעל געווינען פונ׳ם בעזוכען די שול; ער פלעגט דאָרט האָטש אַ קליין שטיקעל צייט אָבּרוהען זיך גייסטליך. ווי ס׳איז געוועזען אין דער קאָלאָניע, נאָר שטענדיג, אפילו אין דער צייט, ווען ס׳האָט דאָרט געהערשט דער פראַנצויזישער גייסט, האָבּען מיר אין פיעל קאָלאָניעס געהאַט אונזערע לעהרער, וועלכע זענען געוועזען איבּער־געגעבּען דעם יודישען גייסט און דער יודישער שפראַך. איך מוז בעמערקען, אַז בכלל אין פּאַלעסטינאַ, ווען מ׳טהוט זיך אַרויס פון דער פוילער אונרייניגער סביבה, פונ׳ם אָנגעטראָגענעם גלות־שיכט און מ׳בּלייבּט ביחידות מיט דער נאַטור און מיט׳ן געזונדען שכל, דאַן פיהלט מען, מ׳זעהט כמעט דעם פרייען און גרויסאַרטיגען יודישען גייסט. און די שול אין דער קאָלאָניע איז געוויסער מאָסען אַנ׳איזאָלירטעס ווינקעל, און די קינדער זענען דאָך נאָך תופס אַלעס מיט אַ ריינע נשמה, ס׳איז דעריבּער קיין וואונדער ניט, וואָס די ערשטע לעהרער זענען געוועזען אַזוי בּעגייס־טערט און האָבּען אָנגעשריבּען אַזעלכע גוטע אַרטיקלען פאַר די לעהר־ביכלעך פון דער נייער שול; בּעגייסטערט זענען אויך געוועזען די אַמאָליגע בּעזוכער. דער היינטיגער בּעזוכער אָבער זעהט די קאָלאָניסטישע קינדער ניט אין שול, נאָר אין דער היים, און דאָס ניט גאָר די קליינע קינדער (זיי שפּיעלען זיך אין הויף; זיי אינטערעסירט ניט דער גאַסט, וועלכער רעדט אויף עפּיס אַ רוסישער שפראַך אָדער אויף זשאַרגאָן און דערציעהלט עפּיס וועגען פּאָגראָמען), נאָר די אונטערדערוואַקסענע. אָט די קינדער זענען שוין פערסמ׳ט מיט׳ן גייסט פון ספּק׳ית און יאוש. די פּאַלעסטינער קינדער ווערען פריה ענטוויקעלט; 11—12 יאָהר אַלט זענען זיי שוין האַלבּ דערוואַקסענע; זיי פערשטעהען שוין דעם גאַנצען תהו ובהו פונ׳ם לעבּען, וואָס אַרום זיי; זיי בּעמערקען שוין דעם תהום, וואָס צווישען דער שול און דער היים; זיי פערשטעהען שוין דאָס שלעכטע בּענעהמען זיך מצד די עלטערען צום נאַאיווען אידעאַלען לעהרער, זיי לייענען שוין די בּריעף פונ׳ם עלטערן בּרודער פון אויסלאַנד און זיי הויבּען זיך שוין אויך־אָן גרייטען צו אָבּפאָהרען. ניט וויכטיג איז דאָס אָבּפאָהרען גיפא, ניט אַלע זענען אַזוי גליקליך, אַז זיי זאָלען האָבּען מיט וואָס און וואו צו פאָהרען, וויכטיג איז דאָס צוגרייטען זיך און די שטימונג. דאָס אונטערגעוואַקסענע קינד אין דער קאָלאָניע–דאָס איז אַ מיפּישע בּריאה, האַלבּ מענש, האַלבּ פיש: אַ האַלבּען טאָג געפינט ער זיך אין שול אונטער דער ווירקונג פונ׳ם לעהרער, דעם צווייטען

האַלבען טאָג גרייַטען איהם צו די עלטערען, דירעקט זייער אינדערעקט, צום אַוועק־שווימען איבערן ים (אין איינער זעהר אַ געעהרטער קאָלאָניע מײַן בעשטימט קורסען פון דער ענגלישער שפּראַך גראַד אין דער שעה, ווען דער יודישער לעהרער האָט בעשטימט אָווענד־פּאָרלעזונגען). און אָט דאָס יונגעל זיצט בּיים טיש, הערט זיך צו אויפמערקזאַם, ווי דער אורח איז זיך מתוכח מיט ניי־אָנגעקומענע: ער גלויבּט זיינע עלטערען, ער הערט זיך צו און שמייכעלט איבערן נאאיווען אָפּטימיזם פון דעם פונקט ווי אונזער לעהרער און ווי ס׳איז געשריבען אינ׳ם לעהר־בוכעל איבער דאָס לעבען פון דער יודישער קאָלאָניע און איבער די אַרבּייט פון די קאָלאָניסטישע קינדער אויפ׳ן פעלד. איין איראָניש שמייכעל פון אָט דעם שטילשווייגענדען יונגעל איבער־צייגט דעם אימיגראַנט פיעל מעהר, איידער צעהן אַנטיאַגיטאַציאָנס־רעדען.

אָט אין אַזאַ טראַגישען מצב געפינט זיך די יודישע שול אין דער קאָלאָניע און אָט אַזאַ רושם מאַכען איהרע תלמידים אויף די אימיגראַנטען. אַ פּאָר אויסנאַהמען בעגעגענען מיר אין איין קאָלאָניע אין יהודה, וואו די עלטערען זע־נען נאָך געוויסערמאַסען גאַנץ געבליבען פונ׳ם אויפפרעסענדען סקעפּטיציזם, און דעריבער עטהעמען די קינדער מיט פּאַלעסטינער לעבען; אין אַ צווייטער דאָרפ־ווירטשאַפטליכע קאָלאָניע אין גליל האָט זיך ווי ס׳איז איינגעשטעלט אַ נאַטירליך דאָרפס־לעבען, און דעריבער לעבען בשלום דער לעהרער און די שול מיט די עלטערען. אָט די פּאָר אויסנאַהמען בעווייזען אַמבעסטען, אַז כל זמן ס׳וועט ניט זיין קיין נאָרמאַלעס לעבען אין די קאָלאָניעס, וועלען מיר בשום אופן ניט קאָ־נען בעשאַפען קיין נאָרמאַלע שול. אַנדערע האָפען, אַז די יהודה׳ער קאָלאָניעס וועלען זיך שטעלען אויף די פיס אַ דאַנק דער לעצטער קאָנצעסיע מיט׳ן באַראָן ראָטהשילד און דעריבער וועט זיך די לאַגע פון דער שול אויך פערבעסערן. מ׳קאָן אָבער מורא האָבען, אַז דער סינדיקאַט פון די ווייַנבויער און וויינהענדלער וועט פאָדערען אַ גרויסען שטאַט אַנגעשטעלטע אין אויסלאַנד, פאָלגליך, וועלען אַלע וויעדער צוגרייטען זייער קינדער צום אָבפאָהרען.

מ׳מוז אָבער אָנווייזען אויך דערויף, וואָס די איצטיגע שול האָט אויפגעטהון. אין אָט די שולען איז די יודישע שפּראַך געוואָרען אַלעבעדיגע, אַנ׳אַלטעגליכע, און פון דאָרטען דרינגט זי שוין אַריין אין לעבען; אָט די שולען האָבען צו געצויגען און ציהען צו נאָך איצט אויך צו זיך צעהנדליגער יודישע לעהרער, וועלכע אַרבייטען מיט זעלבסט אָפּפערונג און, אפילו בּיי איצטיגע שווערע תנאים, האָבען זיי אַ לפי־ערך׳דיגען ערפאָלג. אָט די אידעאַלע לייט וועלען ברייִנגען גרויסע נוצען דער אימיגראַציע און דער בעגייַטער שול.

אין די עקזיסטירענדע קאָלאָניעס איז פאַרהאַן נאָך אַנ׳אַנדער מין שול— אַ תלמוד־תורה ־ין האַלט פאַר נויטהיג אָבצושטעלען זיך אויף אָט דער שול ניט אַזוי ־׳זיעב איהר וויכטיגקייט אינ׳ם פּאָזיטיווען אָדער נעגאַטיווען זין, נאָר צו ליעבען טעם, וועלכער איז גורם דעם קיום פון אַזאַ שול אין די יודישע קאָלאָניעס און צוליעב דער ווירקונג, וואָס די דאָזיגע שול האָט אויף די וועלטליכע שול.

ס׳איז ידוע, אַז ווען ס׳זענען ערשינען די ערשטע קאָלאָניעס, האָבען די פּאַלעסטינער אָרטאָדאָקסען זיי בעגעגענט מיט טויטע קללות; ווען אָבער די יונגע קאָלאָניסטען זענען געוואָרען אַ כח, בעזונדערס, ווען ס׳האָט זיך דערהערט דער קלונג פונ׳ם באַראָנ׳ס מיליאָנען זענען די אָרטאָדאָקסען אַנטשוויגען געוואָרען און האָבען זיי סובל געווען; די אַדמיניסטראַציע פון איהר זייט וויעדער פלעגט זיי גוט בעצאָהלען פאַר די משגיחים איבער׳ן נסך, תרומה און מעשר; מיט אַ פּאָר יאָהר צוריק אָבער, ווען די קאָלאָניעס האָבען איבערגעלעבט אַנ׳עקאָנאָמישען קריזיס און די אָרטאָדאָקסען האָבען דערזעהן, אַז דער גאָלדענער רעגען האָט שוין אויפגעהערט, אַז די קאָלאָניסטען זענען בײַ זיך גײַסטליך געפאַלען, אַז אַנדערע פון זיי זענען שוין אַלט געוואָרען, און בײַ אַנדערע האָט זיך שוין דאָס אידעאַל אויסגעוועבט—דאַן האָבען זיי בעשלאָסען וויעדער אַנעהם צוטהון זיך צו די קאָלאָניעס. נאָר איצט שוין ניט מיט אַנ׳אָפּענעם שטרײַט, נאָר מיט אַפריעדליכען אויפן מנצח צו זײַן זיי. זיי האָבען געגרינדעט אַ חברה „שומרי־תורה", אויף צו גרינדען אין די קאָלאָניעס שולען אינ׳ם אָרטאָדאָקסאַלען גײַסט. פון ערשטען בליק קאָן זיך אויסווײַזען, אַז דאָס האָט קײַן שום וויכטיגקײַט ניט. אין אמת׳ען אָבער מאַכט עס־אָן אַ חשך און די קאָלאָניעס, וואו ס׳וואָלט זיך ווי ס׳איז געהאַלטען דער פרײַער גײַסט. וואו נאָר עפּיס וואָס ליעגט שלעכט, וואו נאָר מ׳קאָן עמיצען צו ריידען צו נעהמען חלוקה, וואו נאָר ס׳איז ערגעץ אמחלוקת צוליעב אַלעהרער, אַדאָקטאָר א. א. וו.—אַזוי קומען באַלד די אַגענטען פון „שומרי־תורה" און לעגען אַרויף זייער האַנד; בעזונדערס זענען זיי אַנ׳אונגליק פאַר די שול; וואו נאָר ס׳איז געוואָרען אַזאַ תלמוד־תורה, אַזוי הויבען־אָן געפינען חסרונות אין דער שו׳ אַזעלכע מענשען וועלכע ס׳איז גאָר פריהער אויפ׳ן געדאַנק ניט אַרויפגעקומען צו בעקלאָגען זיך; די עלטערען הויבען־אָן אָנווײַזען זייערע פּראָגראַמען, און נאָך וואָס פאַר אַ פּראָ־גראַמען! אַזעלכע, וועגען וועלכע זיי וואָלטען פריהער אפילו רעדען ניט געוואַגט. ערגער פון אַלץ איז דאָס, וואָס אָט די אונצופריעדענע עלטערען זענען אָפט גאַנץ ווײַט קײַן אָרטאָדאָקסען ניט און טראַכטען גאָר ניט צו ערציהען זייערע קינדער

אִין אָרטאָדאָקסאַלען גײַסט; נאָך מֶעהר, די תלמוד=תורה׳ס גופא זענען לחלוטין נִיט עהנליך אויף די תלמוד=תורה׳ס, וואָס אִין גלות—דאָס זענען שענע הײַזער, גאַנץ אָפט מִיט בלומען אִין גערטיל, וואָס פאַר די פענסטער, ליכטיגע און הויכע צימערן, די קִינדער זיצען אַרום גרויסע רײנע טישען, די מלמדים געהען אַרום זיך, לפי ערך ריין. דאַכט זיך וואָס קאָן דאָ זײַן שלעכט? דאָס איז אָבער אַ שטילער, נאָר אַלעבעדיגער פּראָטעסט קעגען אונזערע האָפנונגען, אויפצולעבען גײַסטליך אִין פּאַלעסטינאַ. איך חזר איבער. די תלמוד=תורה פלאַנצט נִיט אײַן אִין די קִינדער איהר ספּעציפיש=רעליגיעזען גײַסט, זי טוידט אָבער=אָב דעם נאַציאָנאַלען גײַסט. ס׳קומען פאָר אַזוינע קוריאָזען: די עלטערען פאָדערען אַז מ׳זאָל לערנען פראַנצויזיש, און אויב נִיט וועלען זיי שיקען זײערע קִינדער אִין תלמוד=תורה (וואו מ׳לערענט, פאַרשטעהט זיך, נִיט קײַן פראַנצויזיש). אויב ביז אַ העֶר איז די שול געוועען אַהײליגטום, לכל הפחות, ביי די קלײנע קאָלאָניסטישע קינדער, בעמערקען זיי איצט אַקאָנקורענץ צווישען דער שול און דער תלמוד=תורה, וואָס ס׳רופט זיך=אָב זעהר שלעכט אויף זײער בענעהמען זיך צו דער שול.

פון פיעל פאַקטען, וואו די ווירקונג פון די „שומרי=תורה“ טראָגט אַרײַן אַנ׳איבערקעהרעניש אִין דער קאָלאָניע, וועל איך אַנווײַזען אויף צוויי מעהר קאָנקרעטע: אִין קאַסטיני איז אִין אַמשך פון 10 יאָהר די שול און דאָס בית=המדרש געווען אִין אײן בנין, און קײנעם האָט עס נִיט געאַרט; און אָט איז געקומען דער מלמד, און ס׳איז געוואָרען אַ מחלוקת מיט׳ן לעהרער, ביז וואַנען מ׳האָט איהם אַרויסגעטריבען פון בית=המדרש; פון די 20 קִינדער איז געבליבען נאָר 13, און דער לעהרער איז אַוועק פון דער קאָלאָניע. דער צווײטער פאַקט: אין׳ם דערפיל יהודיה האָבען זיך בעזעצט עטליכע געזינדען, צווישען זיי זענען געווען עטליכע יונגע—מעהר פרײַ=זיניגע און עטליכע עלטערע—אָרטאָדאָקסען; קײַן מחלוקת איז צווישען זיי נִיט פאָרגעקומען; און אָט איז אַראָבגעקומען אַ מלמד פון „שומרי=תורה“ און ס׳האָט זיך אָנגעהויבען אַנ׳אויפצופרידענהייט מיט אַנײאַנדער אויפ׳ן רעליגיעזען באָדען, פון דאַנען איז די מחלוקת אַריבער אִין זײער אַרבײַטס=לעבען, לסוף האָט מען זיך צוקריגט און זענען אַלע אַוועק פון דערפיל. אִין די טבריה׳ער קאָלאָניעס איז מיר אויסגעקומען צו זעהן פאָלגענדען כאַראַקטעריסטישען פאַקט: ס׳געפינען זיך נעבען אײנאַנדער צוויי קאָלאָניעס: מלחמיה און ימה; אִין דער ערשטער זענען די קאָלאָניסטען אַרבײַטס=פעהיגע, די קאָלאָניע האָלט און בליהען, און זיי זענען צופרידען מיט דער שול--קײַן מלמד איז דאָרט נִיטאָ; אִין דער צווײטער אָבער האָט דאָס רוב צוטהון מיט „יקא“, די פעלדער זענען נִיט בעאַרבײַט, פיעל קלײַבען זיך

קיין אַמעריקאַ—אין בורט האָט זיך געעפענט אַ תלמוד־תורה; און ימה'ער קאָלאָ־ניסטען זענען ניט קיין אמת'ע רעליגיעזע, פאַר אַבעוויסע קאָן דינען דאָס, וואָס זיי ווילען פאָהרען נאָך אַמעריקא, הגם זיי ווייסען גאַנץ גוט, אַז זיי וועלען דאָרט מוזען אַרבייטען שבת.

די שטאַדטישע שול. אָט די שול אינטערעסירט מעהר פון אַלץ די אימיגראַנ־טען, ס'איז פאַר יעדערן קלאָהר, אַז כל זמן אין פּאַלעסטינא וועט ניט זיין אַזאַ מין אַנשטאַלט ווי אַנ'אַגראַר באַנק, קאָנען ניט ווערען קיין נייע דאָרפס־צענטרען; דער גרעסטער רוב אימיגראַנטען וועט זיך נעהמען צו מסחר אָדער מלאכה; אַנדע־רע, מעהר רייבערע, וועלען אפשר קויפען שטיקער ערד פאַר פּלאַנטאַציעס נע־בען וועלכע ס'איז קאָלאָניע, נאָר אַליין וועלען זיי בלייבען וואוינען אין די גרויסע שטעדט, וואו זיי וועלען האָבען מסחרים אָדער אינדוסטריעלע געשעפטען. און אין אָט די שטעדט וועלען זיי ערציהען זייערע קינדער.

איידער איך וועל צוטרעטען צו ריידען וועגען האַראַקטער פון דער איצטי־גער שטאָדטישער שול און אויף וויפיעל זי איז צוגעפּאַסט פאַר די קינדער פון די אימיגראַנטען, האַלט איך פאַר נויטיג אַביסעל אויספיהרליכער אַרומצושמועסען די פאָדערונגען, וועלכע די אימיגראַנטען שטעלען אַרויס בנוגע צו דער בילדונג און ערציהונג פון זייערע קינדער. אויב דער אימיגראַנט בייט זיך בכלל איבער אויף אַ סך ביים איבערבייטען דאָס קלימאַט און דעם אופן פון זיין לעבען, איז אָבער נאָך פיעל שטאַרקער דער „שנוי הערכין", וועלכער קומט פאָר אין דער בילדונג און ערציהונג פון די קינדער. כמעט אַלע אימיגראַנטען, וואָס זענען גע־קומען פאַר די לעצטע יאָהרען אין פּאַלעסטינאַ, זענען עס רוסישע יודען (אַ חוץ די אַלטע, וואָס זענען געקומען פון אונגאַרן און גאַליציע און עטליכע יונגע אַר־בייטער פון גאַליציע). די רעכטלאָזע לאַגע פון די רוסישע יודען האָט געשטויסען זייערע קינדער אין שול און, בכלל, צום ביכעל; נאָר מיט דער הילף פון דער שול האָט מען געקאָנט מעהר אָדער ווייניגער בעפרייען זיך פון איניגע בעגרעני־צונגס־געזעצען; נאָר מיט דער הילף פון דער שול און דעם ביכעל האָט דער רוסישער יוד געקאָנט פערנעהמען אַוועלכען ס'איז מעמד אין דער געזעלשאַפט און, בכלל, אויסנוצען זיינע פעהיגקייטען אינ'ם קאַמפף פאַרן קיום. דאָס אידעאַל פון די יודישע קינדער אין רוסלאַנד איז געוואָרען אַלעהר־אַנשטאַלט מיט רעכט; אַזוי ווי אַזוינע רעכט גיבען אָבער נאָר מיטעלע און העכערע שולען, האָבען זיך אַהין געשפּאַרט אַזעלכע קינדער, וואָס ביי פעלקער מיט אַנאָרמאַל־פּאָליטישען לעבען געהען זיי ניט ווייטער פון נידעריגע אַלגעמיינע אָדער פּראָפעסיאָנעלע שולען;

צו ליעב דעם, וואָס די טהירען פון דער מיטעלער שול זענען כמעט געווען פערשלאָסען פאַר די יודען, האָבען די עלטערען זיך געמוזט רעכענען ניט מיט די קינדערישע נטיות און פעהיגקייטען, נאָר מיט לחלוטין זייטיגע און צופעליגע תנאים. פון דאַנען שטאַמט עס דאָס אייביגע עקסטערנען, וועלכעס האָט זיך אַזוי שלעכט אָבגערופען אויף די פיזישע און גייסטליכע פעהיגקייטען פון די יודישע קינדער, וועלכע זענען אַראָבגעשטויסען געוואָרען פון נאָרמאַלען וועג פון בילדונג און ערציהונג.

קומענדיג אָבער קיין פאַלעסטינאַ, בעפרייען זיך תיכף די אימיגראַנטען פון אָט די אַלע תנאים, די פרייהייט פון בעשעפטיגונג און פון אַריבערפאָהרען פון איין אָרט אויפ'ן צווייטען איז אונאַבהענגיג פון וועלכען ס'איז דיפּלאָם; די נויטיגע שפראַכען (די אַראַבישע און איינע אַ אייראָפּעאישע, געוועהנליך די פראַנצויזישע) לערענט מען זיך אויס פראַקטיש גיכער און לייכטער ווי פון ביכעל; אין מזרח קאָנט איהר בכלל טרעפען מענשען, וואָס קאָנען ניט לייענען און שרייבען און רעדען פונדעסטוועגען אויף עטליכע שפראַכען; קאָנענדיג איין אייראָפּעאישע שפראַך, קאָנען זיך די קינדער פונ'ם רוסישען שטאָדטישען יודען אויסלערנען די קאָמערצישע וויסענשאַפטען (קאָרעספאָנדענציע און בוכהאַלטעריע) אין אַ משך פון אַ יאָהר אָדער צוויי, און דאָס אויך ניט אין אַ שול, נאָר פון פראַקטיק אין אַ וועלכער ס'איז קאָמערציען־קאָנטאָר. די תנאים פון דעם היגען געזעלשאַפטליכען מצב זענען אויך אייגענאַרטיג. די אייראָפּעאישע אימיגראַנטען בלייבען געוועהנליך אויסלענדער. אַזוי, אַז זיי האָבען קיין שום שייכות ניט צום אינערליכען לעבען אין טערקיי, פאָלגליך, זיי קאָנען ניט פרעטענדירען אויף וועלכען ס'איז אָרט אין דער אָרטליכער טירקיש־אַראַבישער געזעלשאַפט. אויב די יודישע אימיגראַנטען, וועלען פערשטעהן זייער דאָזיגען פעהלער און וועלען פערלאַנגען איהם צו פערריכטען, וועלען זיי דאַרויף האָבען נויטיג וויעדער ווייניגער פון אַלץ שול־דיפּלאָמען, נאָר גיכער דאָס פראַקטישע קאָנען די אָרטליכע שפראַך, די מנהגים און מעהר פעראייניגען זיך אין לעבען מיט דער אָרטליכער בעפעלקערונג. בנוגע צום אייראָפּעאישען עלעמענט, איז עס דאָ, ווי בכלל אין אַזיען און אַפריקאַ, צוטיילט לויט נאַציאָנאַלע און רעליגיעזע גרופען אין אַזוינע קליינע און פערשלאָסענע טיילען, אַז קיין איינע פון זיי קאָן ניט, אין תוך גענומען, אינטערעסירען דעם יודען; דעם לעצטען קאָן נאָר אינטערעסירען די יודישע קהלה, פאַר וועלכער אין פאַלעסטינאַ שפּיעלט ניט קיין הויפּט־ראָלע דער דיפּלאָם, נאָר דער פערמעגענס־מעמד אָדער די אינדיווידועלע גייסטלי־

כע פעהיגקייטען פון דער געגעבענער פערזאָן. די פראַקטישע אָדער לעבענס=זאָרג וועגען קינדער קאָן, אַלזאָ, אָבגעשטעלט ווערען אויפ'ן יוגענד=פעריאָד, ווען די יוגענד וועט שוין קאָנען האָבען אַ דעה איבער זיך גופא, וועט קאָנען אויסקלייבען פאַר זיך אַ וועג און אַ קאַריערע, און וועלכער זי וועט זיך פערפאָל=קאָמען אין דער שול פונ'ם לעבען. דער שול פעריאָד פון דער קינדער=ערציהונג בלייבט איבער די נאַטירליכע אויפגאַבע, צו ענטוויקלען די פיזישע און גייסטלי=כע פעהיגקייטען פון די קינדער.

אייגענאַרטיג זענען אויך די תנאים פון לעגאַליזירען די אָרטיגע שול. טערקיי ווייס ניט ביז איצט פון דעם מין פריוואַט=שולען פאַר איהרע אונטער=טאַנען: יעדע קהלה, אָהן אונטערשיד פון נאַציאָנאַליטעט און גלויבען, האָט דאָס רעכט צו עפענען איהר „מעדרעסע”, דאָס איז אַ שול אָהן אַבעשטימטען פראָגראַם; מ'מיינט מיט דעם אפילו א שול אויף צו לערנען לייענען און שרייבען מיט אַ רעליגיעזער פאַרב אַזוי ווי, למשל, דער יודישער חדר. פאָרמעל פאָדערט זיך אפילו צו בעקאָנען אַביסעל די תלמידים מיט דער טערקישער שפראַך, נאָר זעלטען ווען אין פאַלעסטינאַ ווערט עס ערפילט; דער רעגירונגס=אינספעקטאָר קומט זעלטען אין שול, און אַז ער קומט שוין יאָ, בענוגענט ער זיך מיט דעם, ווען איינער פון די לעהרער ענטפערט איהם עטליכע ווערטער אויף טירקיש. אָט די שולען אָבער, ווי אויך דער יודישער חדר, בענוגענען זיך ניט נאָר מיט לייענען און שריי=בען; גאַנץ אָפט פערברייטערן זיי זייער פראָגראַם ביז'ן פראָגראַם פון אַ מיטעל שול און אַ מאָל נאָך מעהר. די אויסלענדער אָרדנען איין זייערע שולען אונטער'ן שוץ פון זייערע קאָנסולען, און דאַן האָבען זיי אויף זיך ניט קיין שום קאָנטראָל מצד דער אָרטליכער מאַכט.

אָט די לאַגע פון דער שול נוצען אויס פערשיעדענע נאַציאָנאַלע און, בע=זונדערס, רעליגיעזע גרופען, אין וועמענס הענד די שול דיענט פאַר זעהר אַ גוט מיטעל אויף צו ערדרייכען זייערע צוועקען: זיי ערציהען אין זייער גייסט ניט נאָר זייערע גלויבענס=ברידער, נאָר טויזענדער קינדער פון די אָרטליכע אַראַ=בער, און אויך צעהנדליגער און, אפשר טאַקי, הונדערטער יודישע קינדער. אויב ס'גיט זיך זיי ניט איין צו ערציהען די יודישע קינדער אינ'ם רעליגיעזען זין, גיט זיך זיי אָבער גוט איין צו צוציהען זיי צו אַ פרעמדער נאַציאָנאַלער קולטור.

ווי אַזוי זשע האָט די יודישע שול אויסגענוצט אָט די גינסטיגע תנאים אין פאַלעסטינאַ?

די הויפט=ראָלע אין דער הינזיכט שפיעלט די „אַליאַנס”; אָט די חברה האָט הונדערטער שולען אין גאַנץ טירקיי, בכלל דעם צעהנדליגער

שולען אין סיריען און פאַלעסטינאַ. די פּראָגראַמען פון אַט די שולען זענען צוגעפּאַסט צו זייערע צוועקען, נעמליך: אויפצוהויבען דעם גייסט פון די מזרח׳ישע יודען ביז דער מדרגה, אַז זיי זאָלען מסוגל ווערען, אָנצובינדען זיך אָן די אייראָפּעאישע קולטור. אונטער דאָס וואָרט אייראָפּעאישע קולטור מיינט מען אין דעם פאַל די פראַנצויזישע שפּראַך, די עלעמענטאַרסטע ידיעות אין די שול-למודים, און דער עיקר—דאָס ציהען נאָך אייראָפּאַ און בפרט נאָך פראַנקרייך און פּאַריז. דאָס לעצטע ווערט בעזונדערס שטאַרק אונטערגעהאַלטען דורך דעם, וואָס די בעסטע תלמידים פון די, וואָס ענדיגען די שול, שיקט מען נאָך פּאַריז, אויף צו ענדיגען זייער בילדונג אויף דער חברה׳ס קאָסטען אין לעהרער-אינסטיטוט אָדער אפילו אין הויך-שולען. ס׳פערשטעהט זיך, אַז דאָס אידעאַל פונ׳ם תלמיד פון קליינוויז-אויף איז פראַנקרייך און פּאַריז. אויב ניט אַלעמען איז בעשערט קאָמאַנדירט צו ווערען אין גן-עדן, לאָזען זיך די מעהר פעהיגערע אַליין אַוועק אין אייראָפּאַ, אַמעריקאַ אָדער אין אַנדערע לענדער, וואו ס׳הערשט די אייראָפּעאישע קולטור. אַלזאָ, ענטוויקעלדינג אינ׳ם יונגען דור דאָס געפיהל פון נאָכטהון דער אייראָפּעאישער קולטור, און דאָס נאָך אין דעם זין, וואָס אַלעס יודישעס ווערט בטל ומבוטל, איז די שול פון דער „אַליאַנס" די טרייב-קראַפט פון דער פּאַלעסטינער עמיגראַציע; דער יונגער דור סטאַרעט זיך ניט איינצופלאַנצען די אייראָפּעאישע קולטור ביי זיך אין דער היים, נאָר, ווי געזאָגט, דאָס פעהיגסטע אַנטלויפט פון דער היים. די וועניגער פעהיגע בלייבען אפילו יאָ איבער אין לאַנד; אין די יונגע יאָהרען פראַנטעווען זיי נאָך מיט׳ן אויסערליכען אייראָפּעאישען גלאַנץ, הגם אפילו דאַן לייענען זיי ניט מעהר ווי אַ צייטונג און אַ גרינגען ראָמאַן, און דער אינהאַלט פון זייערע שמועסען בעשטעהט פון קליינליכע אָרטיגע אינטערעסען אָדער פון אויבען-אויפיגער אויסערליכער פּאָליטיק; וואָס ווייטער לאָזען זיי זיך אָבער אַלץ מעהר אַראָב, ביז לסוף אין די מיטעלע יאָהרען קעהרען זיי זיך ווידער אום אין שוים פון דער אַראַבישער געזעלשאַפט.

ביז דער לעצטער צייט איז אין די דאָזיגע שולען ניט געוועזען קיין נאַציאָנאַלער גייסט. די לעהרער פון דער העברעאישער שפּראַך—דער העברעאישער שפּראַך איז אָבגעגעבען געוואָרען מאַקסימום אַ שעה אין טאָג—זענען געוועזען ספרדי׳ישע חכמים; דאָס זענען געוועהנליכע אָרטאָדאָקסאַלע מלמדים, וואָס האָבען גאָר אַ קליינע השגה אין דער יודישער געשיכטע און ליטעראַטור און וואָס פאַרנעהמען זיך אין די איינצעלנע שול-שעה׳ן מיט לערנען די קינדער דאַווענען און עטליכע דינים. וועגען די נביאים פלעגען די קינדער לייענען אין די שטיקלעך פון דער

יודישער געשיכטע, וואס געפינען זיך אין די פראנצויזישע חרעסטאמאטיעס. אפילו די עשרת הדברות פלעגען די קינדער אויסלערנען ניט אויף העברעאיש נאר אויף פראנצויזיש.

אזא מין בענעהמען זיך צו די יודישע למודים און דאס האלטען אלץ, וואס סאיז נאר נאציאנאל פאר אנטיאייראפעאיש און אנטיקולטורעל האט געהערשט אפילו אין די שולען פון די יודישע קאלאניעס אין דער גוטער אלטער צייט פון דער אדמיניסטראציע־הערשאפט און, אין טאקט מיט יענעם גאנצען רעזשים, האט עס מיטגעהאלפען אונטער צודריקען די ציוניסטישע און בכלל די נאציאנאלע שטימונג פונם יונגען דור אין די יודישע קאלאניעס. אין די לעצטע יאהרען, ווען דער רעזשים אין די קאלאניעס איז איבערגעביטען געווארען, איז אויך בעניים געווארען די קאלאניאלע שול. זי אין איצט אפען פאר די יונגע נאציאנאלע און ציוניסטישע לעהרער, וואס קומען פון רוסלאנד. אט די לעהרער הויבען שוין אויף־אן אריינדרינגען אין די שולען פון דער „אליאנס״, וואו זיי זענען די טרעגער פון דעם יודישען גייסט. ביי א געוויסען צוסטאנד זיך און טאקטיק און ביי אקליינער סובסידיע מצד אונזערע אנשטאלטען קאן מען איצט איינארדנען אין יעדער שטאדטישער שול פון דער „אליאנס״ צו איין היינטוועלטיגען יודישען לעהרער.

נאר ווי די אליאנסער שול זאל ניט זיין אין דער איצטיגער צייט, זענען מיט איהר העכסט צופריעדען די ארטליכע ספרד׳ישע און אראבישע יודען. אט די שול נעהמט אריין אלע זייערע קינדער פון 5 ביז 15 יאהר אלט. אפט גיט מען זיי דארט עסען, צייטענווייז—וועלכע סאיז בגדים; אמאל, פאר א יום טוב, העלפען אונטער די דירעקטארען די ארימע עלטערען. אין איינינגע ערטער העלפט מען אונטער די עלטערען אין מיטען יאהר אויך. כדי זיי זאלען ניט דארפען שיקען זייערע קינדער צו פערדינענען אינם צו־יונגען עלטער. און אז מיר וועלען נאך צו דעם מוסיף זיין דעם שוץ מצד די פראנצויזישע קאנסולען, אונטער וועלכען ס׳געפינען זיך אט די טרעגער פונ׳ם פראנצויזישען גייסט, וועט אונז זיין פערשטענדליך, פאר וואס די דירעקטארען זענען אין פיעל פונקטען די צענטראלע פערזאנען פון דער יודישער קהלה, און אין אנדערע ערטער זענען זיי די הויפט־פארשטעהער פון דער קהלה פאר דער ארטליכער מאכט.

אין דער לעצטער צייט איז צו בעמערקען א שטרעבונג מצד דעם „הילפס־פעראיין דער דייטשען יודען״, צו קאנקורירען מיט דער „אליאנס״ אין דער פאלעסטינער שול־פראגע. דער הויפט־חלוק צווישען דעם הילפס־פעראיין׳ס שולען און

דער אַליאַנס׳ס בעשטעהט דערין, וואָס אין דעם ערשטענ׳ס שולען הערשט די דייטשע שפּראַך אָנשטאָט די פראַנצויזישע, דאָס ציהען נאָך דייטשלאַנד אָנשטאָט פראַנקרייך און דער שוץ מצד די דייטשע און עסטרייכישע קאָנסולען אָנשטאָט די פראַנצויזישע, בנוגע צום יודישען גייסט איז מצד דער שול-אַדמיניסטראַציע פון דער נייער חברה צו בעמערקען אַ בעזונדער שטרעבען זיך צופריעדענצושטעלען די אָרטאָדאָקסען, נאָר פון דער צווייטער זייט, זענען די לעהרער, וועלכע זענען אַנהענגער פון דער נייער מעטאָדע אינ׳ם לערנען די יודישע שפּראַך און בכלל די יודישע למודים, פריי צו לערנען ווי אַזוי זיי ווילען. אָט דער לעצטער אומשטאַנד, וועלכער איז ניט קיין פּועל-יוצא פון די פּרינציפּען פון אָט דער חברה, וועלכע האָט אַ ריין פילאַנטראָפּישען און בשום אופן ניט קיין נאַציאָנאַלען כאַראַקטער, אָט דער אומשטאַנד קאָן זיך ניט רעכענען פאַר אַ נאָרמאַלען און זיכערען. אויב דער איצטיגער אַדמיניסטראַטאָר, וועלכער וואוינט שוין לאַנג אין פּאַלעסטינאַ און וועלכער איז מעהר נעהנטער צום יודענטום און האָט פּערזענליכע פערבינדונגען מיט איינינגע פאָרשטעהער פון דער נאַציאָנאַלער פּאַרטיי—איז אויב ער דערלאָזט די אָבשוואַכונג פון די חברה׳שע פּרינציפּען לטובת דער נאַציאָנאַלער אידעע, איז ניט פאַרהאַן קיין שום ערבות, אַז אַ נייער אַדמיניסטראַטאָר וועט ניט וועלען פערבלייבען מעהר געטריי די ריינע פילאַנטראָפּישע פּרינציפּען פון דער חברה און וועט ניט מאַכען אַ סוף צו דער דאָזיגער אָבשוואַכונג. קיינער קאָן אויך ניט גאַ-ראַנטירען, אַז ס׳קאָן ניט טרעפען, דאָס אין אַ שענעם פריה-מאָרגען זאָלען די יודיש-דייטשע אָרטאָדאָקסען, וועלכע פערנעהמען זעהר אַן אָנגעזעהענעם אָרט אין דער דאָזיגער חברה (דער הויפּט אין שול-ענינים), אונטער דער ווירקונג פון דער אָרטליכער פּאַלעכטינער אָרטאָדאָקסיע, זאָלען זיך מישב זיין און צערייסען יעדען בונד מיט דער פריי-געשטימטער נאַציאָנאַלער פּאַרטיי. פונדעסטוועגען זענען אונ-זערע נאַציאָנאַלע אַנשטאַלטען ניטה צו פיהרען אין דעם פאַל אַ קורצזיכטיגע פּאָ-ליטיק: האַלטענדיג זיך פאַר שייאַך און רעכענענדיג די נייע חברה (הילפס-פעראיין) פאַר אַ גרויסען פינאַנציעלען כוח, זענען אונזערע אַנשטאַלטען גרייט צו שליסען מיט איהר אַ בונד, ריכטיגער געזאָגט—זיי זענען גרייט איבערצוגעבען אין די הענד פון דער נייער חברה די הויפּט-אָנפיהרונג פון דער ערציהונג אין פּאַלעסטינאַ. אויף אַזאַ אופן איז שוין בעשלאָסען געוואָרען איבערצוגעבען אין זייערע הענד הונדערט טויזענד פראַנק, וועלכע זענען אַסיגנירט געוואָרען אויף צו ערציהען די יתומים פון די לעצטע פּאָגראָמען. איינינגע אָנגעזעהענע פון אונזערע פאָרשטע-הער עצה׳ן איבערצוגעבען דעם הילפס-פעראיין די הויפּט אַרבייט פון עפענען אַ

מיטעל־שול אין פאלעסטינא; דאס הייסט מקבר צו זיין דעם רעיון וועגען א יודי־שער נאציאנאלער מיטעל־און הויך־שול, וועגען וועלכע מ׳האט אזוי פיעל גערעש׳ט אין די ציוניסטישע קרייזען.

נאר לאמיר זיך צוריק אומקעהרען צו די אימיגראנטען.

זייערע קליינע קינדער קאנען זיי אריינגעבען אין די קינדער־גערטנער. אט די אנשטאלט האט זיך זעהר גוט אנגענומען אויפ׳ן פאלעסטינער באדען; אין אלע קאלאניעס און אין די הויפט־שטעדט פון פאלעסטינא זענען פאראאן קינדער־גערטנער, וואו די קליינע קינדער פון 3 יאהר אלט בעקומען א גאנץ גוטע ער־ציהונג לויט אלע כללים פון דער היינטוועלטיגער פעדאגאגיק. אין די דאזיגע גערטנער ענטוויקלען זיך די קינדער זעהר גוט און לערנען זיך גיך אויס רעדען העברעאיש. וואס זאלען אבער די אימיגראנטען טהון מיט די קינדער פון שול־עלטער?

נאר די סאמע הילפלאזע, ס׳הייסט די ארומסטע פון די אימיגראנטען וועלען זיך וועלענדיג־ניט וועלענדיג צופריעדען שטעלען מיט די אויבענבעשריבענע שולען; דער געוועהנליכער מעהר אדער ווייניגער ענטוויקעלטער רוסישער יוד האט שוין גאר אנאנדערע השגה איבער בילדונג און ערציהונג, און דעריבער וועט ער זיך ניט צופריעדען שטעלען מיט׳ן שאבלאן פון אט די שולען אין מיט די טיי־לעפעלעך קענטניסען, וואס ס׳ווערט אין זיי געלערענט. אויב נאך ניט אלע אימיגראנטען זענען דורכגעדרונגען מיט׳ן בעוואוסט זיין, אז פאלעסטינא איז אונזער היסטארישע היים, אויב זיי אלע זינגען ניט מיט איין און דעמזעלבען געפיהל זייער נאציאנאלען הימן, זענען זיי אבער אלע לחלוטין ניט נוטה איינצופלאנצען אין זייערע קינדער די ליעבע צו עפיס א מין אונבעוואוסטען פאטערלאנד אין מיטעל אדער מערב־אייראפא אדער נויטען זייערע קינדער בעגייסטערט צו ווערען ביים זינגען דעם דייטשען הימן. אין בעסטען פאל קאן דער אימיגראנט די ערשטע צייט קוקען אויף די שול פון „אליאנס״, ווי אויף א גוטע סביבה, וואו זיינע קינדער קאנען זיך אויף א פראקטישען אופן גיך אויסלערנען די פראנצויזישע שפראך, וועלכע איז אזוי נויטיג יעדען שטאדט־מאן אין פאלעסטינא. האבענדיג, לכל הפחות, אונזערן איין לעהרער אין יעדער שול, וועט אט די צייט ניט געהן פער־לארען פאר די קינדער פון די אימיגראנטען בנוגע צום פראקטישען אויסלערנען זיך די יודישע שפראך. דערויף אבער איז געגוג איינס — צוויי יאהר. וואס אבער ווייטער?

כדי צו האבען ביכולת צו ענטפערען אויף די סאמע נויטיגסטע פאדערונגען מצד די אימיגראנטען, מוזען מיר בעצייטענס א טראכט טהון מכח הוספה־שולען.

די פינאַנציעלע כחות פון אונזערע נאַציאָנאַלע אַנשטאַלטען זענען צו שוואַך אַז מיר זאָלען קאָנען טראַכטען מכח אייגענע שולען אין יעדער שטאָדט, נאָך מעהר, וואָס אַ טייל פון די דאָזיגע מיטלען מוזען אונבעדינגט פערבּרויכט ווערען אויף אויסצוהאַלטען, לכל הפחות, צו איין לעהרער פאַר יודישע למודים און די שוין עקזיסטירענדע שולען פון אַנדערע חברות. איין אייגענע שטאָדטישע שול פאַר מעדליך אין יפו שלינגט איין אַבּעדייטענדען חלק פונ'ם שול-בּיורזשעט בּיי די חובבי-ציון; בּיי דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע איז נאָך ניט פאַראַן קיין שום בּיורזשעט. די צאָהל פון די אימיגראַנטען אין יעדער שטאָדט וועט נאָך אַזוי גיך ניט זיין גענוג גרויס, אַז זיי זאָלען אַליין קאָנען אויסהאַלטען אַ שול. וועט מען מוזען דערווייל זיך בּענוגענען מיט איין מיטעל-שול פאַר די מינדערהייט—די אינטעליגענץ, און מיט אַ צוויי-דריי הוספה-שולען נידעריגער אַלס מיטעל-שולען.

די נויטיגקייט פון אַ מיטעל-שול האָבּען שוין אַלע אין דער ציוניסטישער וועלט אַנערקענט, בּעזונדערס די יודישע בּעפעלקערונג אין פּאַלעסטינאַ. בּיי דער איצטיגער לאַגע איז שווער פאָראויס צו זאָגען, ווען וועט זיך די ציוניסטען איינגעבּען צו קריגען דעם נויטיגען גרויסען פאָנד דערויף. אינ'ם לעצטען יאָהר האָט אַ פּריוואַטע פּערזאָן אויפגעעפענט אַ שול, וואו מ'רעכענט דורכגעהן דעם קורס פון אַ רעאַל-גימנאַזיע אַזוי: אין די ערשטע פינף קלאַסען זאָלען די קינדער דורכגעהן דעם בּעוואוסטען קורס פון מיטעל-בּילדונג, און די איבּעריגע דריי וועלען צופאַלען אויף צוויי אָבּטיילונגען: אַ קאָמערצישע אָבּטיילונג פאַר די, וועלכע זוכען שוין בּאַלד צו פערנעהמען זיך מיט געשעפט און אַ געמיינזאַמע פאַר די, וואָס ווילען זיך צוגרייטען אויף אַריינצוטרעטען אין אַ הויך-שול. פיעל האָבּען זיך סקעפּטיש בּענומען צו דער פּריוואַטער פּערזאָן, וואָס האָט זיך גענומען פאַר אַזאַ גרויסע און אחריות'דיגע זאַך; אַנדערע ווילען בּכלל ניט גלויבּען, אַז ס'וועט זיין מעגליך צו פערענדיגען דעם גאַנצען קורס אויף דער העבּראעישער שפּראַך און אָהן שאָדען פאַר דאָס פּראַקטישע קאָנען איינע אָדער צוויי איראָפּעאישע שפּראַכען. דאָך האָט אָט די פּריוואַטע גימנאַזיע צום סוף יאָהר פון איהר קיום שוין געהאַט 45 תלמידים און תלמידות. און אין דער מאַטעריעלער הינזיכט—האָט זי געדעקט איהרע הוצאות. איצט זענען צום איניציאַטאָר צוגעשטאַנען נאָך צוויי לעהרער פון אונזערע יונגע לייט, וועלכע האָבּען געענדיגט אין אויסלענדישע אוניווערזיטעטען דעם קורס פון אַלגעמיינע און פּעדאַגאָגישע וויסענשאַפטען. פון דער צווייטער זייט ווידער, האָט זיך פעראייניגט אַ גרופּע פון די עלטערען און פון זייטיגע מענשען אין אַ נ'אַקציאָנערע חברה מיט'ן צוועק צו שטיצען אָט דער

שול בִיז יענער צייַט, ווען דִי צִיוֹנִיסטִישע אָרגאַנִיזאַצִיע וועט צושטעלען דִי נויטִיגע פאָנדען; ווען אָבער דִי אָרגאַנִיזאַצִיע וועט נִיט ערפִיהלען דִי האָפנונגען, וועלכע ווערען אויף אִיהר אַרויפגעלעגט אִין דער הִינזִיכט, האָט דִי גרופּע בדעה אַלייִן זִיך צו נעהמען פאַר דִי דאָזִיגע זאַך און קריגען דִי נויטִיגע פאָנדען צווִישען דִי מענשען, וועלכע פִיהלען מִיט דער נויטִיגקייַט פון נאַצִיאָנאַלער בִילדונג און ערצִיהונג. אִין דִי דרייַ פאָרבערייטונגס־קלאַסען און אִין דִי צוויי ערשטע קלאַסען וועלכע פונקצִיאָנִירען שוין פונ'ם אָנפאַנג פון הייַנטִיגען שול־יאָהר, ווערען קאָנען בעקומען בִילדונג און ערצִיהונג בִיז הונדערט קִינדער, יונגלעך און מעדלִיך.

אויב אונטער'ן וואָרט „גִימנאַזִיע" פערשטעהט יעדער אַ שול פון אַ בע־שטִימטען און בעקאַנטען טִיפּ, אִיז אָבער דאָס וואָרט הוספה־שול פאָרערט אַ מעהר רִיכטִיגערע בעשטִימונג. אונטער אָט דעם · טערמִין פערשטעהט מען אַזאַ שול, וואו קִינדער פון 12—11 יאָהר אַלט, וואָס האָבען געענדִיגט אַ שטאָדטִישע אָדער דאָרפִישע אָנפאַנגס־שול, זאָלען קאָנען אָנקומען מִיט'ן צוועק צו בעריייכער'ן זייער בִילדונג, פערפאָלקאָמען זייער ענטוויקלונג, און צוזאַמען מִיט דעם, ספּע־צִיאַלִיזִירען זִיך אִין אַ וועלכען ס'אִיז למוד, וואָס האָט אַ שייכות צו ערד־אַרבייַט, מלאָכה, פאַבריִק אַרבייַט אָדער מסחר (קאָרעספּאָנדענץ און בוכהאַלטערִיע). אִין אָט דִי שולען דאַרפען דִי קִינדער זִיך פרייַ גרופִירען לויט זייערע נטיות און פעהִיגקייַטען. דִי אַדמִינִיסטראַצִיע פון אָט דִי שולען וועט זייַן מחויב צו ווִיסען שטענדִיג אַלץ, וואָס ס'אִיז נוגע צו דער ענטוויקלונג פון לאַנד אִין אַלע אופנים; זִי וועט מוזען ווִיסען וואו קאָן וועלכע ס'אִיז בעשעפטִיגונג געפִינען אַ פּלאַץ אִיצט און אִין דער נאָהנטער צוקונפט; לויט אָט דִי פאָדערונגען וועט זִי מוזען צוגרייטען דִי קִינדער; דִי, וואָס וועלען ענדִיגען דִי שול, וועט זִי מוזען בעזאָרגען מִיט רע־קאָמענדאַצִיעס און טאַקי סטאַרען זִיך, אַז זיי זאָלען קריגען פּלעצער. דאָס אַלעס וועט דִי אַדמִינִיסטראַצִיע מוזען נעהמען אויף זִיך בעזונדערס צו לִיעב דעם, ווייל דִי אִימִיגראַנטען ווייסען נִיט אִין דִי ערשטע יאָהרען וואָס צו לערנען און וואו צו שִיקען זייערע קִינדער.

כדי זִיך נִיט צו האַלטען אָן אַבסטראַקטע פּראָיעקטען, ווִיל אִיך דאָ אָנווייַזען דרייַ פונקטען, וואו מִיר קאָנען אָנהויבען פערווִירקלִיכען דעם געדאַנק מכח הוספה־שולען. דער ערשטער פונקט אִיז די שול „בצלאל" אִין ירושלים. דער אִינִיצִיאַטאָר פון אָט דער שול, פּראָפעסאָר שאַץ, האָט זִיך געשטעלט פאַר אַ צִיל אִין לעבען, צו פערשפּרייטען צווִישען דער בעפעלקערונג פון פּאַלעסטִינאַ דאָס קענטנִיש פון פערשיעדענע מינים האַנד־אַרבייַט, וועלכע האָבען אַ שייכות צו

קונסט (וועבען טעפּיכען, שניצען אויף האָלץ און שטיין, פערשידענע מיני פלעכטונגען, אַרבייט אויף מעש א. א. וו.), וואָס ווילען, לויט דער מיינונג פון פּראָפעסאָר שאַץ, מיט דער צייט קאָנען ערנעהרען פיעל טויזענדער יודישע געזינדען אין פּאַלעסטינאַ. אַט די שול עקזיסטירט אין ירושלים סך הכל איין יאָהר, און פונדעסטוועגען האָט זי זיך שוין ערוואָרבען זעהר אַנאָנגעזעהנעם אָרט אין דעם נאַציאָנאַל־פּראָגרעסיווען טייל פון דער יודישער בעפעלקערונג אין פּאַלעסטינאַ. ס׳געפעהלט זעהר יעדערן דאָס ביישפּיעל פון דעם מענשען, וועלכער האָט זיך ניט בענוגענט מיט עצית פון די אייראָפּעאישע הויפּט־שטעדט, נאָר ער איז אַליין געקומען קיין אזיען, צו זיין דער אָנפיהרער פון דער פאָלקס־זאַך; ס׳געפעהלט אויך זעהר דער מוסטער פון דער נייער פריער שול, וואו דער ערציהער מיט די תלמידים לעבען ווי איין פריינדליכע פאַמיליע, וואו, ביים געמיינזאַמען ברייטען פלאַן, האָט דאָך יעדער די פרייהייט צו ענטוויקלען זיך אינדיווידועל. ביי דער דאָזיגער שול געפינט זיך לעת־עתה, אַחוץ העכערע קלאַסען אויף צו פערפאָלקאָמען זיך אין קונסט, איין ווערקשטאַט אויף צו וועבען טעפּיכען (ביי דעם אַרבייטען ביז 50 פרויען); מיט דער צייט רעכענט מען איינצופיהרען פערשידענע אַנדערע ווערקשטאַטען, האָבענדיג אין זין פאָלגענדע אומשטענדען: אַז די תלמידים פון די העכערע קלאַסען פון בצלאל האָבען כמעט אַלע געענדיגט אַוועלכע ס׳איז מיטעל־שול, אַז די האַנדווערקעריי אין די ווערקשטאַטען ווילען אויך אָנפיהרען מענשען מיט בילדונג, אַז אויף דער לעצטער קאָנפערענץ איז בעשלאָסען געוואָרען צו געבען אַט דער אַנשטאַלט אַ גרויסען קרעדיט אויף אויסצובויען אַ גרויסען בנין,—וועט יעדערן קלאָר זיין, אַז אין דער דאָזיגער אַנשטאַלט וועט זיין גענוג פלאַץ און לעהר־פּערזאָנאַל פאַר די גרופּען יונגע תלמידים, וועלכע ווילען דאָ בערייכערן זייערע קענטנישען און ווילען בעקומען אַ פּראַקטישע פּאָרבערייטונג צו עטליכע מינים האַנדווערקעריי. זעלבסטפערשטענדליך, אַז דער פּראָפעסאָר שאַץ וועט מיט חשק נעהמען אויף זיך די אָנפיהרונג פון אָט דער וואוילטהעטיגער זאַך, וועלכע איז פאָלשטענדיג צוגעפּאַסט צום הויפּט־צוועק פון „בצלאל“. די מעהר פעהיגערע ווילען טאַקי דאָ קענען פערפאָלקאָמען זיך אין וויסענשאַפט און קונסט.

אויף אַזאַ אופן האָבען מיר אַגינסטיגען צופאַל, ביי אַ קליינעם שכר־למוד מצד די עלטערען און מיט דער הילף פון אַלפי־ערך קליין יעהרליכער סובסידיע מצד וועלכער ס׳איז נאַציאָנאַלער אַנשטאַלט, צו שאַפען די מעגליכקייט פאַר צעהנדליגער עלטערע קינדער צו בעקומען אַוויסענשאַפטליכע און פּראַקטישע

פאָרבערייטונג צום לעבען.

ס'איז פאַרהאַן אַ צווייטער גינסטיגער צופאַל אויף צו אָרגאַניזירען אַ הוספה־שול, נעמליך—ביי דער שול „קרית־ספר“ אין לוד (2 שעה גאַנג פון יפו). דער איניציאַטאָר פון אָט דער אַנשטאַלט, ה. בעלקינד, האָט געהאַט אין זינען אויסשליסליך אַ לאַנדווירטשאַפטליכע שול לויט דעם פּראָגראַם, וועלכעס ער האָט פערעפענטליכט אין זיין בראָשור „קרית־ספר“. ס'איז שווער ניט צו זיין איינפערשטאַנדען מיט די פּרינציפּען וועלכע ס'האָט אַרויסגעשטעלט דער מחבר פון דער דאָזיגער בראָשור, נאָר דאָך מוז מען מודה זיין, אַז דאָס פּראַקטישע לעבען אין דער איצטיגער צייט איז נאָך גאַנץ ווייט פון דער מעגליכקייט צו פערווירקליכען אָט די פּרינציפּען: דאָס לעבען פון די יודישע ערד־אַרבייטער אין פּאַלעסטינאַ איז אַזוי אוננאָרמאַל, אַז דאָס רוב פון זיי האַלטען זייערע קינדער אין דער היים ווייט פונ'ם פעלד און מכל שכן, אַז זיי ווילען ניט אויסגעבען קיין געלד אויף צו ערציהען זייערע קינדער אין אָט דעם גייסט, שוין ניט רעדענדיג דערפון, וואָס דער איצטיגער פּאַלעסטינער ערד־אַרבייטער איז לחלוטין ניט אומשטאַנד אויסצוגעבען עטליכע הונדערט פראַנק אַ יאָהר אויף צו לערנען איין קינד. די איצטיגע שטאָדטלייט זענען נאָך אויך גאַנץ ווייט פונ'ם רעיון, צו מאַכען זייערע קינדער פאַר ערד־אַרבייטער. אַלזאָ, וועט די שול „קרית־ספר“ אינ'ם משך פון די ערשטע עטליכע יאָהר לכל הפחות ליידען מחמת דעם, וואָס איהר וועט פעהלען תלמידים. גאָר אַנדערש וועט אָבער זיין אויב אין אָט דער שול וועט, אַ חוץ די געוועהנליכע למודים, אַריינגעהן אין הוספה־קורס פאַר אַ בעשטימטע גרופּע תלמידים איינִיגע למודים, וואָס האָבען אַ פּראַקטישען כאַראַקטער (קאָמערצישע אַריפמעטיק, האַנדעלס־קאָרעספּאָנדענציע און בוכהאַלטעריע), און אין דער פּראָפעסיאָנעלער הינזיכט וועט, אַ חוץ ערד־אַרבייט, געשאַפען ווערען די מעגליכקייט פאַר עטליכע גרופּען פון די תלמידים צו צוגרייטען זיך סיסטעמאַטיש צו וועלכער ס'איז מלאכה אָדער פאַבריק־אַרבייט. אויף אַזאַ אופן וואָלט די שול שטענדיג געווען איבערפול. בנוגע צום ביודזשעט פון דער שול, האָט מען פאַר דאָס געלד, וואָס ה. בעלקינד האָט צונויפגעקליבען, געקויפט אַ שטיקעל ערד פון 50 דונאַם און מ'האָט אויסגעבויט אַ בנין פאַר עטליכע צעהנדליג תלמידים. אויף דער לעצטער קאָנפערענץ איז בעשלאָסען געוואָרען צו קויפען פאַר נאַציאָנאַל־פאָנד־געלט 1300 דונאַם ערד אין לוד (נעבען דער שול) און אָבגעבען אין אַרענדע די עלטערע קינדער פון די קישיניעווער יתומים. ס'איז אָבער אַ ספק, אויב אָט די יתומים וועלען אויסנוצען די גאַנצע ערד; פאַר זיי וועט זיין גענוג עטליכע הונדערט דונאַם; די איבעריגע

ערד פון נאַציאָנאַל־פאָנד אין לוד וועט מסתמא אָבגעגעבען ווערען אין אַרענדע דער שול „קרית־ספר״. פון אָט דער שטיק ערד וועט די שול האָבען אייגען ברויט, אייגען גרינס און פרוכט און, אפשר, אייגענע מילך־פּראָדוקטען (די נאָהנטקייט פון די בערג שאַפט טאַקי די מעגליכקייט צו פערנעהמען זיך אין לוד מיט שאָף־צוכט); ווייטער, די פּראָפעסיאָנעלע גרופּען וועלען דינען דער שול מיט אייגענער האַנד־ווערקערײַ (קליידונג, שיך, מעבעל א. א. וו.). אויף אַזאַ אופן וועט זיך דער שול־ביודזשעט בעדייטענד פערקלענערען, און ווידער דאָס זעלבע, ביי אַ קליין שכר־למוד מצד די עלטערען און מיט דער הילף פון אַ קליין יעהרליכער סובסידיע מצד וועלכער ס'איז נאַציאָנאַלער אַנשטאַלט, וועט מעגליך זיין צו־צוגרייטען צום לעבען אַ פיינע צאָהל קינדער.

לסוף, דער דריטער אָרט, וואו מ'קאָן פערווירקליכען דעם רעיון פון אַ הוספה־שול—די מעדעל־שול אין יפו, וועלכע עקזיסטירט אויף די מיטלען פון די חובבי־ציון. דאָס איז די איינציגסטע מעדעל־שול אין פּאַלעסטינאַ, וואו די שול־שפּראַך איז העברעאיש און וואו די יודישע למודים פערנעהמען דעם אָרט, וועלכער ס'פּאַסט פאַר זיי. אויף אָט די שול געהט אַוועק אַ בעדייטענדער חלק פונם שול־ביודזשעט פון אַדעסער קאָמיטעט; אין דער שול האָט דאָס קאָמיטעט אַריינגעבראַכט די בעסטע פּעדאַגאָגישע כחות, וועלכע עס האָט נאָר פערמאָגט. מ'קאָן עס אפילו בעטראַכטען פאַר אַנ'איבעריגען לוקסוס מצד דעם קאָמיטעט אויסצוהאַלטען אין איין פאָלקס־שול עטליכע לעהרער פון דער ערשטער מדרגה, וועלכע קאָסטען זעהר טייער, אין דער צייט, ווען יעדער פון זיי וואָלט מיט ערפאָלג געקאָנט פערנעהמען אַנ'אָרט פון אַ דירעקטאָר אין אַ שטאָדט־אָדער אַ דאָרפס־שול. וואָלט דען ניט גלייכער געווען, אַז אין אָט דער שול זאָלען זיין עטליכע לעהרער פון דער צווייטער מדרגה מיט איין ערפאַהרענעם דירעקטאָר בראש, און דאָס, וואָס ס'וואָלט אויף אַזאַ אופן איבערגעבליבען פונ'ם ביודזשעט, זאָל מען פערברויכען אויף איינצואָרדנען האַנדווערקער־קלאַסען ביי דער שול. אין די עלטערע קלאַסען קאָן מען שוין פערברויכען די נאָך־מיטאָג־צייט אויף צו לערנען אַ מלאכה; נאָכ'ן ענדיגען דעם קורס פון די שול־למודים, וואָלטען די קינדער געקאָנט פערבלייבען אויף אַ יאָהר אָדער צוויי ביי דער שול אויף אויסצולערנען זיך פּראַקטיש אַ מלאכה, און אגב וואָלט מען געקאָנט אָרגאַניזירען פאַר זיי אָוועגד־און שבת־פאָרלעזונגען און שמועסען; אַזעלכע פּראָפעסיאָנעלע קלאַסען וואָלטען אויך מיט גרויס נוצען פאַר זיך געקאָנט בעזוכען די אונטערגעוואַקסענע מעדליך פון די אימיגראַנטישע קינדער.

די אויבּענגעבּראַכטע פּונקטען געפינען זיך אין יהודה. בנוגע צו גליל, קומען
נאָך לעת=עתה אַהין, לײַדער, װעניג אימיגראַנטען, און װען דאָס אײַנװאַנדערן
אַהין װעט זיך פערגרעסערן, װעלען זיך די אימיגראַנטען, װי מ׳קאָן משער זײַן,
דערהױפּט בּעזעצען אין די שוין עקזיסטירענדע קאָלאָניעס אָדער ס׳װעלען װערען
נײַע לאַנדװירטשאַפטליכע צענטרען, װאו ס׳איז, געװעהנליך, פאַרהאַן אײגענע
שולען. פון די שטעדט—קאָן נאָר חיפה האָפען אויף אַ בּעדײַטענדע צאָהל אימיג=
ראַנטען אין דער מעהר אָדער װעניג נאָהנטער צוקונפט; נאָר דאָרט װעלען זיך
אָבּער די ערשטע צײַט קאָנען בּעזעצען דערהױפּט מעהר פערמעגליכע מענשען,
װעלכע ס׳װעט ניט שװער זײַן צו שיקען זײערע קינדער אין די אויבּענדערמאָהנטע
גימנאַזיע אין יפו (אָדער אין בירות); פאַר די פערמעגליכע איז פאַרהאַן אויך אַנ=
אַנדער אויסװעג: זײ װעלען קאָנען אײַנלאַדען אַ צװײ=דרײַ לעהרער, ספּעציאַליסטען
אין פערשיעדענע למודים און װעלען געבּען די קינדער אַ גוטע הויז=בּילדונג בּיז
13—14 יאָהר אַלט, און נאַכהער װעלען זײ זײ שיקען אין גימנאַזיע.

אין סיריען פיהלט זיך זעהר די נויטיגקײַט פון אַ הוספה=שול מיט פּראָפּע=
סיאָנעלע גרופּען; דערהױפּט פיהלט זיך עס אין דמשק, װאו די אַרבּײַט פון הונ=
דערטער קינדער װערט פערקױפט דורך זײערע עלטערען פאַר גראָשענס אין די
װערקשטאַטען פון האָלץ און קופּער קריצערײַ און אין די װעבּערײַען; אין דער
לעצטער צײַט הױבּט זיך דאָרט אָן שטאַרק ענטװיקלען אַײזען=בּאַהן=פּראָפּעסיעס
און אין אַ געװיסער מאָס אויך עלעקטראָטעכניק. מיט דער צײַט װעט מען מוזען
מכח דעם ערנסט אַ טראַכט טהון. דאָ אָבּער קאָן איך איבּער דעם ניט מאריך
זײַן, װײַל דאָס װאָלט אַרויסגעגאַנגען פון די גרענעצען פון דעם דאָזיגען איבּער=
בּליק, װעלכער האָט דעם צװעק דער עיקר די נויטיגסטע פאָדערונגען פון די
אימיגראַנטען און מ׳מוז, לײַדער, קאָנסטאַטירען דעם טרויעריגען פאַקט, אַז דער
װײַל איז די אימיגראַציע געריכטעט אויסשליסליך אין יהודה (יפו) און דאָרט
בּלײַבּט זי איבּער.

די אָרגאַניזאַציע און די פיהרונג פון די שול=ענינים אין די אויבּענדער=
מאָהנטע אײגענאַרטיגע הוספה=שולען איז אַ גאַנץ שװערע זאַך; אַװעקצושטעלען
װי ס׳בּעדאַרף צו זײַן די שול=ענינים אין גימנאַזיע איז אויך אַ גאַנץ שװערע זאַך;
נאָר בּײַ אַ שטאַרקען רצון און בּײַם אײַנטײל נעהמען מצד אַלע פּעדאַגאָגישע
כוחות. װעלכע מיר האָבּען אין פּאַלעסטינאַ, איז עס ניט אונמעגליך. דער עיקר,
װאָס ס׳זעהען זיך ניט אַרויס קײַן אַנדערע מיטלען, װאָס זאָלען גיכער און
בּעסער קאָנען בּעפריעדיגען די נויטיגסטע לעבּענס=פאָדערונגען פון די אימיגראַנ=

טען און בכלל פון די שטעדטישע איינוואוינער פון פאלעסטינא, וועלכע ווילען געבען זייערע קינדער א יודיש־נאציאנאלע און, צוזאמען מיט דעם, פראקטישע ביל־דונג און ערציהונג.

ווען אונז וואלט זיך איינגעגעבען מיט אייגענע כחות און מיטלען צו ארגא־ניזירען איינע—צוויי הוספה־שולען, וואלטען מיר האן געקאנט טראכטען מכח דער ווירקונג און דער זעלבער ריכטונג אויף די שולען פון אנדערע חברות אין פא־לעסטינא. די שולען, אויף וועלכער מ'קאן ווירקען אין דער דאזיגער ריכטונג זע־נען פאלגענדע:

א) מקוה ישראל. אט דאס גן־עדן־ווינקעל נעבען יפו (30 מינוט גאנג פון שטאדט איבער ירושלים'ער שאסע) איז א לעבעדיג דענקמאל פון די נאצי־אנאלע שטרעבונגען, וועלכע ס'האבען געהאט די ערשטע גרינדער פון דער „אליאנס". דאס זענען געווען שטרעבונגען פון א פערבארגענעם ציוניזם וועלכער גליהט אין יעדער נאך ניט פערשטיינערטער און אויסגעטריקנעטער יודישער נשמה. יודישע פויערים אויף דער היסטארישער יודישער ערד—אזוי האט כרמיה פערשטאנען איינע פון די הויפט־אויפגאבען פון דער „אליאנס"; נאר אזוי ווי ער האט אין פאלעסטינא ניט געזעהן אזעלכע מענשען, וועלכע זאלען דארויף פעהיג זיין, האט ער פארגעלעגט, אז מ'זאל ערציהען א דור פון ערד־ארבייטער אין א ספעציעל דערויף געגרינדעטער שול. פאר א קלייניקייט האט מען דאן בעקומען א קאנצעסיע אויף א גרויסע שטיק ערד, וועלכע איז כמעט פרייא פון „עשור". ס'איז כדאי דא צו בעמערקען, אז די פארשטעהער פון דער „אליאנס" האבען דאן געהאט א צופאל צוקויפען עטליכע טויזענד דונאם ערד צווישען מקוה־ישראל און יפו, צו 1—2 פראנק פאר א דונאם; אויפ'ן גרעסטען טייל פון דעם דאזיגען שטח זענען איצט פערפלאנצט אפעלסין־גערטנער, וועלכע זענען ווערטה עטליכע מיליאן; א דונאם הוילע ערד אויף דעמזעלבען ארט איז איצט ווערטה צוויי הונדערט רובל און נאך מעהר. נאר די „אליאנס" האט פריהער געוואלט זעהן די רעזול־טאטען פון דער שול־פערמע. אט דער שול האט דער פערשטארבענער נעטטער געווידמעט אלע זיינע יאהרען און דארט איז ער געשטארבען; אויפ'ן שענעם בערגיל אונטערן מאסיווען מראמאר־דענקמאל, וועלכעס איז ארומגעצוימט מיט א שען־אייזערנעם צוים און מיט שאטענ־ווארפענדיגע בוימער, איז צוזאמען מיט נעטטער'ן בעגראבען און צופוילט געווארען די נאציאנאלע אידעע פון דער שול. צו יענער צייט זענען שוין ניט געווען די ערשטע גרינדער פון דער „אליאנס"; דאס ברייטע פראגראם פון דער חברה איז פערקירצט געווארען ביז דער מדרגה פון

אַ חברה מפיצי־השכלה צווישען די יודען פון מזרח און צפון־אַפריקאַ; אין די שולען פון דער „אַליאַנס״ האָט אָנגעהויבען הערשען דער פראַנצויזישער גייסט. מקוה־ישראל איז אויך פערוואַנדעלט געוואָרען אין אַ פראַנצויזישע שול, און די תלמידים, וואָס פלעגען ענדיגען די שול, פלעגט מען שיקען נאָך פאַריז. די וואָס פלעגען ענדיגען אַוועלכען ס'איז קורס אין פאַריז פלעגען קריגען לעהרער־שטעלעס אין די שולען פון „אַליאַנס״ און נאַכהער אויך שטעלעס פון אַדמיניסטראַטאָרען אין ראָהט־שילד'ס און „יקא'ס קאָלאָניעס. בנוגע צום ערשטען רעיון וועגען פראָפעסיאָנעלע ערד־אַרבייטער, זענען נאָר עטליכע שלימ'מזל'ניקעס אָנגעקומען אין די יודישע קאָלאָניעס. מצד דער „יקא״ איז געמאַכט געוואָרען אַ ניט־געלונגענער נסיון, צו קאָלאָניזירען 15 מענשען אויפ'ן אינזעל ציפר; אַ מענדע האָבען זיך מיט עטליכע יאָהר צוריק, איינגעאָרדענט אַ צעהן פון מקוה'ער תלמידים (דאַכט זיך ניט אַלע האָבען געענדיגט די שול) אַלס אַרענדאַטאָרען אויף דער ערד פון יקא אין סער־זשערע. סוף כל סוף, אונטער'ן איינפלוס פון די איבערגעבראַכטע רעזולטאַטען, האָבען זיך די תלמידים פון מקוה איבערצייגט, אַז כדי צו קריגען אַ שטעלע פון אַ לעהרער אָדער פון אַנ'אַדמיניסטראַטאָר איז לגמרי ניט נויטיג צו פטר'ן 5—6 יאָהר אין אַ ספּעציעל נידעריגער לאַנדווירטשאַפטליכע שול און אַז קריגען ערד אויף אַרענדע ביי דער „יקא״ קאָן יעדער געזונדער און אַרבייטס פעהיגער בחור, וואָס האָט ניט געענדיגט קיין שום ספּעציעלע שול. די תלמידים האָבען אָנגעהויבען אַוועקוואַרפען די שול; אָנשטאָט די געוועהנליכע צאָהל, צוויי הונדערט, איז איצט אין דער שול איבערגעבליבען בסך הכל 50 און דאָס אויך וואַקלענדיגע תלמידים.

אונטער'ן איינפלוס פון אַזאַ „תלמידים־קריזיס״, קאָן זיין, אַז די „אַליאַנס״ וואָלט מרוצה געוואָרען, צו רעפאָרמירען אָט די שול אין דעם זין, אַז מ'זאָל דאָרט אָרגאַניזירען לעהר־און פראַקטישע למודים פאַר אַנדערע פראָפעסיאָנעלע גרופען. דאָס וואָלט צוציהען פיעל תלמידים פון דער נעבען־שטאָדט יפו און פון די נאָהענטע קאָלאָניעס.

ב) די שול פון דער „אַליאַנס״ אין ירושלים. אָט די שול איז די רייכסטע פון אַלע יודישע שולען אין פּאַלעסטינאַ; דאָס איז דער פאַר פון אַלע יודישע נחלות אין ירושלים. אויף אַ ברייטען פּלאַץ פון 10 דונאַם אין'ם צענטר פון דער נייער שטאָדט אין ירושלים זענען אויסגעבויט אַ צעהנדליג בנינים פאַר לעהר־קלאַסען, וואַרשטאַטען און אַנ'אינטערנאַט. אין'ם הויפט דריי־גאָרענדיגען בנין, וואָס איז געבויט געוואָרען אויף באַראָן הירש'ס מיטלען (300 טויזענד פראַנק), געפינען זיך ביז 25 קלאַסען־צימערן, יעדער קלאַס איז אויסגערעכענט אויף 40 תלמידים

און צעהן גרויסע זאַלען אויף עס־צימערן און אויף פערברײנגען בעת די הפסקות. אין דער איצטיגער צײַט איז נאָר אַ טײל פון אָט דעם גרויסען בנין פערנומען מיט קלאַסען פון אַנאָנפאַנגס־שול און אַ קינדער־גאָרטען (בסך הכל ביז פינף הונדערט קינדער); די איבעריגע קלאַסען שטעהען לעדיג. אין די וואַרשטאַטען זענען פאַרהאַן פאָלגענדע אָבטײלונגען: אַ וועבערײַ, אַ פאַרבערײַ, אַ שלעסאַר־מעכאַנישע און טאָקאַר־סקולפּטורישע אָבטײלונגען פאַר מענער און אויך אַנ־אָבטײלונג פאַר האָהר־אַרבײַט, וואו ס'אַרבײַטען מײדלעך. אין די אַלע אָבטײלונגען אַרבײַטען העכער פון 200 מענשען, דאָס רוב אָרטליכע בעלי־מלאכות, וואָס אַרבײַטען פאַר אַבעשטימטען מקח פון שטיק, פון טאָג אָדער פון חודש; נאָר אַ קלײנער טײל פון זײ זענען געוועזענע תלמידים פון אַוועלכער ס'איז אַליאַנסער שול אין מזרח. זײ געהען דאָ דורך צוזאַמען מיט אַ מלאכה אַ הוספה־קורס איבער צײכנען און מאָלען; פאַר תלמידים פון אַנדערע שטעדט איז דאָ פאַרהאַן אַן אינ־טערנאַט, וועלכער קאָן אַרײַננעהמען ביז 50 תלמידים און איז שטענדיג איבער־פול. אָט די תלמידים בעקומען דאָ, ווי אין אַלע אַנדערע שולען פון דער „אַליאַנס", אַזאַ „פאַרבערײַטונג", אַז דאָס רוב פון זײ פאָהרט אַוועק פון פּאַלעסטינאַ.

ס'קאָן זײַן, אַז ווען מיר עפענען אַ הוספה שול, וואָלט עס אַרויסגערופען אַ חשק בײַ דער אַדמיניסטראַציע פון דער אַליאַנס שול, צו פערגרעסערן די צאָהל פון די פראָפעסיאָנעלע אָבטײלונגען און צו צוגעבען זײ אַמעהר לעהר־כאַראַקטער אײדער אַ האַנדעלס כאַראַקטער. די שול האָט דאָך שוין איצט אַרײַה גוט אײַנגעאָרדענטע וואַרשטאַטען און געניג פרײַע בנינים פאַר הוספה האַנדווערקער־קלאַסען, פאַר קלאַסען־למודים און אויך אויף צו פערגרעסערן דעם אינטערנאַט. בײַ אַ לפי־ערך ניט פיעל פערגרעסערטען שול ביודזשעט און בײַ אַקלײנעם שכר־למוד מצד די עלטערען, אויף וואָס פיעל פון די אימיגראַנטען וואָלטען גערן מרוצה געוואָרען, וואָלט די צאָהל פון די תלמידים און פון די האַנדווערקער־קלאַסען געקאָנט פערגרעסערט ווערען אין צווײַען און אפשר טאַקי אין דרײַען. און אַז מיר וועלען נאָך סובסידירען אַצוויי־דרײַ לעהרער פון יודישע למודים, וועלען דאָ, ווי אין מקוה־ישראל, ערגרײכט ווערען די בעסטע רעזולטאַטען בנוגע צו דער נאַציאָנאַלער ערציהונג.

ג) **די לעמעל־שול אין ירושלים.** בײַ אָט דער שול האָט דער הילפס־פעראײן געעפענט צוויי הוספה קלאַסען פאַר די תלמידים, וואָס האָבען געענדיגט די שול און וועלכע מ׳וויל צוגרייטען פאַר לעהרער. אויב דער נאָמען לעהרער־סעמינאַריום, מיט וועלכען מ'רופט אָן אָט די צוויי קלאַסען, איז אַ צו־גרויסער פאַר

קלאַסען, וואו 14--15 יעהריגע יונגלעך געהען דורך דעם קורס פון 5=טען און 6=טען קלאַס פון אַ זעקס=קלאַסיגער רוסישער שטאַדט=שול בערך; אויב ס'איז בכלל שווער צו וויסען אויף וויפיעל אַ 14–15 יעהריגס יונגעל וועט טויגען צו זיין אַ לעהרער, וואָס פאָדערט בעוואוסטע נאַטור=פעהיגקייטען, וועלכע בעווייזען זיך ערשט אין דער מעהר עלטערער ענטוויקלונג פונ'ם יונגעל—איז אָבער דער עצם רעיון מכח הוספה=קלאַסען זעהר אַ ריכטיגער. אונטער דער ווירקונג פון די לעבענס=פאָדערע=רונגען, נאָך מעהר, אויב אונזער נסיון אין אָט דער הינזיכט וועט זיין געלונגען, וועט דער „הילפס=פעראיין", בלי ספק, פערגרעסערן און איבערבייטען די הוספה=קלאַסען, אַריינגעהמענדיג אין זייער פּראָגראַם אויך אַנדערע למודים און פּראָפּע=סיעס, וואָס האָבען אַ פּראַקטישע וויכטיגקייט.

ד) אין ירושלים איז פאַראַן אַ יודישע שול, וואו די קינדער, צוזאַמען מיט לייענען און שרייבען, לערנען זיך מוזיק, פלעכטען פון שטריקלעך און שטרוי און בערשטיל=אַרבייט. ליידער איז עס אַ שול פאַר בלינדע; די זעהענדיגע קינדער פון פּאַלעסטינאַ האָבען נאָך ניט דאָס גליק צו בעקומען פּראָפעסיאָנעלע בילדונג. נאָר אויב די בלינדע קינדער מאַכען גרויסע פאָרשריט, וואָס זשע פאַר אַ רעזול=טאַטען וואָלט מען שוין געקאָנט ערהייכען פון געזונדע קינדער.

צום סוף וויל איך אָנווייזען, אַז מיטעל=און הוספה=שולען וואָלטען אינדרע=רעקט געווירקט אויף צו רעגולירען דאָס פּראָגראַם אין די שוין עקזיסטירענדע אָנפאַנגס=שולען אין פּאַלעסטינאַ; די לעצטע וואָלטען ביסליכוויז געזעהן צו צופּאַ=סען זייערע פּראָגראַמען צו די פאָדערונגען פון די הוספה שולען און פון דער גימנאַזיע.

די ווייטערדיגע פאָלקס־בילדונג.

פון דעם, וואָס ס'איז געזאָגט געוואָרען וועגען די פּאַלעסטינער שולען איז צו זעהן, אַז אין בעסטען פאַל קאָנען זיי בעפרידיגען די פאָדערונגען פון די קינדער ביז 15–16 יאָהר אַלט. בנוגע צו די עלטערע קינדער, וועלען נאָר די מעהר פערמעגליכע קאָנען ענדיגען דעם קורס אין דער יודישער גימנאַזיע און נאָכהער אַוועקפאָהרען אין אַנ'אויסלענדישע אוניווערזיטעט אָדער אָנקומען אויף די מעדי=ציניש און פאַרמאַצעווטישע קורסען אין בירוט; אַ קליינע צאָהל טאַלאַנטפאָלע יונגע לייט וועלען קאָנען אָנקומען אויף די העכערע קורסען פון „בצלאל". די הויפּט=מאַסע אָבער פון דעם אונטערוואַקסענדען דור וועט מוזען פערפאָלקאָמען

אִיהרֶע קֶענטנִישֶען און עֶנטוויקלונג מִיט דעֶר הִילף פון קורסֶען, פאָלקס־פאָרלעֶזונגעֶן, בִּיבּלִיאָטהעֶקעֶן און צײַטונגעֶן. איִיבּ אָט די מִיטלעֶן פון פאָלקס־בִּילדונג פונקציאָנִירט נִיט צופעֶלִיג, נאָר סִיסטעֶמאַטִיש און ווערט געֶפִיהרט לויט אַ בּעֶשטִימטעֶן פּלאַן, אִיז עֶס. אִין תּוֹך געֶנוּמעֶן, די זעֶלבּע שול, נאָר אָהן דעֶר בּלִינדעֶר דִיסציפּלִין, ויעֶלבּעֶ אִיז אונפעֶרמײַדלִיך אפילו אִין דער בּעֶסטעֶר קִינדעֶר־שול — דאָס אִיז אַ פרײַעֶ פאָלקס־שול אִינ׳ם פולעֶן זִין פון דעֶם וואָרט.

די פראַגעֶ פון אַזאַ מין בִּילדונג אִיז נִיט קײַן פראַגעֶ פאַר׳ן עתיד, פאַר די אונטעֶרוואַכסעֶנדע אִימִיגראַנטִישעֶ קִינדעֶר, נײַן, דאָס אִיז אַ בּרעֶנעֶנדִיגעֶ פראַגעֶ פונ׳ם אִיצטיגעֶן מאָמעֶנט, ווײַל אַ בּעֶדײַטעֶנדעֶ צאָהל פון די אִימִיגראַנטעֶן זעֶנעֶן נאָך יונגעֶ לײַט, ויעֶלכעֶ האָבּעֶן נאָך נִיט געֶעֶנדִיגט זײַער בִּילדונג. אִין בּכלל אַזוינעֶ מעֶנשעֶן, ויעֶלכעֶ ווִילעֶן נאָך פעֶרפאָלקאָמעֶן זײעֶרעֶ קעֶנטנִישעֶן. דאָ אִיז נאָך פאַרהאַן אָט די מעלה, וואָס די אָרטִיגעֶ אַרבּײַטס־תנאים שאַפעֶן די מעגלִיכקײַט נִיט נאָר פאַר די בעלי־בתּים, נאָר אויך פאַר די אָנגעֶשטעֶלטעֶ, לעֶהר־יונגלעך און אַרבּײַטעֶר, איִיבּ מִיוּויל נאָר, אָבּ צו געֶבּעֶן זִיך עֶטלִיכעֶ שעה אִין טאָג מִיט גײַסטלִיכעֶר אַרבּײַט; דעֶר אַרבּײַטס־טאָג אִין שטאָדט געֶדויעֶרט נִיט מעֶהר ווי 11—12 שעה, דעֶרִין מוז זײַן בּײַ טאָג אַ הפסקה אויף צווײ שעה; די אַרבּײַט אויף די פעֶלדעֶר אִיז נִיט מעֶהר ווי 8 שעה אִין טאָג.

נאָר לאָמיר זִיך אומקעֶהרעֶן צו פעֶרשִיעדעֶנעֶ אָבּטײלונגעֶן פון אָט דעֶם מין פאָלקס־בִּילדונג.

א) קורסען. אויפ׳ן עֶרשטעֶן פּלאַן שטעֶהעֶן די קורסעֶן אויף אויסצולעֶרנעֶן די שפּראַכעֶן. נִיט קאָנעֶנדִיג די אַראַבִּישעֶ שפּראַך, פִיהלט זִיך הִילפלאָז אויף יעֶנעֶר זײַט פונ׳ם יודִישעֶן קיואַרטאַל אפילו דער פעֶהִיגסטעֶר און עֶנעֶרגִישעֶר אִימִיגראַנט. און אַזוי ווי אונזעֶר פעֶרזעֶנלִיכעֶ און נאַציאָנאַלעֶ אִינטעֶרעֶסעֶן פאָדעֶרעֶן, אַז מִיר זאָלעֶן זִיך נִיט פאַרשלִיסעֶן אִין אַ געֶטהאָ, נאָר מִיר זאָלעֶן אַרײַנדרִינגעֶן אִין אַלעֶ ווִינקעֶלעֶך פון לאַנד, מוזעֶן דעֶרום די אִימִיגראַנטעֶן שטרעֶבּעֶן אויסצולעֶרנעֶן זִיך וואָס גִיכעֶר די אַראַבִּישעֶ שפּראַך. אויבּעֶן אִיז שוין אָנגעֶווִיזעֶן אויף די פּאָלִיטִישעֶ בּעֶדײַטונג פון קאָנעֶן די שפּראַך, נעֶמלִיך, דאָס נִיט פעֶרשטעֶהן אײנאַנדעֶר דעֶרוועֶקט אַנ׳אונצוטרוי צווִישעֶן דער אָרטלִיכעֶר בּעֶפעֶלקעֶרונג און די אִימִיגראַנטעֶן. פון דעֶמזעֶלבּעֶן שטאַנדפּונקט אִיז צו זעֶהן, ווי גרויס ס׳אִיז די פּראַקטִישעֶ נויטִיגקײַט צו קאָנעֶן די העֶבּרעֶאִישעֶ שפּראַך; דאָס נִיט פעֶרשטעֶהן אײנאַנדעֶר שטעֶרט דעֶם פרײַעֶן פעֶרקעֶהר אִין דעֶם אחרות פון די פעֶרשִיעֶדעֶנעֶ טײלעֶן פונ׳ם אָרטלִיכעֶן יודעֶנטום; ס׳מאַכט אַ שרעֶקלִיך טרויעֶרִיגעֶן אײַנדרוק,

ווען אויף אַ קליין יודישער פערזאַמלונג צו טיילען זיך די פערזאַמעלטע אויף בעזונדערע גרופּעס, וועלכע רעדען אויף פערשידענע שפּראַכען און בלייבען אונפערשטענדליך און פרעמד איינאַנדער. און פערקעהרט מיט די ספרדים און מיט די אַראַבישע יודען איז די העברעאישע שפּראַך אַנ'אומגאַנגס-שפּראַך, אויף וועל-כער דער גרעסטער רוב פון זיי רעדט נישקשה. אַ דאַנק דעם, לערנען זיך אויס די ניי-אָנגעקומענע די העברעאישע שפּראַך לפי-ערך לייכט און גיך. כ'מוז דאָ בעמערקען, אַז די וואָס קאָנען העברעאיש, לערנען זיך לייכטער אויס די אַראַבי-שע שפּראַך, און ס'איז טאַקי צוועקמעסיגער צו לערנען צוזאַמען די ביידע עהנ-ליכע איינאַנדער שפּראַכען. אַמענדע אין פערקעהר מיט די אייראָפּעער און איי-ראָפּאַ (דער עיקר אין דער מסחר-וועלט) מוז מען קאָנען איין אייראָפּעאישע שפּראַך, דערהויפּט די פראַנצויזישע, וועלכע ווערט געברויכט מעהר פון אַלע אַנדערע אייראָפּעאישע שפּראַכען אין גאַנצען מזרח.

אין יפו איז פאַראַיאָהרען ווינטער, אַ דאַנק אַ פּריוואַט-איניציאַטיווע, געמאַכט געוואָרען אַ פערזוך, צו אָרגאַניזירען קורסען אויף צו לערנען די אימיגראַנטען שפּראַכען; די רעזולטאַטען זיינען געווען לפי-ערך גוטע. ס'וואָלט זייער צוועקמיסיג געווען, ווען אויף אַזוינע קורסען זאָל מען אויך לערנען קאָמערציעלע קאָרעספּאָנדענץ און בוכהאַלטעריע; דאָס וואָלט געשאַפט די מעגליכ-קייט פאַר איינינע פון די אידעאַלע יונגע לייט צו צוגרייטען זיך, צו פערנעהמען אַ וועלכע ס'איז שטעלע אין איינער פון אונזערע באַנק-אָבטיילונגען אין פּאַלעס-טינאַ, מיט דעם פערזיכערן זיך דאָס קיום און די איבעריגע צייט אָבגעבען דער כלל זאַך.

מ'פערזיכערט, אַז אין פּאַלעסטינאַ וואָלטען געהאַט אַ גרויסען ערפאָלג ספּע-ציעלע קורסען פון צייהן-היילען און פעלדשעריי, ווען בראש זיי וואָלטען זיך גע-שטעלט ספּעציאַליסטען און איבערגעגעבענע מענשען, אַזוי ווי פּראָפעסאָר שאַץ האָט זיך אין גאַנצען איבערגעגעבען צו „בצלאל“.

ב) פאָלקס-פאָרלעזונגען. אַחוץ פאָרלעזונגען איבער אַלגעמיינע-בילדונגס-למודים, וועלכע פּראַקטיקירען זיך אין אַנדערע לענדער, איז פאַר די אימיגראַנטען בעזונדערס נויטיג די פאָרלעזונגען איבער פאָלגענדע ענינים:

1) די סאַניטאַרע תנאים פונ'ם לאַנד. ס'איז איבעריג מאריך צו זיין איבער דעם, אויף וויפיעל פאַר די ניי-אָנגעקומענע איז נויטיג וואָס גיכער צו בעקאָנען זיך נעהנטער מיט די קלימאַטישע תנאים, מיט די אייגענשאַפטען פון די פערשידענע שפּייז פּראָדוקטען, ווי צו בעגעהן זיך מיט די קליידער און שיך

אין פאַלעסטינאַ, וועלכע זענען גאַנץ אַנדערש ווי די, וואָס אין די ערטער פון וואַנען די אימיגראַנטען קומען־אָן, מיט בוי פון דער אויבער פלעכע און דער עיקר מיט דעם, וואָס איז שייך צום ים התיכון, וועלכער האָט אַ שטאַרקע ווירַ־קונג אויף די קלימאַטישע תנאים פונ'ם גאַנצען ים־קאַנט. איך וויל דאָ נאָר דאָס מוסיף זיין, אַז ס'איז נויטיג וואָס עפטער צו דערמאָהנען דער גאַנצער יודישער בעפעל־קערונג מכח דער נויטיגקייט צו האַלטען ריין דעם גוף, די דירה, דעם הויף, די ציסטערנע און אפילו די טיילען גאַס פאַר דער שטוב.

2) **די עקאנאמישע תנאים פונ'ם לאַנד.** ווען מ'קוקט זיך צו צו דעם, וואָס די יודען האָבען ביז אַהער אויפגעטהון און וואָס זיי האָבען ניט אויפגעטהון אין פאַלעסטינאַ און אין איהרע נאָהנטע סביבות, האַפּט אָן אַפּערדרום, זעהענדיג, ווי מ'אינטערעסירט זיך ניט צו וויסען די אָרטליכע תנאים. די ערטער פאַר די קאָלאָניעס, פאַר מסחר און בעשעפטיגונגען זענען אויסגעקליבען גאַנץ צופעליג אָדער לויט אַקאַפּריז. נאָר אָט דאָס גענגיאַלע עם־הארצות איז די סבה פונ'ם גרעסטען רוב פון אונזער „אונגעלונגענהייטען" אין פאַלעסטינאַ; נאָר אָט דאָס איז די סבה פון דעם חרפה'דיגען פאַקט, וואָס קיינער פון דיא גבירים, אפילו פון די הויפּט־טהוער פון חבת ציון און ציוניזם לעגען ניט אַריין זייערע קאַפּיטאַלען אין פאַלעסטינאַ; נאָר דער באַראָן האָט געקאָנט פטר'ן עטליכע צעהנדליג מיליאָן אויף צופריעדענצושטעלען די קאַפּריזען פון זיינע אַדמיניסטראַטאָרען, געוועהנליכע מענשען אָבער וויסען דעם ווערטה פון זייערע קאַפּיטאַלען און רוקען זיי ניט אַריין אין וועניג פאַר זיי בעקאַנטע ערטער. ס'איז נויטיג, אַז, לכל הפחות, די, וואָס זענען שוין געקומען קיין פאַלעסטינאַ, זאָלען וויסען וועגען איהרע נאַטור־אוצרות, וועגען די תנאים פון עקספּאָרט און אימפּאָרט, וועגען די מלאכות און מסחרים, וועלכע האָבען שוין אָדער קאָנען האָבען אַנ'אָרט אין איצטיגער צייט אין דעם אָדער יענעם פונקט. נאָר דאָס בעקאַנט־זיין מיט די עקאָנאָמישע תנאים פונ'ם לאַנד צו זאַמען מיט'ן פּערזענליכען אינטערעס וועט ענטוויקלען דיא ענערגיע פון דער יודישער בעפעלקערונג אַזוי, דאָס זי וועט אריינדרינגען אין אַלע ווינקעלעך פון לאַנד, זי וועט בעשאַפען נייע צווייגען פון אַרבייט און אינדוסטריע און וועט פערנעהמען אַנ'אָנגעזעהענעם אָרט אין דער אויפבליהונג פון איהר אַלט־נייעם פאָטער לאַנד.

3) **די געזעצגעבונג פונ'ם לאַנד.** די נויטיגקייט, אַז יעדער אימיגראַנט זאָל האָבען האָטש אַן עלעמענטאַרע השגה וועגען דער טערקישער ערד און בירגערליכער געזעצגעבונג איז אַזוי גרויס, און דער רעיון וועגען דעם איז אפילו

צווישען די ציוניסטען אַזוֹי ניט פערשפּרייט, אַז מכח דעם וועט מען מוזען רעדען אין אַ בעזונדערן אַרטיקעל. דאָ וועל איך נאָר אָנווייזען אויף פאָלגענדע אומשטאַנדען: די טערקישע געזעצגעבונג איז גאַנץ ווייט ניט אַזוֹי ווילד, ווי מיר שטעלען זיך עס פאָר; נאָר די אַדמיניסטראַציע, אויסנוצענדיג דאָס עם-הארצית פון דער אָרטליכער בעפעלקערונג, איז געוואוינט צו מיסברויכען מיט איהר מאַכט. געניטע און ענערגישע לייט אָדער גרופּעס קאָנען פערטיידיגען די געזעצליכע רעכט פון זייער פערזאָן און פערמעגען; די אויסלענדער, וועלכע זענען דאָס רוב אַהער געקומען אלס פיאָנערען מיט אַ פּאָליטישען אָדער רעליגיעזען צוועק, גרופּירען זיך, געוועהנליך, אַרום זייערע קאָנסולען און אונטער זייער שוץ. די יודישע שטעדטישע און דאָרפישע קהלות זענען אָפט צוזאַמענגעשטעלט פון אָרטליכע און אויסלענדישע אונטערטאַנען מיט בעזונדערע ספּעציעל עקאָנאָמישע און קולטורעלע אינטערעסען. יעדע ווענדונג נאָך הילף אין דרויסען איז זעהר אַ פערוויקעלטער אַקט, און אָפטע קאָנפליקטען זענען לחלוטין פאַר אונז קיין מעלה ניט. אונזער כח דאַרף בעשטעהן גיכער פון אַלץ אין דער מאָראַלער ווירקונג פון די יודישע קהלות, וועלכע האָבען שוין איצט אין טערקיי געוויסער מאַסען אויטאָנאָמיע; נאָר דערויף מוזען די יודישע קהלות זיין בעוואָפענט מיט גענוג קענטנישען און דורכגעדרונגען מיט'ן בעוואוסט זיין פון זייערע רעכט און התחיבות. אָהן אַקלאָרער פאָרשטעלונג וועגען זייערע פערזענליכע און פערמעגענס-רעכט פיהלען ניט, בעזונדערס די אימיגראַנטען, קיין האַרטען באָרען אונטער זיך, זיי וואַקלען זיך, האָבען מורא צו בעזעצען זיך ווי געהעריג און דער רוב פון זיי פערלאָזט טאַקי דאָס לאַנד.

פאָלקס-ביבליאָטהעקען.

פון אַלעם דעם, וואָס ס'איז געזאָגט געוואָרען וועגען שולען, קורסען און פאָלקס-פאָרלעזונגען איז צו זעהן, אַז אונז איז נויטיג צו האָבען אין פּאַלעסטינאַ אַ גרופּע געלעהרטע כפּעציאַליסטען, וואָס זאָלען זיין די אָנפיהרער פון דער פאָלקס-בילדונג. לײַדער טהוען נאָך אונזערע געלעהרטע, אפילו פון די ציוניסטען און חובבי ציון, אונזערע קאַפּיטאַליסטען און האַלטען פאַר זיך גלייכער און ניצליכער אַריינ-צולייגען זייערע וויסענשאַפטליכע קאַפּיטאַלען אין אַ וועלכען ס'איז קולטורעלען צענטר אין אייראָפּאַ אָדער אין אַמעריקאַ, איידער צו בעזעצען זיך אין דער ווילדער אַזיען און אַרבייטען דאָרט אונטער דער ענטוויקלונג פון אַ נייער קולטור. אַ

מאָל שענקען ווי אונז פון דערוויַיטענס מיט פראָיעקטען, וועלכע פּאַסטען זיך ווייניג פאַר די אָרטליכע תנאים. אין בעסטען פאַל קאָמפּראָמעטירען אָט די פראָיעקטען און אונטערנעהמונגען די וויסענשאַפטליכע מדרגה פון זייערע מחברים, און אין ערגסטען פאַל שטערען זיי דער צוועקמעסיגער פּראַקטישער אַרבייט אין פּאַלעסטינאַ.

ביי דער אָרימקייט אין געלעהרטע כחות אין פּאַלעסטינאַ, ביים פעהלען די הילף פון אַ קאָמפּעטענטען לעבעדיג וואָרט, וואָלט האָטש געקאָנט דינען פאַר אַ שטאַרקע תמיכה דאָס געדרוקטע וואָרט—ביכער אין די פאָלקס־ביבליאָטהעקען. נאָר אין דער הינזיכט אפילו האָבען מיר, לײדער, אַרויסגעוויזען אונזער גאַנצע עניות; אין פּאַלעסטינאַ איז ניט פאַרהאַן קיין איין רעכטע ביבליאָטהעק, פון וואַנען מ׳זאָל קענען שעפּען קענטנישען.

מ׳קאָן דאָך ניט אָנרופען קיין פאָלקס־ביבליאָטהעקען יענע צעהנדליגער ביכלעך, וועלכע געפינען זיך ביי דער אָדער יענער שול. מעהר אָדער ווייניגער פאַרדיענען דעם נאָמען די קהל׳שע ביבליאָטהעקען אין ירושלים און יפו. לאָמיר זיי בעטראַכטען נעהנטער, אויף וויפיעל זיי זענען צוגעפּאַסט צו די נויטיגסטע פאָדערונגען פון דער אָרטליכער בעפעלקערונג בכלל און פון די אימיגראַנטען בפרט.

די נאציאנאלע ביבליאטהעק אין ירושלים. אָט דער קלינגענדער נאָמען קלינגט שוין פון אַ יאָהר צעהן אין אונזער וועלטיל; דער דאָזיגער ביבליאָטהעק און איהר הויפּט־איניציאַטאָר, ד״ר האַזאַנאָוויטש, לייענט מען תהלות ותשבחות אויף אַלע גרויס״ צייוניסטישע פערזאַמלונגען, אין פיעל יודישע צייטונגען פיגורירען בעזונדערע רובריקען, וואו ס׳ווערען פערצייכענט די גראָשענע נדבות פון פּריוואַטע לייט און ציוניסטישע אגודות לטובת אָט דער „נאַציאָנאַלער" אַנשטאַלט. וועגען דער דאָזיגער ביבליאָטהעק ווערט גערעדט אויף אַלע ציוניסטישע קאָנגרעסען, וואו איינשטימונג ווערט בעשלאָסען איהר צו געבען (נאָר ניט שטענדיג ווערט איינגעצאָהלט) אַ שטיצע פון צוויי טויזענד פראַנק. דורך דעם זענען נאָך טראַגי־קאָמישער די רעזולטאַטען פון אָט דער שרייענדער אונטהעטיגקייט. אין צוויי ניט זעהר קיין גרויסע זאַלען, וועלכע געפינען זיך אין׳ם בנין, וועלכער פערנעהמט ניט מעהר ווי אַ דריט חלק פון דעם, וואָס איז אויסגעמאָלט אויף די אַנזיכטס־קאַרטען מיט׳ן אונטער שריפט: „נאַציאָנאַלע ביבליאָטהעק" און וועלכער איז אויסגעבויט געוואָרען דורך אַ פילאַנטראָפּישע אַנשטאַלט מיט דער הילף פון אַ הלואה ביי אַ פּריוואַטע פערזאָן—געפינען זיך, אַ טייל נאָך ניט

אויסגעפּאַקעוועטע, ווייַל ס׳פּעהלען שראַנקען, די ביכער, וועלכע זענען בכמות ניט מעהר פון אַ רעכטע פּריוואַטע ביבליאָטהעק און באיכות פאַסטען זיי פאַר אַהיס־טאָרישען אַרחיוו אָדער פאַר אַ מוזעאום, נאָר גאַנץ ווייַט ניט פאַר אַ נאַציאָנאַלע ביבליאָטהעק. ס׳איז גענוג אָנצוּווייַזען אויף דעם פאַקט, אַז איהר קאָנט דאָרט געפינען העכער פון 150 עקזעמפּלאַרען „הגדות של פסח" פון פערשיעדענע אויס־גאַבען, נאָר איהר קאָנט דאָרט ניט געפינען אַ געוויעהנליך נייַ־יודיש ביכעל; נאָך ווייניגער קאָנט איהר האָפען צו געפינען דאָרט אַ ברייטע וויסענשאַפטליכע העבראַאיקאַ אָדער אַ ליטעראַטור איבער פּאַלעסטינאַ. די יודען, וועלכע אַרבייטען אין אָט די ספּעציאַליטעטען, געפינען די נויטיגע ביכער אין נייַן פעלען פון צעהן און די ביבליאָטהעקען פון די פערשיעדענע קריסטליכע מיסיאָנען. און וואָס איז עס פאַר אַ וואונדער: דער הויפּט און כמעט דער איינציגער טהוער אויף צונויפצו־קלייַבען די ביכער, ד״ר חאַזאַנאָוויטש, זאָגט אָפען, אַז ער סטאַרעט זיך צו קויפען יענע ביכער, וועלכע קאָנען מיט דער צייַט פערלאָרען ווערען; ער אַרבייַט, אַלזאָ, כמעט אויסשליסליך פאַר אַנ׳אַרחיוו און מוזעאום, וועלכע זענען אונז זעהר נוציג און נויטיג, נאָר ניט פאַר אַ ביבליאָטהעק אין׳ם דירעקטען און פּראַקטישען זין פון׳ם וואָרט. אונזערע געלעהרטע ביבליאָגראַפען אינטערעסירען זיך זעהר ווייניג מיט דער דאָזיגער „נאַציאָנאַלער" אַנשטאַלט; ניט אַלע יודישע מחברים, רעדאַקטאָרען און הערויסגעבער שיקען אַהין זייערע חבורים; אויף צו קויפען ביכער קומען אָן גראָשענס. ווי אַזוי זשע קאָן ביי אַזעלכע תנאים זייַן אַ רעכטע, ניט נאָר אַנאַציאָנאַלע, ביבליאָטהעק. מיט נוצען פאַר זיך קאָן דאָ פערברייַנגען אַ שעה אָדער צוויי אַ דורכפאָהרענדער טוריסט, וועלכער קאָן דאָ בעטראַכטען די שערי־בלעטער פון אַלטע אויסגאַבען און קינסטלערישע אַרבייַט איף עטליכע היסטאָרישע בילדער, אויף פּרוכת׳ן און אויף אַנדערע אַלטע שוהל־כלים; מיט אַ פערביטערט האַרץ און מיט יראת הכבוד קאָן ער אָבשטעהן אַ פיערטעל שעה פאַר שטיקלעך פון ספרי־תורות, איינגעריכטע אין בלוט און קייט, פאַר׳ן צעטיל און פאָטאָגראַפישע בילדער פון די פּאַגראָם „קדושים"... אָט דאָס גאָר קאָן די בעשריעבענע אַנשטאַלט געבען אַלס אַרחיוו און מוזעאום. בנוגע אָבער צום לייענען ביכער, איז... דער אָרטליכער ירושלים׳ער לעזער, דער האַלבער משכיל פון די חלוקה׳ניקעס, קאָן נאָך ווי ס׳איז בעפרידיגען מיט דער דאָזיגער ביבליאָטהעק זייַנע קלייַנע בעדערפנישען: ער קוויקט זיך מיטין לשון פון מאַפּו׳ס „אהבת־ציון", מיט סמאָלענסקי׳ס „התועה בדרכי החיים", ער קאָן אויך געפינען אַנ׳ענטדעקונג אין „כוזרי" און אין מורה־נבוכים" פון די אַלטע אויסגאַבען. אָבער דער ענטוויקעלטער אייראָפּעאישער יוד דאַרף ניט

האָפען, אַז ער וועט קאָנען בעפריעדיגען זײַנע מעהר גרעסערע פאָדערונגען אין אונזער הויפט־פּאַלעסטינער ביבליאָטהעק, וואו, אַ חוץ אַלעמען, זענען נאָך די אָנגעשטעלטע ניט אויף זייער אָרט, און דעריבער זענען נאָך די ביכער ניט צושטעלט ווי ס׳בעדאַרף צו זײַן און ס׳איז גאָך נישטאָ קײַן סיסטעמאַטישער קאַטאַלאָג.

יפו׳ער ביבליאטהעק. אָט די ביבליאָטהעק האָט אַמעהר פּראַקטישען און אַמעהר הײַנטוועלטיגען האַראַקטער, ווײַל דער יסוד פון איהר איז געווען מיט 16 יאָהר צוריק אַהײַנטוועלטיגע ביבליאָטהעק פון אַ חבת־ציון־אגודה אין אַדעס. נאָר דאָס, וואָס ס׳איז געווען געגנוג אין יענער צײַט פאַר אַידישע ביבליאָטהעק פון אַנ׳אגודה אין אַדעס, וואו ס׳זענען פאַרהאַן געוואַלדיג רײַכע קהל׳שע ביבליאָטהעקען, האָט מען שוין דאַמאָלסט געדאַרפט פערשטעהן, אַז דאָס איז וועניג פאַר אַקהל׳שע ביבליאָטהעק אין יפו, אָט דער צענטער פון די יודישע קאָלאָניעס און פון דער אונאויפהערליכער אימיגראַציע. פון יענער צײַט־אָן איז די יפו׳ער ביבליאָטהעק וועניג פולער געוואָרען, אַזוי, אַז איצט פעלט איהר נאָך זעהר פיעל; בעזונדערס אין וויסענשאַפטליכע אָבטיילונגען איז זי אָרומער פון רעכטע פּריוואַט־ביבליאָטהעקען, וועלכע געפינען אין פּאַלעסטינאַ גופא.

פאַר אַמעלה; פון אָט דער אַנשטאַלט קאָן גערעכענט ווערען דאָס, וואָס זי שטעהט אונטער דאָס אפטרופסות פון אַדעסער קאָמיטעט, און דעריבער הערשט אין איהר אַ לפי־ערך דעמאָקראַטישער גײַסט; די פעדוואַלטער פון דער ביבליאָטהעק זענען אָפט געווען אידעאַלע מענשען, וועלכע דינען ניט נאָר פאַר געלד, נאָר אויך דער זאַך גופא; די ביבליאָטהעק איז לפי־ערך רײַך מיט צײַטונגען און זשורנאַלען און מיט ביכער פאַר׳ן אָנפאַנגס־און מיטעלען לעזער. מחמת דעם איז די ביבליאָטהעק געוואָרען אַשטיקעל קולטור־צענטר: מיט פערגעניגען און מיט נוצען פאַר זיך פערברוינגט דאָרט דער אימיגראַנט די פרײַע שעה, אַמאָל אויך אַקאָלאָניסט, וואָס קומט אין שטאָדט; דאָ בעגעגענען זיך און דערנעהנטערען זיך די יונגע לײַט פון דעם אונטערוואַכסענדען דור און פון די נײַ־אָנגעקומענע.

ביי אונזער עניות, האָט אָט די אַנשטאַלט געוויסערמאַסען דאָס רעכט אָנצורופען זיך קהל׳שע ביבליאָטהעק. אין דער לעצטער צײַט האָט דאָס אַדעסער קאָמיטעט צוגעשיקט צוויי ביבליאָטהעקליך, דער עיקר פאַר קינדער: אײַנע אין יהודה און די צווייטע אין גליל. די יונגע אַרבײַטער האָבען געבראַכט מיט זיך פון רוסלאַנד עטליכע הונדערט בראָשורען פון די נײַעסטע אויסגאַבען.

אַקלײַנע ביבליאָטהעק איז אויך געגרינדעט געוואָרען דורך אַגרופּע מענשען אין צפת. בעת דעם רמב״מ׳ס אַכט הונדערט־יעהריגען יובילעאום האָט אין טבריה

אַגרופּע פון די געבילדעטע חליקה׳ניקעס זיך געפּרובט ווענדען מיט אַ קול־קורא צום יודישען פאָלק מכח גרינדען אַביבליאָטהעק דאָרט, וואו ס׳ליגט דער גרויסער יודישער לעהרער; נאָר זייער שוואַך קיל האָט אפילו ניט דערגרייכט צו די ברייטע שיכטען פונ׳ם יודישען פובליקום. איצט ווערט איהר ניט אין טבריה, ניט אין אַנדערע שטעדט פון גליל (חיפא, צדון, בירות) אפילו מיט ליכט ניט אויפזוכען איין עלטליך בוך איבער יודאאיקא און העבראאיקא.

אָט אין וואָס פאַר אַ מצב ס׳געפינט זיך דאָס ספרים־עשירות פונ׳ם עם־הספר אין פּאַלעסטינאַ נאָך אַפּיערטעל הונדערט־יעהריגער אַרבייט פון די חיבבי־ציון און ציוניסטען און נאָך די אַלע ברענענדיגע וכוחים איבער די קולטור אין די ציוניסטישע אגודות און אויף די קאָנגרעסען.

ס׳איז פאַרהאַן אַרייכע ביבליאָטהעק איבער פּאַלעסטינאַ, נאָר זי געפינט זיך ניט אויף איהר פּאַסענדען אָרט. אויפ׳ן לעצטען קאָנגרעס איז דערמאָהנט געוואָרען אינ׳ם פּאָרטראַג פון דער פּאַלעסטינער קאָמיסיע מכח דער גרינדונג פון אַביבליאָטהעק איבער פּאַלעסטינאַ. אויף די פראַגע, פאַר וואָס איז די דאָזיגע ביבליאָטהעק ניט געגרינדעט געוואָרען אין פּאַלעסטינאַ, איז דאַן געגעבען געוואָרען אַניט־צו פריעדענשטעלענדער ענטפער. אין דער לעצטער צייט איז בעוואוסט געוואָרען, אַז דאָ רעדט זיך מכח דער רייכער ביבליאָטהעק, וועלכע איז איבערגעבליבען נאָכ׳ן פערשטאָרבענעם באָמבוס. אויב די דאָזיגע ביבליאָטהעק איז באמת אויף אַיועלכען ס׳איז אופן אַריבער צו אונזער פּאַלעסטינער קאָמיסיע, איז עס אַני עולה פון איהר זייט, צו האַלטען די ביבליאָטהעק אין בערלין, וועלכע איז רייך מיט ביבליאָטהעקען, און ניט אָבשיקען זי אין פּאַלעסטינאַ, וואו מ׳געהט פּשוט אוים נאָך אַבוך. די פּאַלעסטינער קאָמיסיע האָט מעהר פון אַנדערע געדאַרפט וויסען און מיטפיהלען אָט דער נויט, ווייל איינער פון איהרע נאמנים אין פּאַלעסטינאַ האָט געמוזט איבערבייטען זיין וואוינאָרט אין אַזאַ אָרט, וואָס איז ניט אַזוי גינסטיג פאַר די כלל־זאַך, נאָר מחמת דעם, ווייל אינ׳ם נייעם אָרט איז פאַרהאַן אַרייכע פּריוואַט־ביבליאָטהעק, וועלכע איז איהם נויטיג פאַר זיין ספּעציאַליטעט.

אָט אַזאַ מין ביכער־הונגער איז אין פּאַלעסטינאַ.

די פּרעסע.

פונ׳ם ערשטען בליק קאָן זיך דאַכטען, אַז אין דער הינזיכט האַלט עס אין פּאַלעסטינאַ גאָר ניט שלעכט: צייטונגען און זשורנאַלען אויף פערשיעדענע שפּראַכען

קומען=אָן פון אַלע לענדער; מ׳קאָן זיך, אפשר, בעקלאָגען, וואָס די נײַעסען דערוויסט מען זיך דאָ אויף 10—15 טאָג שפּעטער, נאָר צו דעם געוועהנט מען זיך אויך צו.

נאָר גאָר אַנ׳אַנדער בילד שטעלט זיך פאָר, ווען מ׳קוקט זיך צו צו דער זאַך נעהנטער. ס׳איז ידוע, אַז, אַ חוץ די ספּעציעלע ריין=וויסענשאַפטליכע צײַטונגען און זשורנאַלען, וועלכע האָבען איין און דעמזעלבען ווערטה אומעדום, האָבען די איבעריגע צײַטונגען אין יעדען לאַנד אַ סוביעקטיווען חאַראַקטער. די צײַטונגען, זענענדיג דאָס שפּיגעל פונ׳ם פאָלק, פון דער געזעלשאַפט אָדער פון איינעם פון זײַנע טײַלען, רעגיסטרירען און בעלײַכטען געוועהנליך די פאַקטען, וועלכע קומען פאָר אין דער בעטרעפענדער סביבה אָדער וואָס האָבען מיט איהר אַ גרעסערס אָדער מינדערס שייכות; די זשורנאַלען, אַלס בעלי=מפרשים פון די לעבענס=ער= שײַנונגען, בעטראַכטען די אַרומיגע וועלט פונ׳ם שטאַנדפּונקט פון די הײַנטיגע אינטערעסען פון דער בעטרעפענדער געזעלשאַפט, און אַלס רעגוליאַטאָרען פונ׳ם געזעלשאַפטליכען גאַנג—שטעלען זיי אַרויס און בעלײַכטען די אָדער יענע זײַט פונ׳ם געזעלשאַפטליכען לעבען, שטעלען אַרויס און לעגען פאָר פאַר דעם לעזענדען פובליקום יענע פראַגען, וועלכע זענען נאָך ביז אַהער מחמת וועלכע ס׳איז סבות ניט בעריהרט געוואָרען. אויף אַזאַ אופן ערשײַנען די געזעלשאַפטליכע מײַנונג און די געזעלשאַפטליכע שטימונג, וועלכע זענען צוגעפּאַסט צו די נויטיגסטע אינטערעסען פון דעם בעטרעפענדען אָרט און פון דער צײַט; אפילו די אַלגעמײַנע וועלטליכע ערשײַנונגען ווערען בעטראַכט דורך די פּריזמע פון יעדען לאַנד און פון יעדען פאָלק דורך די פּריזמע פון די אָרטליכע אינטערעסען. אַלזאָ, זײַן אַ לע= זער פון אַ בעשטימטען אָרגאַן — הייסט עס לעבען מיט די אינטערעסען און מיט דער פּסיחאָלאָגיע פון דער געזעלשאַפט, וועמענס אינטערעסען דער אָרגאַן דריקטאויס.

הײַנט שטעלט זיך פאָר ניט קיין גרויסע יודישע געזעלשאַפט, וועלכע לייענט צעהנדליגער צײַטונגען, ויעלכע ערשײַנען אין פערשיעדענע לענדער אויף פערשיע= דענע שפּראַכען און וועלכע האָבען פערשיעדענע ריכטונגען; גיט נאָך צו דעם צו, אַז אָט די יודישע געזעלשאַפט אין פּאַלעסטינאַ האָט ניט איהר אייגענע צײַטונג. מ׳קאָן דאָך ניט רעכענען פאַר אַ מעהר אָדער וועניגער צופריעדענשטעלענדען אָרגאַן ניט די „החבצלת״—דער אָרגאַן פון די חלוקה׳ניקעס, ניט דאָס בלעטיל אויפ׳ן שפּאַנישען זשאַרגאָן און אפילו ניט די פּראָגרעסיווע נאָר וואַסערדיגע „השקפה״. ס׳איז צופּיצעלט און צובראָקעלט אין פּאַלעסטינאַ אי די יודישע געזעלשאַפט, אי דער יודישער גײַסט, אי דאָס יודישע געפּיהל. ס׳איז אַ חרפה און אַ וועהטאָג צו זעהן, ווי אין אַ רעסטאָראַן בײַ איין טיש זיצען עטליכע צעהנדליג יודען און רעדען

אויף פיִנף פעֶרשיִדעֶנעֶ שפראכֿען איִבער פעֶרשיִדעֶנעֶ איִנטעֶרעֶסעֶן, און די יודי=
שעֶ שפראַך און די יודיִשעֶ איִנטעֶרעֶסעֶן פעֶרנעֶהמעֶן גאָר אַ קלייַנעֶם אָרט; אייַניִגעֶ
לעֶבעֶן איִבער צוזאַמעֶן מיִט די פראַנצויזעֶן די מאַראָקער קאָנפעֶרעֶנץ; אַנדעֶרעֶ
האָבעֶן צוזאַמעֶן מיִט די דייַטשעֶן גרויס עגמת=נפש, וואָס דעֶר עֶקספּעֶדיִציִע, וואָס
איִז געֶשיִקט געֶוואָרעֶן אויף אייַנצושטיִלעֶן די מורדים איִן אַפריִקאַ, געֶהט ניִט; די
דריִטעֶ קאָבעֶן זיִך צוזאַמעֶן מיִט די עֶנגלעֶנדער איִבער דעֶם שול=ביִל; די פיִערטעֶ
זעֶנעֶן פעֶרטהון מיִט די קומעֶנדיִגעֶ וואַהלעֶן איִן די צפון=אַמעֶריִקאַנער פעֶראייַניִגטעֶ
שטאַטעֶן. נאָר זעֶהר אַ קלייַנעֶר טייַל פון דעֶר דאָזיִגעֶר חבריא, דעֶרהויפּט איִמיִג=
ראַנטעֶן, רעֶדט אויף זשאַרגאָן, אַנדעֶרעֶ אויך אויף העֶברעֶאיִש איִבער יודיִשעֶ איִנ=
טעֶרעֶסעֶן. נאָר אַ מאָל חאַפּט אַלעֶמעֶן אַרום אייַן געֶמייַנזאַמעֶר איִנטעֶרעֶס, דאָס
איִז, ווען מ׳טראָגט אונטער סעֶנסאַציִעֶלעֶ טעֶלעגראַמעֶם פון רוסלאַנד וועֶגעֶן אַ געֶ=
לונגעֶנעֶם אַטעֶנטאַט אָדער וועֶגעֶן „אַ גוטעֶן" פּאָגראָם; גיִך גיִבעֶן זיִך איִבער די
בלעֶטליִך פון האַנד צו האַנד, די נייַגעֶריִגקייַט איִז צופריִעֶדעֶנגעֶשטעֶלט, און די
חבריא צופאַלט זיִך וויִדער אויף גרופּעֶן לויט די שפּראַכעֶן און די צייַטונגעֶן,
וועֶלכעֶ עֶרנעֶהרעֶן זייעֶר גייַסט און געֶפיִהל.

דעֶרום איִז זעֶהר פעֶרשטעֶנדליִך און נאַטיִרליִך די שטרעֶבונג מצד דעֶם היִגעֶן
נאַציִאָנאַל=פּראָגרעֶסיִוועֶן טייַל פונ׳ם יודעֶנטום, אַרויס צו געֶבעֶן אַן אייַגעֶנעֶ העֶברעֶאיִשעֶ
צייַטונג. דעֶרווייַל האָבעֶן די היִגעֶ כחות געֶסטייַעֶט נאָר אויף אַרויס צו געֶבעֶן אַ ליִ=
טעֶראַריִש=פּובליִציִסטיִש זאַמעֶל=בוך. מ׳גרייַט זיִך אַרויס צו געֶבעֶן אויף העֶברעֶאיִש
אַ ליִטעֶראַריִש, פּאָליִטיִש און עֶקאָנאָמיִש וואָכעֶנ=בלאַט, וועֶלכעֶס זאָל דיִענעֶן די
איִנטעֶרעֶסעֶן פונ׳ם גאַנצעֶן יודעֶנטום פונ׳ם נאָהנטעֶן מזרח, כדי אָט די הונדעֶר=
טעֶר טויזעֶנד יודעֶן זאָלעֶן דאַרפעֶן וועֶניִגעֶר אָנקומעֶן צו די פעֶרשיִדעֶנ=שפּראַכיִגעֶ
און פעֶרשיִדעֶנ=פאַרביִגעֶ צייַטונגעֶן פון פעֶרשיִדעֶנעֶ לעֶנדער, פעֶלקעֶר און
פּאַרטייַעֶן, און זיי זאָלעֶן זיִך בעֶסער געֶפיִנעֶן איִן דעֶר סביבה פון זייעֶרעֶ אייַגעֶנעֶ,
נאַטיִרליִך נאָהנטעֶ איִנטעֶרעֶסעֶן, אַלס מעֶנשעֶן און אַלס יודעֶן.

אַ חוץ די וויִכטיִגעֶ בעֶדייַטונג, וואָס אַן׳אָרטליִכעֶ גרויסעֶ צייַטונג קאָן האָ=
בעֶן דורך איִהר פעֶראייַניִגעֶן און אמת׳עֶם ביִלדעֶן די יודעֶן פונ׳ם נאָהנטעֶן מזרח,
וואָלט זי נאָך געֶבראַכט גרויסעֶ נוצעֶן די ציוניִסטעֶן און אַלעֶ די וואָס איִנטעֶרעֶסיִ=
רעֶן זיִך באמת מיִט פּאַלעֶסטיִנאַ. וואוינעֶנדיִג איִן פּאַלעֶסטיִנאַ און לייעֶנעֶנדיִג די
פּאַלעֶסטיִנער אָבטייַלונג איִן די יודיִשעֶ, אפילו איִן די ציוניִסטיִשעֶ צייַטונגעֶן, ווער=
סטו גאַנץ אָפט נשתומם פון די ידיעות, וואָס ווערעֶן דאָרט געֶבראַכט. איִן די אַרטיִק=
לעֶן און חראָניִקעֶס איִבער פּאַלעֶסטיִנאַ קאָנט איִהר קריִגעֶן אַלץ: אָפּטיִמיִזם, פּעֶסיִ=

מיזם, תהלות ותשבחות איינע, שטיינער אין גאָרטען אַנדערע, איהר קאָנט דאָרט אפילו געפינען פילאָזאָפיע און נביאות; נאָר איינם וועט איהר דאָרט ניט געפינען די אָבשפּיעגלונג פונ׳ם אמת׳ען פּאַלעסטינער לעבען. און ס׳איז טאַקי קיין וואונדער ניט: די קאָרעספּאָנדענטען פון די אויסלענדישע צייטונגען וואוינען אין יפו און רעדען און שרייבען איבער גאַנץ פּאַלעסטינאַ על פי השמועה; אַנ׳אַנדערער נאמן וואוינט אפילו ניט אין יפו, נאָר אין אַ קאָלאָניע, ער קומט אויף אַ ווײַלע אין שטאָדט, הערט אויס, שמועסט זיך דורך מיט זיינע אָנגעטרויטע און שרייבט־אָן „אַ ריכטיג״ בילד פונ׳ם „ווירקליכען״ לעבען.

ס׳איז אינטערעסאַנט צו זעהן דעם פּאַלעסטינער לעזער, בעזונדערס דעם אימיגראַנט, ווען ער לייענט די פּאַלעסטינער חראָניק אין אַ וועלכער ס׳איז אויסלענדישער ציוניסטישער צייטונג; ער דערמאָהנט מיט זיך אין יענעם מאָמענט אַ מענשען, וועלכער דערזעהט זיין זעהר שלעכט אַראָבגענומענעם פאָטאָגראַפיש בילד; אויף זיין געזיכט לייענט מען דאַן די פראַגע: „בין איך עס דען?!״ נאָכ׳ן ערשטען פערוואונדערונגס־מאָמענט טראַכט זיך דער ווייניג בע׳הבנ׳טער אין פּאַלעסטינער ענינים: אפשר איז עס טאַקי אַזוי, מסתמא ווייס דאָך דער שרייבער בעסער; דער, וואָס איז אָבער מעהר בעקאָנט מיט׳ן מצב פון די פּאַלעסטינער ענינים, דריקט נאָר אויס זיין צאָרן. און אַז מ׳פרעגט די לעצטע, פאַר וואָס שרייבען זיי אַליין ניט, פאַר וואָס לייקענען זיי ניט אָב, ענטפערען אייניגע: מיר זענען דאָ נייע, מ׳קאָן אונז ניט אין די רעדאַקציעס, מ׳וועט אונז ניט גלויבען, און אַנדערע זאָגען, אַז זיי האָבען שוין געפּרובט שרייבען, נאָר „דאָרט״ האָט מען ניט געדרוקט; וואָלטען זיי (די רעדאַקציעס) חאָטש מודיע געווען צו וועמען פון זייערע נאמנים דאַרף מען זיך ווענדען נאָך אַבעשטעטיגונג, אַזוי ווייס מען גאָר ניט וואו זיך צו ווענדען און וואָס צו טהון.

גאָר אַנדערש איז אַנ׳אָרטליכע צייטונג: די רעדאַקציע גופא עטהעמט מיט דער אָרטליכער אַטמאָספער, לעבט מיט׳ן אָרטליכען לעבען, קאָפּירט די אַרומיגע ווירקליכקייט אונטער׳ן דירעקטען קאָנטראָל פון דער געזעלשאַפטליכער מיינונג, וועלכער איז ממלא די חסרונות און, ווען ס׳איז נויטיג, בעסערט ער אויס די טעותים, וועלכע האָבען זיך אַריינגעגנב׳עט. אין אַנ׳אָרטליכער צייטונג וועט פּאַלעסטינאַ פאַרנעהמען אַנ׳אָרט ניט בסוף, נאָר בראש פון יעדער פאָרמול און קרעדאָ; די ידיעות איבער פּאַלעסטינער לעבען וועלען קומען אין דער צייטונג ניט ערגעץ אין אַ ווינקעל נאָך אַלע פּאָליטיקעס און פּאָלעמיקעס, נאָר זיי וועלען פערנעהמען דעם אַנגעזעהענסטען אָרט, ווייל פּאַלעסטינער לעבען איז דאָ דאָס אָרטליכע, דאָס אייגענע לעבען, וועלכעס איז נוגע דער אַלטעגליכער ווירקליכקייט

פון צעהנדליגער אונהונדערטער טויזענד יורען פון פאַלעסטינאַ און פונגאָהנטען מזרח.

אַמענדע, אין אַנ׳אָרטליכען אָרגאַן וועט דאָס יונגע פּאַלעסטינער יודענטום אַרויסזאָגען זײַן אײַגען וואָרט, פרײַ פון דער צענזור פון אונזערע אויסלענדישע געשוואָרענע אַנפיהרער; און דאָס וואָרט קען זײַן זעהר אַנ׳עדנסט און זעהר אַ וויכטיגס. צוקוקענדיג זיך צו אַלעם דעם, וואָס דאָ קומט פאָר. אײַנהערענדיג זיך צו אַלעם דעם, וואָס ס׳ווערט דאָ לעת עתה שטיל גערעדט איבער דעם, וואָס דאָ קומט פאָר—קאָן מען פאָראויס זאָגען, אַז דאָס פרײַע וואָרט פונ׳ם היגען יונגען יודענטהום וועט זײַן: אַנ׳אויסדרוק פון אַ שטאַרקער אונצופריעדענהײַט מיט׳ן אָבטויטענדען ביוראָקראַטישען רעזשים פון אַלע, אָהן אַנ׳אויסנאַהם, געשוואָרענע בעלי־טובות פון די יודישע אינטערעסען אין פּאַלעסטינאַ; אַנ׳אויסדרוק פון שרעק, זעהענדיג ווי ס׳לעבט וויעדער אויף די הידראַ פון דער „אַדמיניסטראַציע״ אויף אַ ציוניסטישען שטײַגער; אַמענדע, אַנ׳אויסדרוק פון טיעפען צאָרען אויף אונזערע חברים. וועלכע האַלטען זייער פינאַנציעלע און גײַסטליכע קאַפּיטאַלען אין פערשיעדענע אויסלענדישע ערטער און פטר׳ן אָב פּאַלעסטינאַ מיט גוטע ווערטער און מיט ניט־ווירדיגע הבטחות. מ׳קאָן ערוואַרטען אַז אין פּאַלעסטינער יודישען אָרגאַן פריהער אָדער שפּעטער וועט ערשיענען אַ דרײַסטער און שטאַרקער „מיר בעשולדיגען״, וואו פיעל „אַנגעזעהענע טהוער״ וועט געשטעלט ווערען די פאָדערונג: ס׳הײַסט אָדער אַרבײַט לויט אײַער בכבוד׳יגען נאָמען אָדער נעהמט Le lummetre זיך דעם דרך Le demetre און שטערט אַנדערע ניט.

בקצור, מ׳קאָן דאָפען, אַז דער פּאַלעסטינער יודישער אָרגאַן ויעט בעשאַ־פען, אַנ׳עפּאָכע אינ׳ם לעבען פון די יודען אין פּאַלעסטינאַ און אין איהר סביבה; ער וועט אַרײַנטראָגען אַבערײַטענדען קאָרעקטיוו אין די טהעטיגקײַט פון די ציוניסטען און חובבי־ציון פונ׳ם גאַנצען גלות און וועט זײַן אײַנער פון די הויפּט־פאַקטאָרען פון דער אימיגראַציע און פון דער רעאַלער אַרבײַט אין פּאַלעסטינאַ.

דער לעהרער־פערבאַנד. ווער דאַרף זיך זאָרגען איבער דאָס פערשפּרײַ־טען און רעגולירען די פאָלקס־בילדונג? פון וועמען דאַרף אַרויסגעהן די איניציאַטיווע מכח עפענען שולען און ביבליאָטהעקען, אײַנאָרדנען קורסען און פאָרלעזונגען, אַרויסגעבען צײַטונגען און זשורנאַלען א. א. וו.

דאַכט זיך, אַז דער נאַטירליכסטער ענטפער וועט זײַן: „דער לעהרער־פערבאַנד״. שוין דרײַ יאָהר זינט ס׳עקזיסטירט אין פּאַלעסטינאַ דער לעהרער־פערבאַנד; לויט זײַן ערשטען פּראָגראַם האָט ער געמוזט אַרײַננעהמען ניט נאָר לעהרער, נאָר אַלע, וואָס פיהלען־מיט דער אידעע פון פאָלקס־בילדונג אין פּאַלעסטינאַ. איצט

אָבער בעשטעהט ער כמעט אויסשליסליך פון לעהרער־פּראָפּעסיאָנאַליסטען, און די טהעטיגקייט פון פערבאַנד איז איינגעשלאָסען אין די שמאָלע ראַהמען פון אָנ־פאַנגס־שול. די הינגע לעהרער שאַצען זעהר נידעריג זייער בעדייטונג אינ׳ם געזעלשאַפטליכען לעבען, און דעריבער נעהמען זיי זעהר אַ קליינעם אָנטהייל אין אָט דעם לעבען. בעת דער אימיגראַציאָנס־היץ פונ׳ם לעצטען יאָהר איז די לעהרער־אָרגאַניזאַציע אין פּאַלעסטינאַ געבליבען אַ זייטיגע בעאָבאַכטערין. אויב אין עקאָ־נאָמישע פראַגען האָבען די אימיגראַנטען ווי ס׳ניט איז בעקומען עצות פון פּרי־וואַטע מענשען, איז אָבער אין דער גייסטליכער הינזיכט האָבען זיי ניט בעקומען קיין שום הילף מצד דער אָרגאַניזאַציע, וועלכער ס׳האָט מעהר פון אַלץ געפּאַסט אונטערצוהאַלטען דעם גייסט און ערוועקען די ענערגיע אין די דערשלאָגענע, צושראָקענע און בלאָנזשענדע אימיגראַנטען. קורסען און פאָלקס־פאָרלעזונגען זענען איינגעאָרדענט געוואָרען מיט׳ן אַנטהייל מצד איינציגע לעהרער, נאָר ניט לויט דער איניציאַטיווע פונ׳ם צענטער פון דער לעהרער־אָרגאַניזאַציע; די גימנאַזיע איז גע־עפענט געוואָרען ניט מיט׳ן אַנטהייל מצד אָט דעם צענטער, נאָר גיכער געגען זיין ווילען, הגם אַ בעדייטענדער טהייל פון די אימיגראַנטען האָט איינגעזעהן אין דער דאָזיגער אַנשטאַלט די בעפרידיגונג פון די נויטיגסטע פאָדערונגען פון זייער גייסטליכען לעבען; ווען הונדערטער אימיגראַנטישע קינדער זענען געבליבען אויף יענער זייט וואַנד פון די עקזיסטירענדע שולען אין יפו, ווען אַ טהייל פון זיי האָט אָנגעהויבען בעזוכען די מיסיאָנערישע שולען—איז אפילו דאַן האָט דער צענטער פון דער לעהרער־אָרגאַניזאַציע ניט געהאַלטען פאַר זיין דירעקטען חוב, צו סטאַרען זיך וועגען אויפעפענען לעהר־קלאַסען פאַר די דאָזיגע קינדער, נאָר ער האָט עס אָבער געלאָזען פאַר פריוואַטע לייט, פילאַנטראָפּען. די איינציגע פערענטפערונג פאַר די לעהרער קאָן דיענען נאָר דאָס, וואָס זיי זענען זעהר פערנומען אין זייערע נאָך ניט ווי ס׳בעדאַרף צו זיין איינגעאָרדענטע דאָרפישע און שטאָדטישע שולען. ס׳קאָן גרייליך זיין, אַז דער קליין גרופּע דאָרפישע און שטאָדטישע פאָלקס־לעהרער איז טאַקי ניט נאָך איהרע כחות צו זאָרגען זיך איבער די ברייטע פאָלקס־בילדונג. נאָר ווען מיר רעדען וועגען דער פאָלקס־בילדונג אינ׳ם ברייטסטען זין פונ׳ם וואָרט, דאַרפען מר ניט רעכענען פאַר אַ לעהרער נאָר דעם, וועלכער לעהרענט אין אַ שול אָדער אין אַ גימנאַזיום, נאָר אויך די לעקטאָרען פון פערשידענע קורסען, די אַנ־פיהרער פון די פאָלקס־פאָרלעזונגען, די פערוואַלטער פון די ביבליאָטהעקען, די רעדאַקטאָרען, די הויפּט־מיטאַרבייטער פון די צייטונגען און בכלל אַלע די, וועלכע נעהמען אַן׳אַקטיווען אַנטהייל אין דער פערשפּרייטונג און אָנפיהרונג פון דער

פאָלקס־בילדונג.

דער פערבאַנד פון די פאָלקס־לעהרער, אינ'ם ברייטען זין פונ'ם וואָרט, דאַרף פערנעהמען דעם אָרט פון די אין פאַלעסטינאַ פעהלענדע אינספּעקציע און דירעקציע פון דער פאָלקס־בילדונג. אַזאַ מין לעהרער־פערבאַנד וועט שפּילען אַ גרויסע ראָלע אינ'ם גייסטליכען, און דורך דעם אין עקאָנאָמישען לעבען פון די אימיגראַנטען און וועט, אַלזאָ, זיין אַ גרויסער פאַקטאָר אין דער רעאַלער אַרבייט אין פאַלעסטינאַ.

„פועלי־בצלאל"

(אַ בריעף פון פּראָפ. ב. שאַץ אין דער רעדאַקציאָן פון דעם פועלי־ציוניסטישען אָרגאַן „דער יודישער קעמפּפער" אין ניו־יאָרק).

אייער בריעף, אין וועלכען איהר האָט מיר צוגעזאָגט „מאָראַלישע און פינאַנסישע הילף", האָב איך געלעזען מיט גרויסער פרייד.

איהר שרייבט: „חאָטש מיר זענען אָרימע פּראָלעטאַריער, דאָך קענט איהר אויף אונז רעכענען".

יאָ, אונזער „בצלאל" פערלאָזט זיך איבערהויפּט אויף די פּראָלעטאַריער. ניט ווייל ער איז ספּעציעל פאַר זיי געשאַפען געוואָרען, נאָר דערפאַר ווייל די פּראָלעטאַריער וועלען אַם ריכטיגסטען פערשטעהן אָבצושאַצען די נוצען און די נויטווענדיגקייט פון „בצלאל". איהר אַרבייטער ווייסט, אַז נור די אַרבייט גיט דעם מענשען דאָס רעכט צו לעבען, און נור איהר פיהלט די טרויעריגע לאַגע פון דער היינטיגער אַרבייט'ס־פאָרם. דעם מענשען'ס פריי־ווירקענדער פערשטאַנד האָט ממציא געווען די קלוגע מאַשינע, און די זעלבע מאַשינע אויף דער פאַבריק מאַכט דעם מענשען פאַר איהר געדאַנקענלאָזען קנעכט. די מאַשינע האָט איהם דערווייטערט פון דער שעהנער פרייער נאַטור, זי האָט איהם אָבגעריסען פון זיין פאַמיליע, — זיין הויז. זי פערלאַנגט פונ'ם אַרבייטער ניט זיין פערשטאַנד אָדער זיין גייסט, נור זיין פלייס. זי האָט ביי איהם אַוועקגערויבט אויך דעם לעצטען טרייסט, די „פרייד פון שאַפען", ווייל ער שאַפט ניט קיין איין גאַנצע זאַך אין דער פאַבריק. עס בלייבט ביי איהם נור די איינציגע אַרבייט, צו דינען דער מאַשינע מיט אַ טייפעל'שער שנעלקייט. זי צו שטיצען און אַזוי אויפצופּאַסען, אַז זי זאָל איהם זיינע פינגער ניט אָבבייסען. די פאַבריק פערגיפטעט דעם אַרבייטער מיט איהר געשטיקטער לופט, די מאַשינע פערשטיינערט זיין האַרץ מיט איהר פּינקטליכקייט, און פערקירצט איהם דאָס לעבען דורך איהר בעזע שנעלקייט. דער אַלטער,

געזונדטער טיפּ האַנדווערקער, וועלכער האָט אַזוי פיעל געגעבען דער מענשהייט, דער וויסענשאַפט און דער קונסט, איז שוין פערשווינדען געוואָרען, און נור אויף די בילדער פון די האָלענדישע קינסטלער זעהן מיר נאָך דעם אַמאָליגען מייסטער מיט די גרויסע ברילען אויף זיין רוהיגען געזיכט, ער איז זעלבסטבעוואוסט, מיט אַ דענקער־מינע, וואָס וואָלט גוט געפּאַסט דעם היינטיגען פילאָזאָף; זיין ווייב און קינדער זענען אַזוי וואָהל אויסגעהאָדעוועט, ווי די הינער, וועלכע פּיקען דערביי רוהיג. בכלל שוועבט איבער זייער אינטימען, ביבלישען לעבען רוה און פּאָעזיע. דאָס ווערק פון יענעם אַמאָליגען אַרבייטער, אפילו אויך דאָס וואָס ער האָט געמאַכט פאַר זיין שכנ'ס קיך, געפינט איהר איצט אין אַ מוזעאום. אין די ווערק זיינע זעהט איהר אינדיווידואַליטעט און געשמאַק. דער אַמאָליגער אַרבייטער האָט עס ווירקליך פערמאָגט. איצט אָבער איז עס אַלץ שוין אַוועק. דער אייזערנער טייפעל, די מאַשין, קלאַפּט און האַמערט מיט אַ שרעקליכער געשווינדקייט, און דער אַרבייטער ערוואַרטעט נאָר דעם קלונג פונ'ם גלאָק, בכדי ער זאָל זיך שוין קענען בעפרייהען פון דעם פאַבריק־גיהנם.

און אין דער היים טרעפט ער — אָבער אייך דאַרף איך דאָך ניט דערצעהלען פון אונזער אַרבייטער'ס „פאַמיליען־גליק". איהר האָט דאָס געפיהלט און איהר זענט דורכגעדרונגען דערפון, אַז אַזוי לענגער קען די זאַך שוין ניט בלייבען, וויל אַנדערש מוז דער געזונדסטער און גרעסטער טהייל פון דער מענשהייט קערפּערליך און גייסטיג געהן צו גרונד.

דאָס יודישע פאָלק, וואָס נייגציג פּראָצענט פון זיין גרויסער מאַסע בעשטעהט פון בלויז אַרבייטער און האַנדווערקער, דאַרף זיך גאָר בעזאָנדערס פערטראַכטען איבער דער אַרבייטער־לאַגע.

דאַריבער איז עס נאַטירליך וואָס מיר שטעלען־צו אַזאַ גרויסען פּראָצענט סאָציאַליסטען פון פערשיעדענסטע מינים. די דאָזיגע אָבער בעטייליגען אונזער פאָלק נור מיט גוטע עצות און געבען אונז האָפנונגען אויף שפּעטער, אויף יענער גאָלדענער צייט, ווען אַלע מענשען וועלען ווערען מענשען. ביז דאַמאָלס אָבער קענען מיר ניט נור אַלס פאָלק, נאָר אויך אַלס מענשען געהן צו גרונד.

„בצלאל" איז אפשר אויך אַנייער מין סאָציאַליזם, מיט דער מעלה אָבער, וואָס ער וויל געבען ניט נור דער ווייטער גאָלדענער צוקונפט, אָבער אויך דער געגענוואַרט, די כונה זיינע איזועטונג, ניט נור פאַר איינצעלע יודען, נאָר פאַר דעם גאַנצען יודישען פאָלק.

דער פּלאַן פון „בצלאל" איז, אין קורצען, פאָלגענדער: ס'זענען נאָך איצט

פאַרהאַן פיעל אַרבייטען, וואָס די קאַלטע מאַשין האָט זיי ניט געקענט אַוועק־נעהמען ביי דעם מענשען, אַזעלכע וואָס עס פאָדערט זיך צו זיי דער מענשליכער פערשטאַנד, בעסער געזאָגט: דעם מענשען'ס שאַפענדער גייסט, היינו: די אויס־אַרבייטונג פון טעפּיכע (קאָווערען), שפּיצען, שטיקערייען, קונסט־מעבעל, פּאַיאַנ־סען, האָלצשניצעריייען, שטיין־סקולפּטור, עמאַילע אַרבייט, מאָזאַאיק, מאַיאָליקאַ, רגאָוויורען, זילבער־געטריבע, פיליגראַן־אַרבייטען, גאָלד אַרבייט, ליטאָגראַפיע א. ד. ג. כמעט די אַלע אויסאַרבייטונגען דיענען טאַקי דעם לוקסוס, אויף לוקסוס אָבער ברייינגט־אויס די וועלט אַסך מעהר מיליאָנען ווי אויף ברויט.

די אַרבייטען פון וועלכע איך האָב דאָ גערעדט, ווערען געאַרבייט נור מיט די הענד אין פערשיעדענע לענדער, וואו ס'זענען פאַראַן געלעהרטע אַרבייטער, וועלכע האָבען זייער געשמאַק אויסגעבילדעט אין קונסטגעווערבעס־שולען און מוזעען און האָבען נאָך ביי דער זייט אויך קינסטלער, לעהרער, וואָס גיבען פאַר זיי אַרויס מוסטערען. צו אַזעלכע אַרבייטען זענען אונזערע יודען מינדעסטענס אויך אַזוי פעהיג ווי אַנדערע, און זיי וועלען זיכער אויך אַרויס־לאָזען אַזעלכע אַרבייטען גלייך ווי יענע, ווען נור מ'וועט זיי אויך צושטעלען אַזעלכע קונסטגעווערבעס־שולען, און מוזעען, און אויך פאַר זיי וועלען געבילדעטע קינסטלער צוגרייטען מוסטערען.

אונזער „בצלאל" וועט אָבער נאָך מעהר נייעס איינפיהרען. ווי איהר ווייסט, פערליערט דער בעזיצער פון אַ קליינעם ווערקשטאַט אַזוי ווי ביים איינקויפען דעם רויען מאַטעריאַל אַזוי אויך ביים פערקויפען זיין אַרבייט, דען אָדער ער פערקויפט אַליין זיין סחורה און מוז צו דעם האָבען אַ אָפען געשעפט, אָדער ער פערקויפט זיין סחורה מיט איינמאָל דעם גרויסען סוחר, וועלכער רעכענט זיך אַראָב אַ גרויסען פראָצענט פאַר זיין מיה. דאַגעגען איז די אָרגאַניזאַציאָן פון דער אַרבייט אין די פאַבריקען שוין אַזוי רעגולירט, אַז די אַרבייטער זאָלען דאָ נור ביי רייכע פאַבריקאַנ־טען אַרבייטען. דאָ ווערט דאָס מאַטעריאַל ביליג איינגעקויפט אין גרויסע מענגען און די סחורה ווערט פערקויפט אין ווי ווייט מעגליך הויכע פרייזען; אָבער אַ וועלכען רוח דער אַרבייטער בעקומט דערפון?—דאָס ווייסט שוין יעדער...

דער גרעסטער פעהלער אין דער אַרבייט'ס־אָרגאַניזאַציאָן איז דער: וואָס מען נעהמט־צו ביי דעם אַרבייטער, אויף דער פאַבריק, דעם פ ע ר ז ע נ ל י כ ע ן א י נ ט ע ר ע ס ג ו ט א ו י ס צ ו פ ו ל ע ן ד י א ר ב י י ט, ווייל איהם איז עס לחלוטין אַלץ־איינס אויב ער וועט די זאַך מאַכען בעסער אָדער שלעכטער, סיי־ווי וועט נ י ט ע ר בעלוינט ווערען בעסער פאַר זיין קינסטלערישער אַרבייט און

אויך ניט ער וועט אָנגערופען ווערען שאַפער פון דער אַרבייט. און דערבײַ פערליערט ער נאָך, ווי איך האָב שוין אויבען געזאָגט, די פאַמיליען-פרייד, ווײַל די „הײַנטמאָדישע שקלאַפערײַ" (די פאַבריק-אַרבייט) פערלאַנגט פון איהם פּינקטליכע, אונערמידליכע טאָג-אַרבייט.

אין „בצלאל" דאַרף די זאַך אַזוי פאָרקומען:

די יודישע באַנק, אָדער שפּעטער די סוחר'ישע אָבטהיילונג, וואָס וועט ווערען מיט דער צײַט פון די בצלאל-מיטגליעדער, קויפט איין דעם נויטיגען מאַטעריאַל ביליג אין גרויסע מאַסען, די אַרבייטער, די „פועלי-בצלאל", בעקומען דעם מאַטעריאַל און שטעלען זיך אָפּ די אַרבייט-שטונדען נאָך זייער אייגענעם פערלאַנגען. נור די מוסטערען ווערען אויסגעאַרבייט אין דער שולע. דערבײַ ווערט ווי ווײַט מעגליך אײַנגעפיהרט די סיסטעם פון אַרבייטס-טהיילונג.

ווען דער אַרבײַטער ווערט פאַרטיג מיט אַ שטיק אַרבייט, נעהמט ער און ברייננגט עס באַלד אין שולע אַרײַן, וואו מען מאַכט איהם אויפמערקזאַם אויף די אַלע פעהלערען, וואָס געפינען זיך אין זײַן שטיק אַרבייט, כדי ער זאָל אויף ווײַטער שוין זײַן געוואָרענט פון אַזעלכע פעהלער. די גוט געמאַכטע אַרבייט פלאָמבירט זיך, דורך דעם לעהרער פון שולע, מיט דער בצלאל-פלאָמבע, בעקומט אַ נומער מיט'ן נאָמען פון דעם אַרבייטער, פאַר דער אַרבייט בעצאָהלט מען איהם, לעת עתה, די מיטעלע מאַרק-פרייז. צום סוף יאָהר צאָהלט מען איהם אַרויס דעם אונטערשיעד צווישען דער סומע, וואָס ער האָט שוין בעקומען, בעת ער האָט זײַן אַרבייט געבראַכט אין שולע אַרײַן, און דערווירקליכער פערקויף-פרײַז, וואָס איז אָפּגעלעזט געוואָרען פאַר איהר. פון דעם רעכענט מען נור אָב אַ קלייִנעם פּראָצענט פאַר דער באַנק און די שולע.

דורך דעם אָבצאָהלען דעם קלייִנעם פּראָצענט לײַדט דער אַרבייטער כלל ניט קיין שאָדען, ווײַל די שולע פערזאָרגט איהם דאָך מיט שעהנע מוסטערען, וועלכע זענען נויטיג צו זײַן אַרבייט, און די סוחר'ישע אָבטהיילונג—מיט ביליגע מאַטעריאַלען און מיט אַ גוטען אָבזעץ פאַר זײַן אויסאַרבייטונג. אויסער דעם, נאָך דעם אַז ס'וועלען אַריבער אַ פּאָר יאָהר און אין דעם משך צײַט וועלען בעקומען מעהר געניטקייט די אַרבייטער אין דער אויספיהרונג פון דער אַרבייט און די געשעפטספיהרער אין דער געשעפטספיהרונג, וועלען מיר קענען טראַכטען וועגען גרינדונג פון פערשיעדענע גענאָסענשאַפטען (אַרטעלען). צו זיי געהערען: געמײנשאַפטליכע לעבענספערזיכערונגען, אַרבייטער-קאָלאָניען, וואו יעדער אַרבייטער וועט זיך האָבען זײַן שטיבעלע מיט אַ גאָרטען דערבײַ, אייגענע שולען, בעקערייען, וועשערײַען און

קונסום־פעראײַנען (געבּרויך־חברות), אויף אײַנצוקויפען צוזאַמען שפּײַז און אַלע אַנדערע לעבּענסאַרטיקעלען א. ז. וו.

זעלבּסטפערשטענדליך, אַז מיר וועלען זיך ניט בּעגרעניצען נאָר מיט ירושלים אַליין. אין 2—3 יאָהר אַרום וועלען פון אונזערע שילער ווערען לעהרער, וועלכע וועלען פערשפרייטען די קענטניש פון דער שעהנער קונסט אין די שטעדט און קאָלאָניען און אין אַלע פאָלק'ס־שולען און וועלען עפענען בּצלאל־אָבּטהײַלונגען. און ווײַל דער אַרבּײַטער וועט ניט דאַרפען אַליין זוכען קיין מאַרק, וואו אָבּצוזעצען זײַן אויסאַרבּײַטונג, וועט ער דאַריבּער קענען גאַנץ גוט אַרבּײַטען אין דער קאָלאָניע, און אויף אַזאַ אופן וועט די אינדוסטריע אונטערשטיצען די לאַנדווירט־שאַפט. דאָס צוקומען פון גוטע אַרבּײַטער אין די קאָלאָניען וועט מיט זיך מיט־בּרײַנגען נײַעס, פריש און געזונד לעבּען פאַר די קאָלאָניסטען.

די נײַע אַרבּײַטער וועלען אַלס מענשען ניט פערליערען זײַער מענשען־ווערט און זײַער מענשען־פרײַהײַט. אָבּער די אמת'ע ברכה וועט מען ערשט אַרויסזעהן אין צווײַטען דור אויף די קינדער פון די אַרבּײַטער. פרײַ געבּוירען, פון פרײַע עלטערען ערצויגען און לעבּענדיג אין דער פרײַהער נאַטור וועלען זיי טהון זײַער אַרבּײַט מיט ליעבּע, ניט וועלען קוקען אויף זײַערע שכנים ווי אויף קאָנקורענטען אינ'ם קאַמפף פאַר'ן לעבּען, און זײַער אידעאַל וועט זײַן אַרבּײַט, קונסט און וויסענשאַפט. דער געמיט זײַערער וועט ניט ווערען פערחושכ'ט דורך קריעג, פאַרטײַליכקײַט און אונאײַניגקײַט, פון זיי וועט ערבליהען אַ נײַער געזונטער דור. דער נײַער דור וועט אײַגעטליך פיהרען צום אויפלעבּונג פון אונזער פאָלק. און ווער ווייס, אפשר נאָך וועלען זיי, אַזוי ווי אונזערע אבות אַ מאָל, אויך געפינען אַ נײַע וואָרט פאַר די אַנדערע פעלקער.

—איז דאָס דען מעגליך צו מאַכען אַ גאַנץ פאָלק פאַר אַרבּײַטער? – וועט איהר פרעגען.

אַ גאַנץ פאָלק געוויס ניט, אָבּער הונדערט־טויזענדער פון דעם פאָלק־אַוודאי יאָ! יעדער אײַראָפּעאיש פאָלק האָט אַזעלכע אַרבּײַטער גאַנצע מאַסען, און יאַפּאַן האָט זיי טאַקי אין פיעל מיליאָנען.

—וועט די טערקישע רעגירונג ערלויבּען אונזער אַרבּײַט?

יאַ! די טערקישע רעגירונג שטערט קײַנעם ניט אין זײַנע געשעפטליכע אונטערנעהמונגען. זי וועט אונז זיכער ניט שטערען, ווײַל זי וועט בּאַלד אַרויס זעהן וועלכע נוצען זי האָט פון אונז.

—וועט דען דער מיט תיכף דאָס גאַנצע פאָלק געהאָלפען ווערען?

דאַרוּיף מוז איך, אַלעס אַ עכטער יוד, ענטפערן מיט אַ שאלה: וואו זענען די אַנדערע מיטעל, וואָס קענען תיכף־ומיד העלפען? און וואו זענען די אַנדערע פלענער וואָס קענען ברײנגען די גאַנצע הילף?

די פיאָנערען, וועלכע קענען זיך ענטזאַגען פון דער אָנגערופענער אײראָ־פּאישער ציוויליזאַציאָן מיט איהרע געקויפטע פרײדען, די וועלכע פיהלען זיך בעסער און גליקליכער פנים־אל־פנים מיט דער פרײער נאַטור, אָט די שטאַרקע מענשען, וועלען אינים „בצלאל" תיכף טאַקי געפינען זײער גליק, פאַר דעם גאַנ־צען פאָלק אָבער וועט „בצלאל" זײן אַ נחמה. און דאָס אַלײן, אַז מיר יודען קע־נען שאַפען אין פּאַלעסטינאַ אַ בעסערע וועלט, וועט אונז אַרײנגעבען האָפנונג, אַז מיר קענען ווערען אַ נאַטירליך פאָלק, ווען מיר וועלען בעזיצען דעם מוט, ווײטער צו אַרבײטען אין פּאַלעסטינאַ.

—מוזען דען אַלע יודישע פּאַרטײען מודה זײן, אַז „בצלאל" קען האָבען אַ קיום נור אין פּאַלעסטינאַ?

יאָ! טויזענד מאָל יאָ! נור אין פּאַלעסטינאַ קען אַזאַ אינסטיטוט, ווי אונזער „בצלאל" עקסיסטירען און פאָרבערײטען אַ גרויסע צוקונפט פאַר אונזער פאָלק; ווײל דאָ איז ניטאָ קײן שום אַרבײטס־טראַדיציאָן, לאָזט זיך יעדע אַרבײטס־פאָרם אײנפיהרען.

נור דאָ האָט דער אַרבײטער די מעגליכקײט צו פּעראײניגען די ערד־אַרבײט מיט דער האַנד אַרבײט און אויף אַזאַ אופן זיך פערשאַפען ביליגע לעבענס־מיטעל, אַזוי אַז ער זאָל קענען קאָנקורירען מיט די אײראָפּאישע אַר־בײטער. מיט דער צײט וועט די פּראָדוקציאָן, וואָס שטאַמט פון דעם הײליגען לאַנד, געפינען אַ שטענדיגען קרײז פון קונים־ליעבהאָבער. ענדליך איז דאָ פאַראַן פיעל ביליגער רוי־מאַטעריאַל, און דער עקספּאָרט נאָך אײראָפּאַ און אַמעריקאַ איז, צוליעב דעם ים־וועג, זעהר פערגרינגערט און פערביליגט.

דאָס אַלס בעריהרט די געשעפטליכע זײט פון דער זאַך, מען דאַרף אָבער נאָך רעכנען אויך די מאָמענטען פון פּסיכאָלאָגישער נאַטור.

יעדער יוד, וועלכער קומט קײן פּאַלעסטינאַ, ער מעג זײן אַ בונדיסט, סאָ־ציאַליסט אָדער אַנאַרכיסט (פון דעם סאָרט קומען אויך אײניגע), פון דעם אײנפאַכען יודען און ציוניסטען רעד איך ניט, איז נאָך ניט גאָר אין גאַנצען אָבגעשניטען פון דעם נאַציאָנאַל־קערפער, און ער פיהלט אונזער „פאָלקס־שמערץ". ארץ־ישראל ווירקט ניט נור דערפאַר וואָס יעדער טריט דערמאָהנט אין אונ־

זער גרויסער פערגאַנגענהייט, אָבער אויך דער צושטאַנד פון די ווענינגע איינגע־וואַנדערטע יודען, וואָס וואָהנען שוין דאָ. מיר האָבען מעהר און בעסערע שולען אַלס די אַנדערע איינוואָהנער. אונזערע קאָלאָניען זענען שעהנער און געבילדע־טער, אונזערע הייזער זענען אייראָפּאישער געבויעט. אונזערע יודען זענען מענש־ליכער. קורץ, אין פּאַלעסטינאַ פערוואַנדעלט זיך דער עגאָאיזמוס אין אַ ליעבע צום פאָלק, יענער עגאָאיזמוס, וועלכער יאָגט אונז אומעדום אין גלות, אפילו דאָרט וואו מיר רעדען זיך איין אַז מיר אַרבייטען פאַר דער גאַנצער מענשהייט.

דער אייראָפּאישער יוד לעבט דאָ אין אַ גאַנץ אַנדערע שטימונג, ער פּאַסט זיך צו אויך גרינג צו די נייע לעבענס־פאָרמען. ער וועט זיך דאָ לייכט קענען בעגניגען מיט דער ראָלע פון אַ „פּועל בצלאל“, ווייל ער וועט פיהלען אַז ער טהוט דער מיט עטוואָס פאַר זיין פאָלק.

נור דאָ קענען זיך ענטוויקלען אונזערע יונגע טאַלאַנטען און אויפהעבען דעם „בצלאל“ מאַראַליש און מאַטעריעל, ווייל דער פאָלק׳ס־גייניע קען זיך דאָ נאַטירליך ענטוויקלען, און ער דאַרף ניט אָבזאָגען זיך פון זיינע אַנגעבוי־רענע געפיהלען, פון זיינע אייגענע אינסטינקטען, און מאַכען הפקר זיין „איך“.

דאָ דערצעהלט איהם יעדעס שטיינדעלי די שוין לאַנג פערגעסענע קינדער־מעשיות פון דער פערגאַנגענהייט, יעדער באַרג דערמאָהנט איהם אין אונזער געוועזענער פרייהייט. בעת דעם מאָהלען די עבט־יודישע טיפּען אונטער דעם בלויען הימעל פון אונזער לאַנד וועט זיך ערוואַכען אין אונזערע קינסטלער די נשמה פון אונזערע אבות, וואָס איז פערזונקען געוואָרען אינ׳ם לאַנגען שלאָף. זיי וועלען פעראייניגען דעם אַלטען טיעפען גייסט מיט דער נייעסטער טעכניק און וועלען אפשר ווידער אַ נייע וואָרט זאָגען.

— קען די אויפלעבונג פון אַ פאָלק קומען נור דורך אָרומע אַרבייטער אַליין?

ניין. אָבער אונזער „בצלאל“ וועט צוציהען צו דער אַרבייט אויך פיעל אינ־טעליגענטען און פיעל קאַפּיטאַל־קרעפטיג עלעמענטען.

פון די אינטעליגענטען וועלען אייניגע אַליין ווערען „פּועלי־בצלאל“ (ווי מיר האָבען שוין איצט אַזעלכע), אַנדערע וועלען זיך קענען פערנעהמען מיט ליבעראַלע בעשעפטיגונגען. פאַר פיעל קאַפּיטאַליסטען וועט „בצלאל“ שאַפען אַ מעגליכקייט אויף נייע און גינסטיגע געשעפטס־אונטערנעהמונגען. אונזער לאַנדווירטשאַפט וועט אָבער שוין זיכער קענען ערגייכען בעסערע רעזולטאַטען, ווייל ניט דאָס לאַנד

פאַלעסטינאַ איז טויט, נאָר די מענשען זענען דאָ פערזונקען אין שלאָף!

דער „בצלאל“ אָבער וועט שאַפען פיל אַרבייטס־קרעפטיגע עלעמענטען, און דאַמאָלט וועט דאָס לאַנד מיט זיינע נאַטירליכע אוצרות אויפלעבען און וועט געבען פיעל טויזענדער מענשען די מעגליכקייט צו לעבען.

—פון וועלכע מענשען וועלען זיך צונויפנעהמען די „פּועלי־בצלאל“?

1) פון די אַלע צאָהלרייכע בעגייסטערטע יונגעלייט אין ירושלים און אין ארץ־ישראל, וועלכע צאַנקען אינ׳ם פינסטערניש פון בית־המדרש, אָהן לופט און אָהן פרייד, וואָס פאָדערען גאָר דאָס וויינינגסטע פונ׳ם לעבען, וואָס ווינשען זיך נור מפרנס צו זיין פון זייערע האַנד־אַרבייט, וואָס זוכען איצט זיך עפּעס צו דערקוויקען מיט דער וויסענשאַפט און פּאָעזיע—קורץ: פון אַלע די יעניגע, וועלכע זענען אַזוי ווי צאַרטע בלומען אויפגעוואַקסען אויף דעם טרוקענעם חלוקה־באָדען.

2) פון אונזערע אויסגעבילדעטע האַנד־ווערקער אין רוסלאַנד און אין גאַליציען, וואָס פערדינען דאָרט זייער ברויט מיט דעם ביטערען שוויים, און מיט זייער בלוט ווילען זיי זיך קויפען מענשליכע רעכטע אויף אַ נאַטירליך לעבען.

3) פון די פיעל טויזענדער פון אונזער אינטעליגענץ־פּראָלעטאַריאַט, וואָס מיר פערמעהרען פון טאָג צו טאָג.

4) פון די בעוואוסטזיניגע יודישע אַרבייטער אויף דער גאַנצער וועלט, וואָס זייער נשמה איז נאָך ניט פערדאַרט געוואָרען דורך דעם גרויסשטעדטישען פאַבריק־לעבען, וואָס דער פאַבריק־גלאָק האָט נאָך ניט פערשקלאַפט זייער פרייען גייסט, וואָס זייער בלוט איז נאָך ניט אינגאַנצען פערקיהלט געוואָרען, די וואָס פיהלען נאָך אַ בענקשאַפט נאָך שעהנקייט, נאָך דעם בלויען הימעל, נאָך אַ ריין פאַמיליען־לעבען און נאָך אַ היים, וואָס זיי זאָלען זי קענען רופען זייער אייגענס.

זאָל אונזער „בצלאל“ ווערען דער סימבאָל פון דער יודישער אויפלעבונג, און אַ פאָלק קען ניט אויפלעבען נור דורך איין פאַרטיי, נאָר דורך אַלע בעסטע וואָס דאָס גאַנצע פאָלק פערמאָגט!

(„די וועלט“ נומ. 48, 1906). איבערזעצט אויס דעם דייטשען, פון

זלמן איצים.

די אויפגאבען פון די יונגע פיאנערען אין ארץ־ישראל

(א רעדע אויפ׳ן צוזאמענפאהר).

חברים! אִין דִי לעֶצטעֶ מִינוּטעֶן האָבּ אִיךְ געֶהעֶרט אונזעֶרעֶ חברים פִיהרעֶן צווִישעֶן זִיךְ אַ וִכּוּח. מ׳האָט אִיהם געֶפִיהרט מִיט הִיץ, מִיט התלהבות—עֶס האָט זִיךְ געֶדאַכט, אַז צווִישעֶן זײַ אִיז פאַרהאַן אַ גרוֹיסעֶר חלוק־דעות. אִין תּוֹךְ אָבּעֶר זעֶנעֶן זײַ אַלעֶ כּמעט אײַנפעֶרשטעֶנדאַן, דעֶר חלוק אִיז נאָר אִין דעֶר פראַזעֶאָלאָגיעֶ, וואָס בּײַ אײַן צד אִיז זִי אַ מאַרקסִיסטִישעֶ און בּײַ דעֶם אַנדעֶרן—אַנ׳אִידעֶאַלִיסטִישעֶ. קלאָר אִיז פאַר אונזעֶרעֶ חברים אײַנס, אַז פון מִילִיטעֶר־התחיבות אִין דעֶם אַלטעֶן בִּילוּ׳אִישעֶן זִינעֶן קאָן אִיצט קײַן רײד נִיט זײַן, מִיר זעֶנעֶן צוּ רעֶאַל פאַר אַזאַ אוֹיפפאַסוּנג; פון דעֶר אַנדעֶרעֶר זײַט ווִידעֶר אִיז אונז אַלעֶמעֶן קלאָר, אַז דִי אִימִיגראַציעֶ פון פִיאָנעֶרעֶן מוּז רעגוּלִירט ווערעֶן, אַז זִי קאָהן נִיט געֶהן ווײַטעֶר אַזוֹי ווִי זִי אִיז בִּיז אִיצט געגאַנגעֶן. דִי שוואַכסטעֶ זײַט אָבּעֶר פון אונזעֶרעֶ וכּוּחים אִיז, דאָס וואָס מִיר רײדעֶן פון אונזעֶרעֶ אוֹיפגאַבּעֶן אִין ארץ־ישראל פריהעֶר אײדעֶר מִיר ווײסעֶן רִיכטִיג, וואָס ארץ־ישראל אִיז און וואָס זִי פאָדעֶרט—דאָס אִיז דעֶר גרעֶסטעֶר חסרון און אִיהם מוּזעֶן מִיר זעֶהן אוֹיסמײַדעֶן.

אײנעֶר פון אײַך האָט געֶזאָגט: „מִיר דאַרפעֶן קעֶמפפעֶן געֶגעֶן דִי חלוּקה און זִי מבטל זײַן”. דאָס זעֶנעֶן געֶווִיס זעֶהר שעֶנעֶ ווערטער. אָבּעֶר ווִי קעֶמפפט מעֶן? אִיז דעֶן דִי חלוּקה אִין ארץ־ישראל עֶפּיס אַ קלײנִיגקײַט, גלאַט אַ צוּפאַל, וואָס מעֶן קאָן זִי נעֶהמעֶן און צוּנִישט מאַכעֶן? ווען דעֶר, וואָס האָט עֶס געֶזאָגט, וואָלט געֶהאַט אַ קלאָרעֶ השגה ווִעגעֶן דִי חלוּקה, וואָלט עֶר פעֶרשטעֶהן, אַז זִי אִיז שטאַרקעֶר פון אונז. ווִי אַזוֹי אִיז דִי חלוּקה געֶוואָרעֶן? דעֶר אײבִּיגעֶר דראַנג נאָך ארץ־ישראל און דִי שטעֶנדִיגעֶ קאַטאַסטראָפעֶן אִין יודִישעֶן גלות־לעֶבּעֶן האָבּעֶן געֶבּראַכט מאַסעֶן יודעֶן אִין ארץ־ישראל. דאָס אִיז געֶוועֶן אִין אַזעֶלכעֶ צײַטעֶן, וואָס דאָרט אִיז נִיט געֶוועֶן קײַן שוּם מעֶגלִיכקײַט צו לעֶבּעֶן אוֹיף אַ נאַטִירלִיכעֶן אוֹפן. דִי לִיעבּעֶ פון פאָלק צו זײַן לאַנד האָט געֶשאַפעֶן אַזאַ אִינסטִיטוּט, וואָס זײַן צִיעל אִיז געֶוועֶן אָט דִי אַלעֶ געֶקוּמעֶנעֶ אִין ארץ־ישראל צו העֶלפעֶן. און אוֹיף אַזאַ אוֹפן זעֶנעֶן אוֹיסגעֶוואַקסעֶן גרוֹיסעֶ יודִישעֶ ישובים אִין דִי הײלִיגעֶ שטעֶדט. דִי עֶרטעֶר אָבּעֶר לִיעגעֶן דאָס רוֹב אִין אוּנפרוּכטבּאַרעֶ געֶגעֶנדעֶן פון ארץ־ישראל, וואָס אִין זײַ אִיז שווער געֶוועֶן צו פעֶרדִיענעֶן בּײַ אַמאָלִיגעֶ צײַטעֶן, און אַזוֹי אִיז

די חלוקה געבליבען די איינציגע שטיצע זייערע גאנצע הונדערטער יאָהרען. און אז די נייע קאטאסטראָפען אין די לעצטע צעהנדליגער יאָהרען האָבען געבראכט אהין נייע טויזענדער אביונים. האָט דער זעלבסטערהאַלטונגס־טריעב דעם חלוקה־געשעפט פּערגרעסערט, מ׳האָט גענומען שטאַרק אַרבייטען אין דער זאַך און די חלוקה איז ביז 5 מיליאָן פראַנק יעהרליך אויסגעוואַקסען. ווער קאָן עס געגען אזא שונא קעמפפען? דלות קאָן אָבער נור דורך אַרבייט בעזיעגט ווערען— און איין „בצלאל" קאָן אין אַ קורצער צייט מעהר ווירקען ווי בן־יהודה׳ס 25 יעהריגע מלחמה. אין ירושלים, אין דעם פאַנאַטיש ווינקעל, וואו אַקינדער־גאָרטען ווערט אַריינגעלעגט אין חרם, אין דעמזעלבען ירושלים האָט מען געגעבען מאַהלען די חורבה־שול באָריס שאַטץ׳ען, דעם וואָס מאַכט בילדער, די גרעסטע עברה פאַר אַ פרומען יודען. געגען „בצלאל" איז קיין שלעכט וואָרט ניט געהערט געוואָרען—פאַרוואָס? ווייל „בצלאל" איז ניט נור מיט אידעאַלען געקומען, נאָר ער האָט געזאָגט: „איך וועל געבען ב ר ו י ט, און ב ר ו י ט איז אזא מין וואָרט, פאַר וועלכען אפילו אַ חרם האָט אויך דרך־ארץ.

און ברויט און אַרבייט דאַרפען מיר אויך דעם ארץ־ישראל יודען ווייזען. ניט געהן הונגערן אהין—דאָס וועט דעם ארץ־ישראל יודען אָבשרעקען, די אַרבייט איהם נאָך מיאוסער מאַכען. ניין. אַרבייטען און גוט פערדינען דאַרפען מיר אין ארץ־ישראל. אַז אונז זאָל גוט זיין און דעם ארץ־ישראל יוד זאָל אויך אַ חשק אָננעהמען צו אַרבייטען. געהן קאָנקורירען מיט אַראַבער און הונגערן איז נאָר פון די קליינע גליקען און ניט דאָס דאַרף זיין אונזער אידעאַל.

וואָס מיר האָבען אָבער צו טהאָן קאָנען מיר נאָר וויסען ווען מיר וועלען די חסרונות פון אונזער אַרבייט אין ארץ־ישראל און פון דאָרטיגען יודישען לעבען בעטראַכטען.

און די חסרונות זענען דיזעלבע, וואָס אין דער גאַנצער וועלט, די חסרונות, וואָס שאַפען דעם יודען אומעדום אַ גהעטאָ און לאָזען איהם ניט אַ לאַנד ערווערבען. און כל־זמן אַט די חסרונות וועלען עקזיסטירען—וועט דער יוד זיך קיין היים ניט שאַפען, ניט אין ארץ־ישראל, ניט קוקענדיג אויף דעם גרויסען כח פון דער ליעבע צום לאַנד, און ניט אין קיין אַנדערע לאַנד, עס מעג אפילו זיין דאָס פריינסטע און דאָס בעסטע אין דער וועלט.

אַ דרייגאָרענדיגע גהעטאָ האָט זיך דער יוד געשאַפען: אין אָרט פון זיין וואוינען, אין די ווירקזאַמקייט פון עקאָנאָמישען לעבען און אין דער אייגענשאַפט פון דער אַרבייט. דאַרף איך אייך דערצעהלען אַז יודען שטיקען זיך צוזאַמען אין

יעדעם לאַנד, אַפילו אינ׳ם פּריַיעסטען, אין עטליכע פּונקטען און דאָס איבּריגע לאַנד בּליַיבּט כּמעט לייִדיג פון זייַ? אָרער אַז יורען בּעשעפטיגען זיך נור מיט אַ קליינער צאָהל פּראָפעסיעס און בּעשעפטיגונגען, אַפּילו דאָרט, וואו זיי האָבּען רעכט זיך מיט אַלץ צו בּעשעפטיגען? לייענט אין די לעצטע ביכ׳לעך „Евр. жизнь" וועט איהר זעהן די סטאַטיסטיק פון יודישע בּעשעפטיגונגען אין רוסלאַנד, ווי אוננאָרמאַל די יודען זענען אין זיי פערטיילט. דאָס זעלבּע איז אָבּער אויך אין עסטרייַך, דייַטשלאַנד און אַלע אַנדערע לענדער. דאָ האָבּען זיך יודען אויך גע־שאַפען אַ מין גהעטאָ. אָבּער אויך אין דער אַרט פון דער יודישער אַרבּייַט, אין איהר אייַגענשאַפט האָט זיך דער יוד אַ קליין ווינקעל אויסגעקליבּען: „שלעכט און בּיליג"—ראָס איז די מאַרקע פון יודישער אַרבּייַט, שאַכעריי אין האַנדעל און פושעריי אין מלאכה—אַבּי וואָלוועל, אַבּי גיך פאַרקויפען און בּאַלד האָבּען דאָס שטיקעל בּרויט.

און דאָסזעלבּע איז אויך אין ארץ־ישראל. צווישען 700 טויזענד איינוואוינער זענען פאַרהאַן 85 טויזענד יודען, 12%—דאָס וואָלט געווען אַ בּעדייַטענדע צאָהל. מעהר ווי אין דער „טשערטאַ", וואו יודען געפינען זיך נור 10%, בּפרט אַז אין ארץ־ישראל איז דער יודישער נאַטירליכער צוואַקס אַ גרעסערער ווי בּיי דער אַראַבּישער בּעפעלקערונג און דערצו קומט נאָך צו די עמיגראַציע (מיט 25 יאָהר צוריק איז דער יודישער פּראָצענט געווען נור 5). ווי אַזוי זענען אָבּער די יודען אין לאַנד פערטיילט? און דאָ זעהען מיר ווידער די אַלט־בּעקאַנטע גהעטאָ. אין ירושלים איז פאַרהאַן לערך 45—50 טויזענד יודען צווישען 70 טויזענד איינוואוינער ($2/3$), אין צפת 10—12טויזענד צווישען 20 טויזענד איינוואוינער (50—60%), אין טבריא צווישען 6 טויזענד איינוואוינער 5 טויזענד יודען (מעהר פון 80%), און אין יפו 7—8 טויזענד צווישען 40 טויזענד איינוואוינער (לערך 20%). און אַזוי וואוינען כּמעט 70 טויזענד יודען אין 4 שטעדט און אין גאַנצען איבּריגען לאַנד זענען דאָ נור 10.000 יודען צווישען 550 טויזענד איינוואוינער, ד. ה. נור 2%, די זעלבּע ערשיינונג, וואָס מיר זעהען אומעדום אין גלות.

און אַזאַ סאָרט גהעטאָ האָבּען זיך אויך יודען געשאַפען אין די פּראָפע־סיעס מיט וועלכע זיי בּעשעפטיגען זיך אין ארץ ישראל (גלייַך אַזוי ווי אין די אַנדערע לענדער). מכח דער חלוקה רייד איך שוין ניט. דאָס איז אייגענטליך קיין פּראָפעסיע ניט, און דאָך האָבּען זיך געפונען אַ סך יודען, פאַר וועלכע זי איז ניט נאָר אַ צדקה, נאָר אַ פּראָפעסיע אויך. עס זענען פאַרהאַן אַ גאַנצע מחנה משולחים, גבּאים, שרייַבּערס און נאָך אַזעלכע בּרואים, וועלכע אַרבּייטען פאַר די חלוקה און

בעקומען בײַ איהר געצאָהלט. ווען מיר וועלען נאָך מוסיף זײַן די גרויסע מאַסע כלי=קדש, וואָס לעבען דורכאויס פון דער חלוקה און די פּרושים, אַט די הונדערטער יונגע לײַט, וואָס זיצען און לערנען און בעקומען פון דער חלוקה, ווי זיי זאָגען, שכירות פאַר זייער אַרבײַט, אָדער די איבעריגע דאַוונער, תהלים=און קדיש=זאָגער און יאָהרצײַט=יודען, מענשען, וואָס האַלטען זיך דורכאויס ניט פאַר צדקה=נעהמער און וועלכע קוקען אויף זיך ווי אויף מענשען, וועלכע האָבען אַ פּראָפעסיע און זענען זיך מתפרנס פון איהר,--דאַן וועלען מיר זעהן, אַז די חלוקה איז איינע פון די הויפּט=פּראָפעסיעס אין ארץ=ישראל. גיט נאָך צו דערצו הויזירערײַ, מיט וועלכער עס בעשעפטיגען זיך דאָס רוב אָרימע ספרד'ישע יודען, קליין=האַנדעל, שנײַדערײַ און נאָך עטליכע מלאכות און איבער די הײַזער געהן—און אַט זענען אַלע פּראָפעסיעס, מיט וועלכע דער שטאָדטיגער ארץ=ישראל=יוד בעשעפטיגט זיך. גיט צו פּראָצענט און וואָבער, אַביסעל גרויס=האַנדעל און פלעצער=ספּעקולאַ=ציעס און די יודישע פרנסות אין די שטעדט זענען שוין פול, קיין אַנדערע זענען ניטאָ, אינטעליגענטע פּראָפעסיעס איז ווײַטער אַ פּאָר דאָקטוירים. אַפּ=טהעקערס, לעהרערס און גענוג.

און נעהמט זיך דער יוד צו אַוועלכע עס איז אַרבײַט אָדער געשעפט, קומט באַלד די קאָנקורענץ מיט דעם נאָכטהון, און דאָס געשעפט אָדער אַרבײַט ווערט באַלד דערשלאָגען. דאָס בעמערקט זיך בעזונדערס אין די קאָלאָניעס. אַז מ'האָט אָנגעהויבען פלאַנצען טרויבען האָט מען נאָר טרויבען געפלאַנצט. ווער עס האָט נאָר געהאַט אַ שטיקעל ערד און עטליכע פראַנק, האָט געחאַפּט און געפלאַנצט אַ כרם, ביז מ'האָט דערפיהרט צו אַ קריזיס. 15 יאָהר זענען יודען אין יפו און נעבען איהר אין קאָלאָניעס געזעסען, אין יפו זענען הונדערטער אַראַ=בער פון אַפּעלסינען נתעשר געוואָרען, יודען אָבער איז אויפ'ן זינען ניט געקומען, אַז אַפּעלסינען איז אפשר אויך אַזאַ גוטע זאַך ווי ווײַן, אַרום לוד זענען גאַנצע וועלדער פון עהל=בוימער געלעגען, דאָס גרעסטע עשירות פון לאַנד, יודען אָבער האָבען ניט געפונען פאַר נויטיג אַזעלכע בוימער צו פלאַנצען. דער לבנון=געגענד ווערט נתעשר פון זײַדענצוכט, יודען אינטערעסירט דאָס ניט. לאַטאַקיע אין סוריה טראַנספּאָרטירט טאַבאַק פאַר הונדערטער טויזענד—וועמען אַרט עס? אויב די אַדמיניסטראַציע האָט געהייסען, האָט געלד געגעבען—גוט, ווען ניט—וואָס זאָל מען זיך אַליין דעם קאָפּ פערדרעהען?

בײַ די אַראַבער זענען געוועזען עהל=פאַבריקען, זייד=פאַבריקען, טעפּערײַען, וועבערײַען—וואָס איז דאָס יודען נוגע? אַראַבער און אייראָפּעער פיהרען גרויס=

האַנדעל מיט אייראָפּאַ, טראַנספּאָרטירען סחורות פאַר מיליאָנען — דער יוד אינטערעסירט זיך מיט דעם אויך ניט. זעהט איהר, ווען יודען וואָלטען זיך דערמיט בעשעפטיגט — דאַן וואָלט דאָס געווען אַן׳עסק — מען קאָן קאָנקורירען. און באמת, ווי נאָר מ׳האָט אַ פּאָר באַיאַרעס (אַפּעלסינען־גערטנער) אין פתח־תקוה געפלאַנצט, אַזוי האָבען זיך אַלע שטאַרק אַ חאַפּ געטהון צו באַיאַרעס; האָט מען אָנגעהויבען מאַנדלען פלאַנצען, האָט אָנגעהויבען געהן ביי אַלע קאָלאָניסטען איצט אַ סדרה מאַנדלען. און אַז אַ פּאָר יודען האָבען אַן׳עהל־פאַבריק געעפענט אין ארץ־ישראל, האַלטען דאָרט אין איין אויסוואַכסען נייע עהל־פאַבריקען. און אין דערזעלבער צייט ווען יודען חאַפּען זיך אַן׳עהל־פאַבריק אויף אַן׳עהל־פאַבריק אָנצובויען, ווערט אין ראש־פּנה די זיידענ־פאַבריק פערמאַכט און קיינעם קומט ניט אויפ׳ן זינען צו זעהן, אפשר איז גרינג ווידער זי צו עפענען, אפשר איז עס גאָר אַ גוט געשעפט, קיינעם קומט ניט אויפ׳ן זינען צו פּרובירען אַ פּאָהר־טהון אין לאַטאַקיע, צו זעהן וואָס איז די מעשה, וואָס דאָרט איז טאַבּאַק זעהר אַ הכנסה־זאַך און נעבען יפו ניט. אפילו אויף אַזאַ קליינע נסיעה איז קיין איניציאַטיווע ניטאָ, און מען לאָזט דעם טאַבּאַק־פלאַנצען אונטערגעהן.

און דאָ געהען מיר איבער צום דריטטען גהעטאָ. ניט נאָר איז אָרט האָבען זיך די יודען אַ גהעטאָ געמאַכט, ניט נאָר אין די פּראָפּעסיעס אַן׳ענג קליינווינקעל אויסגעקליבען, ניין, זיי האָבען זיך אויך אין דער אייגענשאַפט פון דער אַרבייט אַ מין גהעטאָ געמאַכט. דאָס פעהלען פון איניציאַטאַווע, די פּושעריי, וואָס בעמערקט זיך איבערהויבט ביי יודען אין אַלע מלאכות אומעדום, ברייגנען דערצו, אַז דער יוד איז בכלל אַ שלעכטער בעל־מלאכה. און ער סטאַרעט זיך קיינמאָל ניט אויסצולערנען זיך אַרבייטען ווי עס בעדאַרף צו זיין. און דעריבער ווען איהר דאַרפט האָבען אַ גוטען בעל־מלאכה אין אַ ארץ־ישראל׳דיגער שטאָדט, מוזט איהר זוכען אַן׳אייראָפּעער אָדער אַן׳אַרמעניער, אַ יודען קריגט איהר ניט. אין די קאָלאָניעס אַרבייטען דער קאָלאָניסט (אפילו אַז ער אַרבייט שוין יאָ) און דער יודישער אַרבייטער כמעט ווי אַ מאָל אדם־הראשון; און אומזיסט זוכט איהר ביי זיי נייע אַרט אַרבייט, און אַזוי קומט אויס, אַז דער יודישער אַרבייטער איז ניט אין שטאַנד דעם אַראַבער צו קאָנקורירען, פּשוט, ווייל ער אַרבייט אויך ניט בעסער און דער אַראַבער קאָסט דאָך פּאָרט ביליגער.

און אַזוי ווערט דאָס גאַנצע יודישע לעבען אין ארץ־ישראל פּאַראַליזירט אָט דורך דאָסזעלבע גהעטאָ־ערשיינונגען ווי אין גלות. זיצענדיג אין 5—4 שטעדט קאָן מען ניט דאָס עקאָנאָמישע לעבען פון לאַנד בעהערשען. דאָס יודישע עלעמענט

אִין דִי עֶטלִיכֶע שטעֶדט וואַכסט, אָבעֶר אִין דִי אִיבעֶריִגעֶ שטעֶדט וואַכסט=אוֹיס דעֶרווייַל אַ פרעֶמד עֶלעֶמעֶנט אוּן עֶנטוויִקעֶלט זִיך. אייֵניִגעֶ פּראָפּעֶסיִעֶס ווערעֶן פוּן יודעֶן איִבעֶרפיִלט, די איִבריִגעֶ אָבעֶר פאַלעֶן אַרייַן גאָר אָהן קאָנקוּרעֶנציִעֶ אִין פרעֶמדעֶ העֶנד. אוּן דאָ קאָן דעֶר געֶוועֶהנליִכעֶר יודיִשעֶר עֶמיִגראַנט גאָרניִט העֶלפעֶן. יעֶדעֶרעֶר קאָן נאָר דאָס געֶבעֶן, וואָס עֶר האָט, אוּן די יודיִשעֶ מאַסעֶ קאָן נאָר אַזעֶלכעֶ עֶמיִגראַנטעֶן געֶבעֶן, וועֶלכעֶ זִי האָט. האָט זִי עֶמיִגראַנטעֶן, וואָס קאָנעֶן זִיך נאָר בעֶזועֶצעֶן אייֵנעֶר נעֶבעֶן אַנדעֶרן אוּן וועֶלכעֶ האָבעֶן אִין זִיך וועֶניִג איִניִציִאַטיִוועֶ, האָט זִי בעלי=מלאכות פוּשעֶרס אוּן מעֶנשעֶן, וועֶלכעֶ אַרבייַטעֶן מיִט אַלטעֶ מעֶטאָדעֶן, קאָנעֶן יוּדעֶן נאָר עֶטליִכעֶ פּראָפּעֶסיִעֶס אוּן האָבעֶן ניִט קייַן חשק צוּ אַנדעֶרעֶ חוּץ די—קאָן זִי נאַטיִרליִך ארץ=ישראל נוּר אַזעֶלכעֶ געֶבעֶן אוּן ניִט קייַן אַנדעֶרעֶ. דאָ וועֶט אפילו קייַן נאַטיִרליִכעֶר אויסוואויל ניִט העֶלפעֶן, דעֶן עֶס איִז ניִטאָ פוּן וואָס צוּ וואוילעֶן. דאָ קאָן נאָר דעֶר „פּיִאָנעֶר" העֶלפעֶן, דעֶר פּיִאָנעֶר אִין אַלץ, דעֶר פּיִאָנעֶר אִין זוּכעֶן נייַעֶ פּלעֶצעֶר, נייַעֶ פּראָפּעֶסיִעֶס אוּן נייַעֶ מעֶטאָדעֶן פאַר אַרבייַט. אוּן דאָס ניִט דעֶר אַרבייַטעֶר, וואָס געֶהט אַרבייַטעֶן פאַר 40 קאָפּ. אוּן קאָנקוּריִרעֶן דעֶם אַראַבעֶר, ניִט עֶר איִז דעֶר פּיִאָנעֶר, ווען עֶר אַרבייַט אִין אַנ'אַלטעֶן אַרבייַטספּלאַץ, אִין אַלטעֶ פּראָפּעֶסיִעֶס אוּן מיִט אַלטעֶ מעֶטאָדעֶן; פעֶרקעֶהרט איִז, למשל, אַ איִנזשעֶנעֶר וויִלבוּשעֶוויִץ, וואָס זיִצט אַ פּאָר יאָהר אוּן לעֶרעֶנט אויס ארץ=ישראל אוּן גריִנדעֶט נייַעֶ צווייַגעֶן פוּן איִנדוּסטריִעֶ — אַ פּיִאָנעֶר אִין בעֶסטעֶן זִין פוּן וואָרט. דאָס זעֶלבעֶ וועֶט, למשל, אַנ'אַרבייַטעֶר, וואָס וועֶט אַרבייַטעֶן אויף אַנ'אייֵראָפּעֶאיִשעֶן אַרט, זייַן אַ פּיִאָנעֶר, דעֶן עֶר טהוּט אויף אַ נייַס, ווייַזט אַ נייַעֶם וועֶג אוּן פיִהרט ווייַטעֶר אוּנזעֶר עֶנטוויִקלוּנג אִין לאַנד. אוּן דעֶריִבעֶר איִז קלאָר, אַז די אויפגאַבעֶ פוּן אַ פּיִאָנעֶר איִז נייַעֶ פּלעֶצעֶר צוּ זוּכעֶן, נייַעֶ פּראָפּעֶסיִעֶס צוּ עֶנטוויִקלעֶן, נייַעֶ מאָדעֶרנעֶ מעֶטאָדעֶן פוּן אַרבייַט אייַנצוּפיִהרעֶן אוּן אויף אָט דעֶם וועֶג דעֶם פּלאַץ צוּ פעֶרנעֶהמעֶן. ניִט דוּרך קאָנקוּרעֶנץ אוּן הוּנגעֶרן דאַרף דעֶר יוּד מיִט די אַנדעֶרעֶ קעֶמפפעֶן, נוּר דוּרך העֶכעֶרעֶ לעֶבעֶנס=קוּלטוּר אוּן אַרבייַטס=פאָרמעֶן.

מיִר קאָנעֶן נאַטיִרליִך די עֶמיִגראַציִעֶ ניִט אייַנהאַלטעֶן, מיִר קאָנעֶן ניִט זאָגעֶן דעֶם יוּדעֶן: „פאָהר ניִט!" ווען עֶר וויִל פאָהרעֶן אוּן געֶפיִנט פאַר גוּט צוּ פאָהרעֶן, אַזוֹי ווי פוּן דעֶר אַנדעֶרעֶר זייַט דאַרפעֶן מיִר ניִט צוּרייֵדעֶן מעֶנשעֶן, אַז זייֵ זאָלעֶן פאָהרעֶן, ווען זייֵ האָבעֶן ניִט קייַן אייֵגעֶנעֶם וואוּנש דעֶרצוּ. מיִר מוּזעֶן אָבעֶר דאָך זִיך בעֶנוּצעֶן מיִט אוּנזעֶר פעֶרשטעֶהן אוּן וויִסעֶן די בעֶדעֶרפעֶניִשעֶן פוּן יוּדיִשעֶן ישוב אוּן לויט זייֵ צוּ וויִרקעֶן אויף די עֶמיִגראַציִעֶ. ווען

אַ נאַטירליכער אויסוואויל איז וועניג כדי צו מאַכען די עמיגראַציע נוצליך און צוועקמעסיג, מוז מען אַ קינסטליכען אויסוואויל דורכפיהרען, ד. ה. מ׳מוז זעהן, אַז דורך אַ ציעלבעוואוסטעס פיאָנערטהום זאָלען דעם לאַנד די עלעמענטען צוגע-פיהרט ווערען, וועלכע זענען נוצליך פאַר איהם, וועלכע קאָנען העכערע לעבענס-פאָרמען און אַרבייטס-מעטאָדען איינפיהרען. דער אַלטער יודישער פעהלער, די פושעריי, דאָס ניט ספּעציאַליזירען זיך, מוז אַרויסגעשטופּט ווערען דורך אַ געזונ-דעם עלעמענט, וואָס זאָל זיך קאָנען ספּעציאַליזירען, וואָס זאָל קאָנען נייע וועגען אין ארץ-ישראל׳ס עקאָנאָמישען לעבען אויסטרעטען. די יודישע עמיגראַנטען פון דער מאַסע וועלען שוין אויסגעטראָטענע וועגען געפינען און וועלען אין זיי זי-כער קאָנען געהן, אָט אין וואָס עס בעשטעהט די אויפגאַבע און דער תכלית פון די בילוייצעס.

דען אָהן דעם וועג, ד. ה. אָהן אויסאַרבייטען פון העכערע אַרבייטס-מע-טאָדען און צווייגען וועט דעם יודישען עלעמענט די קאָנקורענץ מיט דעם אַראַ-בער אונמעגליך זיין. אויב אין ליטאַ, וואו אין די שטעדטליך איז געוועזען 80 % יודען, איז נאָך מעגליך געוועזען ביי 16 שעה׳דיגע אַרבייטס-טעג דעם גוי פון דאָרף פון געוויסע אַרבייטען צו פערדרענגען, איז אין דרום-רוסלאַנד, דאָרט וואו אַ גרויסער טייל פון דער שטאָדטישער בעפעלקערונג זענען ניט קיין יודען, איז קיין יודישער פאַבריק-פראָלעטאַריאַט כמעט ניטאָ, דען אַז מ׳האָט דעם גוי אין שטאָדט, האָט מען איהם גיכער אויף אַרבייט גענומען איידער דעם יודען. אין די שטעדט פון ארץ-ישראל, וואו די גאַנצע אָדער אַ טייל פון דער בעפעלקערונג זענען אַראַ-בער--דאָרט וועט אויך דאָסזעלבע זיין; דער יודישער (און ניט יודישער-אודאי) קאַפּיטאַל וועט אַראַבישע אַרבייטער בענוצען; דאָסזעלבע וועט זיין מיט די פּראָפעסיעס, אין וועלכע יודען זענען ניט בעשעפטיגט, אָדער וועלכע יודען קאָ-נען שלעכט; אָט אַזוי איז געוועזען אין די קאָלאָניעס און אַזוי וועט זיין אין די שטעדט, ווען עס וועט ניט זיין קיין פיאָנערטהום.

פאַרהאַן אַזעלכע וועלכע מיינען, אַז דערצו קאָן מען העלפען, ווען מ׳וועט זעהן צו בעזאָרגען דעם אַרבייטער אויף קהל׳שען חשבון, ד. ה. ווען מען וועט פאַר איהם צוגרייטען ביליגע אָדער גאָר אומזיסטע דירות, ביליג עסען און דערגלייכען. איך בין ניט געגען אַזעלכע מיטלען, הגם אפילו אַ סך וועלען זיי אָנרופען קינסטליכע. מיט קינסטליכע פּריווילעגיעס און פּאָשלינעס האָט מען גאַנצע אינדוסטריען געשאַפען; קינסטליך האָט מען אונזערע קאָלאָניעס געשאַפען. ביי וועלכע טויזענדער אַרבייטער קאָנען איצט אַרבייט האָבען. דאָס וועט מען

אויך דארפען טהון, נאר דאס אַליין איז וועניג; דאס וועט נאר דעם בעל־הבית נוצען, ער וועט דעם אַרבייטער מעהר דעם לוין אַראָפּדריקען און אויף אַזא אופן וועט ער עס פון קהל פערדינען און לעגען זיך אין קעשענע. אַנדערש איז, ווען דער יודישער אַרבייטער וועט שענערע און בעסערע אַרבייט אַרויסגעבען—דאן וועט מען איהם גיכער נעהמען און בעסער צאָהלען פאר זיין אַרבייט.

און אָט דער פּרינציפּ מוז אין אַלץ דורכגעפיהרט ווערען. דער ערד־אַרבייטער מוז זיך אויסלערנען אייראָפּעאישׁ אַרבייטען, ער מוז אויסלערנען די תנאים פון לאַנד, איהר נאַטור, קלימאַט, פערשידענע פעלד־קולטורען, כדי ער זאָל קאָנען זיין אַן־אמת׳ער פּיאָנער אין זיין פאַך; דאָסזעלבע מוז דער בעל־מלאכה לערנען גוט צו אַרבייטען לויט די בעסטע אַרבייטס־מעטאָדען און לויט די בעדערפעניששען פון לאַנד; דער וואס רעכענט צו האַנדלען מוז פריהער אין אַ פרעמד געשעפט אַריין, זיך אין אַ געוויסע בראַנזשע ספּעציאַליזירען, די נויטיגע שפּראַכען אויסלערנען און בעקאַנט ווערען מיט די האַנדעלס־פערהעלטנישען פון לאַנד; מענשען מיט אינטעליגענטע פּראָפעסיעס מוזען זיך אויך ספּעציאַליזירען, כדי זיי זאָלען קאָנען די קולטור־בעדערפעניששען פון לאַנד מספיק זיין; טעכניקער, חימיקער א. ז. וו. דאַרפען זיך אין געוויסע אינדוסטריע־בראַנזשען ספּעציאַליזירען, ארץ־ישראל גוט אויסלערנען, כדי זיי זאָלען נייע אינדוסטריע־בראַנזשען ענטוויקלען; אַגראָנאָמען דאַרפען דורך ספּעציאַליזירונג און בעקאַנטשאַפט נייע פעלד־קולטורען איינפיהרען און די אַלטע אויסבעסערען; לעהרערס—בעסערע שולען גרינדען; דאָקטוירים—דעם געזונדהייט־צושטאַנד פון לאַנד פערבעסערן. עס מוזען דורך פּיאָנערען לעבענס־און קולטור־פאָרמען געשאַפען ווערען: ביבליאָטהעקען, בילדונגס־קורסען, ליעבהאָבער־טרופּען פאר טהעאַטער, מוזיק און גימנאַסטיקע (אין דעם פאַך איז שוין עטוואס געטהון געוואָרען). זעלבסט־הילף־חברות, בילדונגס גרופּען א. ז. וו. פון אָט די וועלען מיט דער צייט גרעסערע אָרגאַניזאַציעס אַרויס־געוואַקסען ווערען, וועלכע וועלען האָבען, ביי בעסערע פּאָליטישע צושטענדען, אַ גרויסע ווירקונג אין פּאָליטישען לעבען.

און ארץ־ישראל ענטוויקעלט זיך, די אָרדנונגען ווערען אויך בעסער. די טערקישע אַדמיניסטראַציע איז היינט אויך שוין ניט דאס, וואס זי איז געווען. זי איז אויך מענשליכער און אייראָפּעאישער, דאס וועט אייך יעדערער אין ארץ־ישראל זאָגען. דאָ וועט קולטור אַ גרויסע ווירקונג האָבען. יעדער ווייטערער טריט אין עקאָנאָמישער און גייסטיגער ענטוויקלונג פון יודישען עלעמענט אין לאַנד וועט די פּאָליטישע פערהעלטנישען אויך אויסבעסערן.

אִין אַלֶץ קָאֶנעֶן נאָר בּרוֹיט און קולטור העֶלפעֶן, דאָס זעֶנעֶן צווייֵ לשונות וואָס די גאַנצעֶ וועֶלט פעֶרשטעֶהט,פון חלוקה־יודעֶן בּיז צום טעֶרקישעֶן בּעֶאַמטעֶן. דעֶר חלוקה־יוד האָט פאַר בּרויט גרויס דרך־ארץ, עֶר וועֶט זייַנעֶ קינדער בּילדעֶן און פאַר אַרבּייַטער מאַכעֶן, וועֶן עֶר וועֶט זעֶהן, אַז אַרבּייַטעֶר פעֶרדיענעֶן ווירקליך גוט; דער טעֶרקישעֶר בּעֶאַמטעֶר וועֶט אויך פאַר גוטעֶ פעֶרדינעֶרם. פאַר טהעֶטיגעֶ און קולטעֶרעֶלעֶ מעֶנשעֶן דרך־ארץ האָבּעֶן. אָט דאָס איז דעֶר וועֶג פאַר'ן פּיאָנעֶר, דעֶר וועֶג, וואָס מוז אויסגעֶטראָטעֶן ווערעֶן פאַר די יודישעֶ בּרייטעֶ מאַסעֶן: העֶכעֶרעֶ אַרבּייַט און קולטור־פאָרמעֶן.

גאַנץ ארץ־ישראל מוזעֶן מיר מיט יונגעֶ לייַט פעֶרפלייַצעֶן: אַלעֶ שטעֶדט און גרעֶסעֶרעֶ דעֶרפעֶר און אַלעֶ יודישעֶ און ניט יודישעֶ קאָלאָניעֶס. אַלעֶ בּראַנזשעֶן פון עֶרד־אַרבּייַט, האַנדעֶל, מלאכה און אינדוסטריעֶ מוזעֶן דורך יודישעֶ יוגעֶנד פעֶרנומעֶן ווערעֶן; און די יודישעֶ אַרבּייַט מוז די בּעֶסטעֶ זייַן, זי מוז דעֶם טאָן געֶבּעֶן, זי מוז די גרעֶסטעֶ ראָלעֶ שפּיעלעֶן. יודישעֶ איניציאַטיווע און אַרבּייַט אויף אַ מאָדעֶרנעֶם יסוד מוז די לייַטעֶנדעֶ קראַפט אין ארץ־ישראל זייַן. וואו פרעֶמדעֶ שאַפעֶן דאָס לעֶבּעֶן, דאָרט פיהרעֶן זיי עֶס, און מיר בּרייַנגעֶן נאָר דאַפיר קרבנות און נוצעֶן נוצט עֶס אַנדעֶרעֶ; מיר מוזעֶן אַלזאָ דאָס לעֶבּעֶן אין ארץ־ישראל אַלייַן שאַפעֶן דאַן וועֶלעֶן מיר עֶס אויך פיהרעֶן, און אונזעֶרעֶ קרבנות וועֶלעֶן אונז אַלייַן נוצעֶן, דיענעֶן צו גוטעֶן און שאַפעֶן פאַר אונז אַ זיכעֶרעֶ היים.

יעקב רבינוביץ.